STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06029

DAVID KESLER UN MUNI VAYZENFRAYND

Mendel Osherowitch

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אשעראוויטש

דוד קעסלער און מאני וויזענפריינד

צוויי דורות אידיש טעאטער

ניו יארק, 1930.

פרייז $2.00

Copyright
by
M. Osherowitch
New York, 1930.

אפ־טו־דייט פרינטינג קאמפאני, 476 בראדוויי, ניו יארק.

דוד קעסלער אַלס „שלמה׳קע שאַרלאַטאַן“.

אינהאַלט

אַ פּאָר באמערקונגען — — — — — — — — — — — — — — — — 7

דוד קעסלער

קאַפּיטעל. זייט
1. קינסטלערישע קאַפּריזען — — — — — — — — — — — — — 13
2. די ערשטע בויער און זייער רעפּערטואַר — — — — — — — — 35
3. קעסלער'ס יוגענט — אין קישינעוו — — — — — — — — — 46
4. פון רומעניען קיין אַמעריקע — — — — — — — — — — — 70
5. קעסלער ביי פּראַבע — — — — — — — — — — — — — — 81
6. קעסלער'ס צוגאַנג צו פּיעסען און צו ראָלען — — — — — — — 101
7. די לעצטע יאָרען — — — — — — — — — — — — — — 124

מוני ווייזענפריינד

1. טאַלאַנט און כאַראַקטער — — — — — — — — — — — — — 145
2. בעסער טעאַטער און בעסערע טעאַטער־געביידעס — — — — — — 157
3. אַ קינד אין ראָלען פון אַלטע לייט — — — — — — — — — 162
4. אויפ'ן עולם התוהו, זוכענדיג אַ תיקון — — — — — — — — 172
5. אויף דער שוועל פון ניו יאָרק — — — — — — — — — — 180
6. די ערשטע צוויי יאָר אין אידישען קונסט־טעאַטער — — — — — 193
7. שווער צו זיין אַ גוטער אַקטיאָר אויף דער אידישער בינע — — 207
8. אַ קינסטלער אַ נע־ונד'ניק — — — — — — — — — — — — 221
נעמען־אָנצייגער — — — — — — — — — — — — — — — — 249
בילדער־אָנצייגער — — — — — — — — — — — — — — — — 255

א פּאָר באַמערקונגען.

איך ווייס, אַז ניט איינער וועט שטעלען די פראַגע:

„פאַר וואָס עפּיס גאַר „דוד קעסלער און מוני ווייזענפריינד — צוויי דורות אידיש טעאַטער" ?

„פאַר וואָס ניט ציהען קיין פאַרגלייך צווישען דוד קעסלער און יעקב פּ. אַדלער, וועלכע האָבעןביידע געשאַפען אין איין צייט, געהענדיג אויף פאַרשידענע וועגען און אין באַזונדערע ריכטונגען ?"

„און אויב ניט יעקב פּ. אַדלער, איז אַן אַנדערער פון'ם אַלטען דור אידישע שוישפּילער, וועלכע זיינען געווען די ערשטע בויער פון דער אידישער בינע ?"

וויל איך דאָ דאַריבער זאָגען גלייך פון אָנפאַנג, אַז מיט מיין בוך בין איך ניט אויסען געווען צו ציהען אַ פאַרגלייך צווישען דוד קעסלער און מוני ווייזענפריינד. פונקט ווי פאַר אַ סך אַנדערע, איז פאַר מיר קלאָר, אַז די צוויי קינסטלער געהערען צו צוויי פאַרשידענע דורות און אויך צו צוויי באַזונדערע ריכטונגען אין דער טעאַטער־קונסט.

געטריי צו דער טעאַטער־ריכטונג פון זיין צייט, ווען עס האָבען פאַר דער ביהנע געשריבען די דראַמאַטורגען פון דער ש ט א ר ק ע ר פ ר א ז ע, איז דוד קעסלער געווען דער שוישפּילער פון ברייטען זשעסט. מוני ווייזענפריינד ווידער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון דער נייער צייט, פון דער מאָדערנער בינע־שולע, און ער איז דער שוישפּילער פון שטילען טאָן, פון דעם ניט דערזאָגטען וואָרט.

און אין אַלגעמיין קען דאָ ניט זיין קיין פראַגע וועגען ציהען אַ פּאַראַלעל.

און ווייל איך האַלט פון דעם כלל, אַז עס איז אַלע מאָל בעסער צו ריידען קלאָר און ניט פאַרטומלען דעם קאָפּ מיט כלומר'שט טעאָרעטיש באַגרינדעטע השערות און חקירות, וואָס מען קען אריינטייטשען און אריינ'פּשט'לען אין וואָס מען וויל נאָר אַליין, וועל איך זאָגע גאַנץ אָפענהערציג, אַז אָפּשטעלענדיג זיך אויף אַ שוישפּילער פון דעם אַלטען

דור און אויף אַ צווייטען שוישפּילער פון דעם נייער דור, האָב איך אויסגעקליבען די צוויי, וועלכע זיינען מיר נאָהענט צום האַרצען.

צי איך בין גערעכט אין מיין אויסוואַל צי ניין — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. עס קענען זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלען דענקען, אַז איך בין ניט גערעכט; אַנדערע ווידער וועלען גלויבען, אַז איך בין יאָ גערעכט. ביי זיך אַליין בין איך געווים גערעכט, ווייל — זאָג איך נאָך אמאָל — די צוויי שוישפּילער, דוד קעסלער פונ׳ם אַלטען דור און מוני וויזענפריינד פונ׳ם נייעם דור, זיינען מיר פערזענליך נאָהענט צום האַרצען.

דערמיט וויל איך בשום אופן ניט זאָגען, אַז איך האָב, חלילה, די כונה ניט אָפּצושעצען ווי געהעריג די פאַרדינסטען פון אונזערע אנדערע עלטערע אידישע שוישפּילער, אָדער פון די אנדערע איינגערע, וועלכע האָבען אויפגעטאָן זעהר אַ סך און טוען נאָך איצט אויך אויף פאר דער ענטוויקלונג פון דער בעסערער אידישער בינע. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז ווען מען וועט שרייבען עהרליך די געשיכטע פון אידישען קונסט־טעאטער, וועט מען ווי געהעריג אָפּשעצען די גרויסע פארדינסטען פון מאָרים שוואַרץ און מען וועט זיך אויך אָפּשטעלען באַריכות אויף דער קינסטלערישער טעטיגקייט פון א יחיאל גאָלדסמיט און פון די אנדערע בעסערע שוישפּילער, וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט׳ן אידישען קונסט־טעאטער. אָבער איך וויל ניט לייקענען, אז ביים אויסקלייבען די טעמע האָב איך זיך פריהער פון אלץ צוגעהערט צו דער שטים פונ׳ם הארץ. און איך האלט אין אַלגעמיין, אַז ווען מען שרייבט אַ בוך וועגען אַ מענשען — וועגען אַ שריפטשטעלער, וועגען אַ שוישפּילער, אָדער גלאַט וועגען א וויכטיגער פערזענליכקייט, וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטען — דאַרף מען אויס־קלייבען אַזאַ, וואָס איז נאָהענט צום האַרצען.

די מאָדערנע ביאָגראַפערס באַנוצען זיך מערסטענטיילס מיט אָט דעם כלל. און דערמיט דערקלערט זיך אפשר דער פאַקט, וואָס ביאָ־גראַפיעס האָבען די לעצטע צייט אַזאַ גרויסען ערפאָלג אין אַלע שפּראַ־כען, ווייל ווערטער, וואָס קומען ארויס פון האַרץ, געהען אריין אין האַרץ.

און עס וואָלט אפשר ווירקליך געווען ניט קיין קרומע זאך, אַז אין אונזער אידישער ליטעראַטור, וואו מען האַלט זיך אין איין קלאָגען

אויף דער פאַרגליווערטקייט אינ׳ם ביכער־מאַרק, זאָל מען אויך אָנהויבען שרייבען אַזעלכע ביאָגראַפיעס פון באַרימטע שריפטשטעלער, שוישפּילער און סתם וויכטיגע פּערזענליכקייטען, וועלכע האָבען אויפגעטאָן גרויסע זאַכען אויף דעם געביט פון קולטורעלען שאַפען בכלל און אויף דעם געביט פון קונסט בפרט.

די צוויי ביאָגראַפיעס, וואָס געהען אריין אין דעם בוך, זיינען געשריבען געוואָרען אין צוויי באַזונדערע צייטען. איך האָב אין אָנפאַנג גאָר ניט געהאַט בדעה זיי צו דרוקען צוזאַמען אין איין בוך. די ביאָגראַפיע פון קעסלער׳ן און אַן אָפּשאַצונג פון זיין קינסטלערישער טעטיגקייט, וואָס האָט ארומגענומען אַ פעריאָד פון קנאַפּע פערציג יאָר אידיש טעאַטער, האָב איך אָנגעשריבען נאָך פאַראַיאָרען, לויט אַ באַשטעלונג פון דעם אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע. עטליכע קאַפּיטלען — אין אַ פאַרקירצטער פאָרמע — געהען טאַקע אריין אין דעם זאמעלבוך „אַרכיווען פאַר געשיכטע פון אידיש טעאַטער”, וואָס דער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט האָט ארויסגעגעבען, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. יעקב שאַצקי.

די ביאָגראַפיע פון מוני וויזענפריינד און אַן אָפּשאַצונג פון זיין קינסטלערישער טעטיגקייט אינ׳ם משך פון קנאַפּע צען יאָר אויף דער אידישער בינע אין ניו יאָרק האָב איך אָנגעשריבען שפּעטער, מיט׳ן אויסזיכט עס׳ צו דרוקען אין אַ גרויסען טעאַטער־זאַמעלבוך, וואָס האָט געזאָלט אַרויס פון דרוק. דאָס איז אויך געווען אַ באַשטעלונג.

אָבער די אַרבייט האָט זיך צואוואַקסען אונטער די הענט, און דאַן האָב איך באַשלאָסען ארויסצוגעבען ביידע מאָנאָגראַפיעס אין איין בוך.

אפשר וועט דאָס זיין אַ גוטער אָנפאַנג פאַר אַ גאַנצער ריי מאָנאָגראַפיעס וועגען עלטערע און אינגערע אידישע קינסטלער, וועלכע האָבען ווירקליך גרויסע פאַרדינסטען אויף דעם געביט פון קינסטלערישען שאַפען.

צום שלום וויל איך דאָ אויסדריקען אַ גרויסע דאַנק די מענשען, וועלכע האָבען מיר אַ סך געהאָלפען ביים קלייבען מאַטעריאַלען וועגען דעם לעבען און שאַפען פון דוד קעסלער. די אַרבייט איז געווען אַ שווערע, איבער דעם וואָס ביי אונז זיינען אַזעלכע מאַטעריאַלען ניט געזאַמעלט, און ווען מען געפינט שוין יאָ אַ פּריוואַטען אַרכיוו דאָ און דאָרט, איז שווער אין איהם אַ טאָלק צו דערגעהן, ווייל עס פעהלען

דאַטומס און אַנדערע וויכטיגע פּונקטען; איינע פון די שווערסטע זאַכען איז צו געפינען נויטיגע דאַטומס און אַרטיקלען אין אַלטע אידישע צייטונגען פון יאָרען צוריק; די אידישע צייטונגען האָבען ניט קיין אינדעקסען, וואו עס זאָלען פאַרצייכענט ווערען די וויכטיגע אַר־טיקלען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אינ׳ם משך פון אַ יאָר; מוז מען זיך אַמאָל דאַריבער פאַרלאָזען אויף דעם זכרון פון דעם און פון יענעם, און דערביי מוז מען, ס׳פאַרשטייט זיך, זיין זעהר פאָרזיכטיג און וויסען וואָס ס׳איז פּסולת און וואָס ס׳איז זעמעל־מעהל...

אַ שווערע אַרבייט געווען, אָבער דאָך אַן אַנגענעמע.

דאַנק איך דעריבער די מענשען, וועלכע האָבען מיר אַרויסגע־האָלפען מיט אָנווייזונגען ביים קלייבען די מאַטעריאַלען, ביים זאַמלען די פאַקטען. און זאָלען דאָ זייערע נעמען דערמאָנט ווערען:

קלאַראַ יאַנג, לייב און סאָניע נאַדאָלסקי, לעאָן בלאַנק, סעם קעס־טין, יודעל דובינסקי, איזידאָר קעשיר, לאַזאַר פריד, אברהם פישקינד, זלמן זילבערצוויג, וויליאַם פאַסטערנאַק, יעקב קאַליך און נאָך אַנדערע.

גאָר אַ גרויסען דאַנק דריק איך אויס צו בעני שפּיצער, וועלכער איז געווען פאַרבונדען מיט׳ן פאַרשטאָרבענעם דוד קעסלער אַ פופצען יאָר. מר. שפּיצער האָט מיר וועגען דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסען קינסטלער דערצעהלט זעהר אַ סך כאַראַקטעריסטישע זאַכען, וואָס איך האָב אויסגענוצט אין מיין אַרבייט וועגען קעסלער׳ן.

מ. אַשעראָוויטש.

ברוקלין, פעב. 10טען, 1930.

דוד קעסלער

1

קינסטלערישע קאַפּריזען.

אָפּשאַצען דוד קעסלער'ן אַלס קינסטלער, זיך פאַנאַנדערקלייבען אין זיינע מענשלאַכע כאַראַקטער־שטריכען, וועלכע פלעגען זיך ווי פון אַ וואולקאַן ארויסרייסען אין מאָמענטען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט קינסטלערישען שאַפען; אונטערשטרייכען זיינע גרויסע פאַרדינסטען פאַר דער אידישער בינע, וואָס ער האָט געהאָלפען בויען — דאָס איז איינע פון די גאָר שווערע אויפגאַבען. סאַי ווען מען טרעט צו צו דעם פון אַ געשיכטלאַכען שטאַנדפּונקט און אויך ווען מען באַטראַכט דאָס פון דער פּסיכאָלאָגישער זייט.

וואָרים אין דער צייט ווען די אַנדערע פּיאָנערן פון דער אידישער בינע זיינען געווען קלאָר אויסגעשפּראָכענע און דייטליך אָנגעצייכענטע פיגורען, און מען האָט מיט באַשטימטקייט געקאָנט זאָגען אין וועלכער ריכטונג עס גייען זייערע פאַרדינסטען פאַר דער אנטוויקלונג פון'ם אידישען טעאַטער, האָט מען דאָס וועגען קעסלער'ן קיינמאָל ניט געקאָנט זאָגען באַשטימט, ווייל ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אויף איין וועג. ער האָט זיך זייער זעלטען געהאַלטען אין דער ליניע, וואָס ער אַליין האָט צייטענווייז פאַר זיך אָנגעצייכענט; ער איז אַלע מאָל געווען אַ נ ד ע ר ש , ווייל ער האָט זיך אַלע מאָל ערגעץ פאַרטשעפּעט; עס האָט אים אַליין געפעלט קלאָרקייט, און דער עיקר — ווייל ער אַליין איז געווען איינע פון די קאָמפּליצירטסטע נאַטורען, סאַי אַלס קינסטלער און סאַי אַלס מענש.

פּונקט ווי מען ווערט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטען וואַלד, וואו די וועגען און שטעגען זיינען אינגאַנצען אָפּגעווישט און וואו די

הויכע בוימער פארשטעלען די זון, אזוי ווערט מען פארבלאָנדזשעט ווען מען נעמט זיך פאנאנדערקלייבען אין דעם, וואָס מען האָט אָנ־געזאמעלט וועגען דעם מערקווירדיג אָריגינעלען מענשען און דעם מערקווירדיג אָריגינעלען קינסטלער — דוד קעסלער.

אזוי פיל ווידערשפּרוכען אין איין מענשען!

אָט שטויסט איר זיך אָן אָן א פעסט אויסגעצעמענטעוועטער גאנצקייט. און אָט גאָר — אָן א נעבעכדיגער צוריסענקייט.

אָט זעט איר פאר זיך א מענשען מיט אן אייזערנעם ווילען, וואָס קיין מאכט אין דער וועלט קען ניט ברעכען. און אָט איז שוין דער זעלבער מענש שוואך און אומבאהאָלפען ווי א לעמעלע, וואָס לאָזט זיך פירען אויפ'ן שטריקעל וואוהין מען וויל נאָר.

אָט איז דער מענש ווילד ווי א צורייצטער טיגער און ווארפט ארויף א מורא אויף אלעמען. און אָט איז ער שוין צארט און ווייך ווי א קינד, וואָס דערפילט מיט אמאָל, אז עס האָט באגאנגען אן עולה.

אָט איז ער גוט, און אָט איז ער שלעכט.

אָט שפּילט ער אזוי וואונדערבאר, אז דער גאנצער עולם אין טעאטער און אויך די שוישפּילער אויף דער בינע זיינען גרייט אים אויף די קעפּ צו טראָגען. און אָט שפּילט ער אזוי שלעכט, אז עס איז פּשוט א שרעק צו קוקען אויף אים.

אָט שאפט ער אויף דער בינע אזא באגייסטערונג, אזא קינסט־לערישע דערהויבונג, אז אלע אקטיאָרען און אקטריסעס, וועלכע שפּי־לען מיט אים, דערפילען מיט אמאָל אויף זיך די גרויסע אחריות פון שעפער און עס הויבט זיך זיי אָן דוכטען, אז זיי זיינען אין דער בחינה פון כהנים, וועלכע פראווען די עבודה אין א הייליגען טעמפּעל. און אָט פארלירט ער גאָר פלוצלונג די באציאונג צו זיין אייגענעם שאפען און דעם דרך ארץ פאר'ן עולם, וואָס איז געקומען אין טעא־טער אים זען, און ער צושטיפּט זיך אויף דער בינע אזוי הפקר'דיג, אז אלע אקטיאָרען און אקטריסעס, וועלכע שפּילען מיט אים, גייען

איננאַנצען אַרויס פון זייערע ראָלען און די פּאָרשטעלונג ווערט אַ מין פּאַרשייטע הפקר־שפּיל, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אָפּגעריסען פון אַ קיום.

היינט אַ גביר, מאָרגען אַ פּראָפּאַן; היינט אַ רשע, מאָרגען אַ צדיק; קיינמאָל ניט אויסגעהאַלטען, קיינמאָל ניט קאָנסעקווענט, — אָבער אַלע מאָל — אַ קינסטלער, אַ גרויסער קינסטלער.

וואָרים אַפילו אין די מאָמענטען, ווען ער האָט אויף דער בינע אויפגעהערט צו זיין דער קינסטלער, איז דאָס ניט געווען דער רע־זולטאַט פון אַ ביליגער באַציאונג — ווי איינע מיינען — נאָר גיכער דער רעזולטאַט פון אַ קינסטלערישען קאַפּריז.

קינסטלערישע קאַפּריזען האָט דוד קעסלער געהאַט אַ סך. זיי זיינען אָבער ניט געווען קיין אויסדרוק פון צובאַלעוועטקייט; גיכער זיינען זיי געווען דער אויסדרוק פון אַן אָנגעווייטאָגטען געפיל, וואָס האָט קעסלער'ן דעם קינסטלער, שוין צו אָפט און שוין צופיל גע־פּייניגט און געמוטשעט; עס איז געווען די שולד פון די נאַרישע און ביליגע שונד־פּיעסען, אין וועלכע מען האָט אים איינגעשפּאַנט; זיי האָבען אים, צייטענווייז, געמאַכט ווילד און ער האָט געפילט, אַז ער מוז, אויף דער בינע, זיך נוקם זיין אין זיי אויף זיין אייגענעם שטייגער; חוזק מאַכען פון זיי און אויך פון דעם עולם, וואָס פּאַס־מאַקעוועט זיך אַזוי מיט די אומגעלומפּערט־צונויפגעשטשאָבעטע אומ־זיניגקייטען, וועלכע האָבען ניט קיין טעם און קיין ריח. אין אַ בע־סערער פּיעסע, אין אַ שטיק, וואו ער האָט מיט זיין געזונטען חוש דערפילט דאָס מענשלאַכע, האָט דוד קעסלער זיך ניט דערלויבט אַזעלכע „קאַפּריזען", וואָס זאָלען צושטערען דעם גאַנג פון דער פּאָרשטע־לונג און איבעררייסען די האַנדלונג, סיידען דאָס שלעכטע שפּילען פון די אַנדערע אַקטיאָרען האָט אים אַזוי אַרויסגעבראַכט פון גע־דולד, אַז ער האָט זיך שוין מער ניט געקענט קאָנטראָלירען. און דאָס האָט אויך געקענט געשען דאַן, ווען ער האָט באַמערקט, אַז דער עולם איז ניט אויפמערקזאַם גענוג צו דער פּאָרשטעלונג.

פונקט ווי ער האָט צייטענווייז ניט געקענט קאָנטראָלירען זיין קינסטלערישען טאַלאַנט, וועלכער האָט זיך ווי אַ שטורמדיקער ים פון די ברעגען געריסען, אַזוי האָט ער צייטענווייז ניט געקענט קאָנטראָלירען זיינע קינסטלערישע קאַפּריזען. ער האָט זיי געמוזט אויסדריקען, אַנדערש וואָלט אים אויסגעקומען די אייגענע ליפּען ביז בלוט צוצובייסען און דאָס אייגענע האַרץ אינגאַנצען אויסשפּייען...

דאָס שלעכטע שפּילען פון אַן אַקטיאָר און אויך די תמ'עוואַטע, קאַלטע בליקען פון שלעכטע, ניט־ענטוויקעלטע און ניט־פאַרשטענדיגע צושויער האָבען קעסלער'ן געקענט אַריינטרייבען אין אַזאַ ווילדקייט, וואָס מען זעט זעלטען ניט נאָר ביי געוויינלאַכע מענשען, נאָר אויך ביי טעמפּעראַמענטפולע קינסטלער.

ביי אַ סך מענשען אין די אידישע טעאַטער־קרייזען הערשט נאָך ביז היינטיגען טאָג די מיינונג, אַז קעסלער האָט ניט געהאַלטען פון אַנדערע אַקטיאָרען, און אַז די אורזאַך פון דעם איז טיילווייז געווען קנאה.

מען קען ניט לייקענען. אַזאַ זאַך ווי קנאה איז קעסלער'ן ניט געווען פרעמד. און ער האָט דאָס טאַקע אָפען אַרויסגעוויזען מ ע ר ו ו י אַ נ ד ע ר ע. מען מוז אָבער אויך צוגעבען, אַז זיין קריטיק אויף אַנדערע אַקטיאָרען האָט זיך גענומען הויפּטזעכלאַך פון דעם, וואָס ער איז צו אַן אַקטיאָר צוגעגאַנגען מיט גרויסע פאָדערונגען אַלס אַ קינסטלער.

פאַר אים איז ניט געווען גענוג וואָס אַן אַקטיאָר האָט „אָפּגעשפּילט אַ ראָלעכעל גאַנץ גלאַטיק". ער האָט געוואוסט, אַז אַ גוטער רעזשיסער קען יעדען איינעם מאַכען „אָפּשפּילען אַ ראָלעכעל גאַנץ גלאַטיק". ער האָט אין אַן אַקטיאָר פריער פון אַלץ געוואָלט זען ט אַ ל אַ נ ט, נ ש מ ה. און ווען ער האָט דאָס ניט געזען, ווען ער האָט דאָס ניט געפונען, איז ער געווען ענטוישט. און ער האָט די ענטוישונג אָפען אַרויסגעוויזען. דערפאַר אָבער, ווען ער האָט דאָס יאָ געזען, ווען ער האָט דאָס יאָ געפונען, האָט ער זיך געפרייט, און

ווען דער טאַלאַנט איז ווירקלאַך געווען גרויס, איז קעסלער געווען ענט־ציקט, איז ער געווען באַגייסטערט, און ער האָט די באַגייסטערונג ארויסגעוויזען, כאָטש דער געפיל פון קנאה איז אים אין אזא מאָמענט ניט געווען פרעמד.

ווען דער רוסישער שוישפילער, אָרלעניעוו, האָט גאַסטראָלירט אין ניו יאָרק, איז קעסלער געוואָרען זיינער אַ פאַרברענטער „פאַט־ריאָט"; ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ פרייען אָוונט איז ער אים געגאַנגען זען, און נאָך יעדער אַקט האָט ער מיט באַגייסטערונג אַפּ־לאָדירט.

„דאָס איז אַ גאָט־געבענשטער קינסטלער!" — פלעגט ער זאָגען וועגען אָרלעניעוו'ן.

ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, אין ניו יאָרק דערזען סאַראַה בערנהאַרד שפּילען, איז ער געבליבען זיצען אַ פאַר־גאַפטער; דאָס שפּילען פון דער גרויסער קינסטלערין האָט אויף אים אזא שטאַרקען איינדרוק געמאַכט, האָט אים אזוי צורודערט, אַז ער האָט זיך אויף מאָרגען געשעמט צו גיין שפּילען אין עפּעס אַ נאַרישער פּיעסע, וואָס איז דאַן געגאַנגען אין זיין טעאַטער.

— ווי אזוי קען איך גיין שפּילען, — האָט ער גע'טענה'ט, — ווי אזוי וועל איך קענען הערען ווי מען סקאַוואַטשעט אויף אונזער בינע, נאָכדעם ווי איך האָב געהערט סאַראַה בערנהאַרד!...

וועגען דעם רוסישען אַקטיאָר איוואַנאָוו־קאָזעלסקי, וועלכען ער האָט געזען אויף דער בינע נאָך אין די יונגע יאָרען, פלעגט ער ריידען מיט דער גרעסטער באַגייסטירונג.

און פונקט אזוי פלעגט ער אויך ריידען וועגען זיגמונד מאָגור־לעסקאָ, וועגען מאָריץ מאָריסאָן, וועגען רודאָלף שילדקרויט, וועגען דער איטאַליענישער אַקטריסע מימי אַגוליאַ, און וועגען מאַדאַם קאָמי־סאַרזשעווסקאַיאַ.

אויך וועגען אייניגע יונגע אידישע אַקטיאָרען האָט ער געהאַט אַ סך גוטס צו זאָגען. און עס איז אַ פאַקט, אַז ער איז געווען דער

ערשטער צו באַמערקען דעם יונגען טאַלאַנטפולען אידישען שוישפּי־לער, מוני ווייזענפריינד.

זיין באַציאונג צו אַנדערע שוישפּילער איז געווען פון דעם מין, וואָס מען קען צוטיילען. ער האָט געקענט פיינט האָבען איינעם אַלס אַקטיאָר און אים ליב האָבען אַלס מענש. ביים שפּילען, אָדער ביי פּראָבע, האָט ער איינעם געקענט דערגיין די יאָרען, אָבער נאָכ'ן שפּילען האָט ער שוין צו דעם מענשען געהאַט אַן אַנדער באַציאונג און געקענט ריידען מיט אים זייער פריינדלאַך, פּונקט ווי ער וואָלט אים גאָר קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט.

אין אַלגעמיין האָט ער געהאַלטען, אַז צו דער בינע האָבען זיך צוגעשלאָגען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען זיך בעסער געדאַרפט נעמען פאַר אַן אַנדער פּראָפעסיע...

זיין מיינונג איז געווען, אַז אַן אַקטיאָר דאַרף — אָדער האָבען טאַלאַנט, אָדער — ניט זיין קיין אַקטיאָר...

ער האָט ניט ליב געהאַט די „הילצערנע דראָנגען", די „פּורציעס", וועלכע האָבען זיך פּאַרליינט אויף דער בינע, כדי זיי זאָלען „קענען אויפשטיין שפּעט" און זיך צוגעשלאָגען צום פּאַך אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבען געהאַט גענוג חוצפּה. ער האָט זיי פּשוט ניט געקענט אַריי־בערטראָגען אַלס אַקטיאָרען. און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלע־גענהייט, האָט ער זיי דאָס אַרויסגעוויזען.

ווען מען האָט אים איינמאָל געפרעגט, וואָס ער דענקט וועגען אַ געוויסען אידישען אַקטיאָר, וועלכער האָט זיך צוגעשלאָגען צו דער בינע בלויז אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט געהאַט גענוג חוצפּה, האָט קעסלער געענטפערט:

„איך באַוואונדער אים דערמיט, וואָס ער האָט אַזוי פיל מוט אויפצוטרעטען אויף אַ בינע, ניט האָבענדיג קיין ברעקעל טאַלאַנט, און איך באַוואונדער אויך די צושויער אונזערע. . . דזשי, ווי זיי האָבען דאָס גערולד אַריבערצוטראָגען אַזאַ שפּילען!"

מיט דעם זעלבען אַקטיאָר איז אים שפּעטער אויסגעקומען אַרומ־

צופאַרען איבער דער פּראָווינץ אויף גאַסט־פאַרשטעלונגען, און יע־נער האָט דערפון זייער וויניג נחת געהאט, ווייל אָפט מאָל פלעגט קעס־לער אויף דער בינע איבער אים ווערען זייער ווילד, אָדער ער האָט גאָר גענומען חוזק מאַכען פון אַלץ און פון אַלעמען און די גאַנצע פאָרשטעלונג איז אוועק אין אַזא ווילדען גאַלאָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט זיך פון א קייט אָפּגעריסען...

האָט מען קעסלער׳ן איינמאָל געפרעגט:

— וואָס האָט איר צו דעם אומגליקלאַכען מענשען? איר וועט אים דאָך דערגיין די יאָרען. איר וועט אים נאָך אריינטרייבען אין א טשאַכאָטקע...

— א רחמנות, א גרויסער רחמנות אויף אים, — האָט קעסלער געענטפערט און עס האָבען זיך אים געשטעלט טרערען אין די אויגען. — אָבער, — האָט ער גלייך געביטען דעם טאָן און א קריץ געטאָן מיט די ציין, — וואָס קען איך זיך העלפען, אז ער האָט פאָרט קיין טאַלאַנט ניט?!...

אַלס א מענש האָט ער טאַקע רחמנות געהאַט אויף יענעם אַק־טיאָר, אָבער אַלס קינסטלער האָט ער אויף אים קיין רחמנות ניט געקענט האָבען...

דער געוויסען האָט אים אָבער, קענטיג, געפּלאָגט פאַר וואָס ער פאַרשאַפט א מענשען אַזוי פיל יסורים, און ער האָט געזוכט א תירוץ דארויף:

— יו סי, — האָט ער אָנגעהויבען, זוכענדיג ווערטער, ווי אַזוי דאָס צו דערקלערען, — יו סי... נעמט א פערד... עס איז פויל... עס וויל ניט גיין... עס וויל זיך פון אָרט ניט רירען... פויל... גיט מען עס א זעץ מיט א געפלאָכטענער פּיזשעלע, דערפילט עס א ווייטאָג, און — עס רירט זיך... עס הויבט אָן גיין... איז אָבער פאַראַן אַזא פערד, וואָס איז אַזוי פויל, אז דער זעץ פון א געפלאָכטענער פּיזשעלע העלפט ניט... עס האָט א האַרטע פעל דאָס פערד... עס פילט ניט קיין וויי־טאָג... נעמט מען און מען צולייגט א פייער אונטער דעם... א פייער...

דאָס פוילע פערד דערפילט דאָס פייער, גיט עס אַ שפּרונג און הויבט אָן לויפען... ער אָבער, יענער אקטיאָר, האָט אַזאַ דיקע פעל אויף זיך, אַז אפילו קיין פייער נעמט אים ניט... ער פ י ל ט גאָר ניט, אַ דונער זאָל אים אים טרעפען!... ער איז קיין אקטיאָר ניט!...

צו אַ געוויסער אידישער אקטריסע האָט ער שטענדיג געהאַט טענות פאַר וואָס זי שפּילט אַזוי שלעכט; ער איז איר דערגאַנגגען די יאָרען און זיך אַלץ געקריגט מיט איר. האָט זיך איינמאָל גראָד געמאַכט אַזאַ געשיכטע:

ער איז אַרויסגעפאָרען מיט אַ טרופּע שפּילען אויף דער פּראָווינץ, און יענע אקטריסע איז אויך געווען מיט אים. אין אַ שטעטעל איז ער מיט דער גאַנצער טרופּע אַריינגעקומען אין אַ פּריוואַטען אידישען רעסטאָראַן עסען מיטאָג. דאָס עסען איז נאָך ניט געווען פאַרטיג. און אַזוי ווי די אקטריסע האָט געוואוסט, אַז קעסלער האָט ניט ליב צו זיין הונגעריג, האָט זי געבעטען די באַלעבאָסטע פון׳ם רעסטאָראַן, אַז זי זאָל איר ערלויבען אַליין צו מאַכען פאַר קעסלערן׳ עפּעס אַ מאכל איבערצוכאַפּען.

די באַלעבאָסטע האָט דאָס איר ערלויבט.

אויף קעסלער׳ן האָט דאָס זייער שטאַרק געווירקט און צוקוקענדיג ווי די אקטריסע איז זיך אַזוי מתעסק אין דער אַרבעט, האָט ער געזאָגט:

— אויף מיין וואָרט, איר זענט דאָך אַזאַ גוטער מענש!... איך פאַרדינט, אַז מען זאָל צו אייך זיין גוט... אָבער, צום שוואַרצען יאָר, — וואָס קען איך זיך העלפען, אַז איר זענט פאַרט אַ שלעכטע אקטריסע?

מיט אַן ערנסטער מינע אויפ׳ן פּנים איז ער געזעסען און געקוקט אויף איר, און ווען ער האָט דערזען ווי קונציג און בריה׳ש זי שניידט ציבעלעס אין קליינע רייפטלאַך, האָט ער געזאָגט:

—למאי זאָל איך לייקענען, אין אַט דער אַרבייט, אין שניידען ציבעלעס, זענט איר ווירקליך גרויס...

און אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ:

— עך, צום טייפל! ווען איר וואָלט ניט געווען קיין אַקטרי־סע, וואָלט איך אייך דאָך אויפ'ן קאָפּ געטראָגען!...

ווענען אַ אידישער אַקטריסע, וועלכע האָט אויף דער בינע שטענדיג גערעדט אין איין טאָן, האָט ער געזאָגט:

— איר טאָן קלינגט אַזוי, פּונקט ווי מען וואָלט אין אַ פינסטערער נאַכט פון אַ שפּריצער געגאָסען וואַסער אויף אַ שטיק בלעך...

אַן אַקטיאָר, וועלכער האָט אין טעאַטער אַרויסגעוויזען מער פיי־אינקייט צו געשעפט־פאַרוואַלטונג ווי צו שוישפּיל־קונסט, האָט קעס־לער'ן איינמאָל איינגעלאַדען צו זיין ערענ־אָווענט.

— און וואָס שפּילט איר? — האָט אים קעסלער געפרעגט?

— וואָס הייסט וואָס? — האָט דער אַקטיאָר געענטפערט, — דאָס זעלבע, וואָס איך שפּיל אַלע מאָל צו מיין ערענ־אָווענט, — שעקספּיר'ס „שאַילאָק".

ווען קעסלער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אָנגעצונדען. אַלע בלוטען זיינען אים געקומען אין פּנים אריין. ער האָט אפשר גע־פילט ווי אָנצוכאַפּען יענעם אַקטיאָר און אים צורייסען אויף שטיקער דערפאַר וואָס ער שפּילט „שאַילאָק". ער האָט זיך אָבער איינגעהאַל־טען, און אַריינלייגענדיג בײדע הענט אין די קעשענעס, ווי ער וואָלט זיי דערמיט געוואָלט איינצוימען, האָט ער צווישען די ציין אַרויסגע־ברומט:

„וועל, דהער איז נאָ לאָאָ!" (נישטאָ קיין געזעץ).

און געהייסען האָט עס אַזוי:

ווען עס וואָלט יאָ געווען אַ געזעץ, וואָלט מען יענעם אַקטיאָר געדאַרפט שטרענג באַשטראָפען דערפאַר, וואָס ער נעמט זיך אונטער צו שפּילען „שאַילאָק". נאָר אַזוי ווי אַזאַ געזעץ איז נישטאָ, האָט מען ניט קיין אַנדער ברירה און מען מוז מיט פאַרקריצטע ציין זאָגען:

„וועל, דהער איז נאָ לאָאָ!"

און אָט איז נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל:

אין אַ פּראָווינץ־שטאָט איז קעסלער'ן איינמאָל אויסגעקומען צו

שפּילען מיט אַ יונגען אַקטיאָר, פון וועמען ער האָט זייער שטאַרק ניט געהאַלטען. קעסלער, אין דער ראָל פון אַ טאַטען, איז געזעסען, אויף דער בינע, און דער יונגערמאַן, אין דער ראָל פון אַ זון, האָט זיך דראַמאַטיש געבעטען ביים טאַטען, אַז ער זאָל אים לאָזען חתונה האָבען מיט זיין „הארצענס געליבטער", ווייל אָן איר איז זיין לעבען קיין לעבען ניט, אָן איר וועט אים אויסקומען זיך אָנצוטאָן אַ מיתה משונה און ער וועט יונגערהייט אוועק פון דער וועלט.

די סצענע איז געווען זייער אַ דראַמאַטישע און האָט געזאָלט ארויסרופען מיטגעפיל צו דעם פאַרליבטען, אָבער קעסלער האָט אין דעם קיין דראַמאַטישקייט ניט געקענט פילען, ווייל חוץ דעם, וואָס דער אַקטיאָר האָט ניט ריכטיג באַטאָנט די ווערטער, איז זיין קול קעס־לער'ן זייער ניט געפעלען געוואָרען; מיט זיין אייגענאַרטיגען אופן צו באַשטימען זאַכען און זיי געבען אַ קאָליר, האָט קעסלער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דער אַקטיאָר האָט אַ „געלע שטימע", — ווי ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט, — אַ שטימע, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ שמש אין אַ קליין שוהל'כעל, אָדער גלאַט פאַר אַ זלידניע, וואָס טשעפּעט זיך צו ווי אַ קליעשטש; און אַזוי ווי קעסלער האָט שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגען דאָס שפּילען פון דעם אַקטיאָר מיט דער „געלער שטימע", האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיט אַלע כוחות אים געגעבען אַ ביס...*)

און פונקט אַזוי ווילד האָט ער געקענט ווערען פון אַ שלעכטען עולם, וואָס האָט גלייכגילטיג און תמ'עוואַטע געקוקט אויף דער בינע.

אין זיינע זכרונות וועגען אידישען טעאַטער דערציילט דער שוי־שפּילער לעאָן בלאַנק, אַז ווען מען האָט קעסלער'ן איינמאָל איינ־געשפּאַנט צו שפּילען קלמן יואוועליר'ס ראָל אין „פּראָפעסאָר" משה הורוויץ'ס אָפּערעטע „בן הדור", איז ער ביים שלוס פון אַן אַקט, באַמערקענדיג די קעלבערנע בליקען פון דעם עולם, געוואָרען אַזוי

*) אינטערעסאַנט איז, וואָס די אַלע „העלדען" פון די אויבענדערמאָנטע פאַלען, זיינען שפּעטער אינגאַנצען אַוועק פון דער אידישער בינע.

ווילד, אַז אָנשטאָט אויסצושרייען „איך בין דער פּרינץ בן הדור!״ האָט ער פון צווישען די ציין געגומען ברומען מיט כעס:

„לאָזט מיך אָפּ! איך וועל זיך אָפּרייסען ווי אַ הונט פון דער קייט... איך וועל אַריינשפּרינגען צו זיי (צום עולם). איך וועל זיי רייסען, איך וועל זיי בייסען, איך וועל זיי איינשלינגען!״

און געענדיגט אין דעם טאָן ווי די ראָל האָט געפאָדערט: „איך בין דער פּרינץ בן הדור!״*)

פאַר נאָענטע מענשען האָט ער זיך ניט איינמאָל געקלאָגט:

— ווי אַזוי קען מען פאַר זיי שפּילען מיט חשק און עפּעס שאַפען אויף דער בינע? איך קען דאָך אין יעדער ראָלע פּלוידערען וואָס איך וויל און וואָס עס פאַלט מיר נאָר אַרויף אויף דער צונג; איך קען דאָך אין יעדער ראָלע האַקען ווערטער אַפילו פון דער הפטורה און זיי וועלען זיך גאָר ניט כאַפּען... וואָס פאַרשטייען זיי וואָס ווייסען זיי?

און אָפטמאָל האָט דאָס אים געטריבען צו אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז ער, דער ריז אין וואוקס און אין גבורה, האָט געוויינט ווי אַ קינד. אַרונטערגייענדיג פון דער בינע נאָכ׳ן שלום פון אַן אַקט, האָט ער געקענט אָנכאַפּען ביי דער האַנט אַן אַקטיאָר און מיט טרערען אין די אויגען אויסריידען פאַר אים זיין ביטער האַרץ:

— זאָג אַליין, ווי אַזוי קען מען שפּילען, אַז דאַרטען אין טעאַ־טער זיצען מענשען מיט בלעכענע פּנים׳ער?

„בלעכענע פּנים׳ער״ — דאָס איז געוועזן זיין כאַראַקטעריסטיק אויף טאַלאַנטלאָזע אַקטיאָרען און אויך אויף די, וואָס מען קען אָנ־רופען „טאַלאַנטלאָזע צושויער״. די ערשטע האָט ער ניט געקענט הערען. די לעצטע האָט ער ניט געקענט זען.

די טאַלאַנטלאָזע צושויער האָבען אָבער ניט געליטען פון זיינע קינסטלערישע קאַפּריזען, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט זיין

*) לעאָן בלאַנק׳ס מעמואַרען, געדרוקט אין „פאָרווערטס״ אין יאָר 1928. די מעמואַרען זיינען רעדאַגירט געוואָרען פון מיר.

טיפער ווייטאָג, זיין שטענדיגע אומצופרידענקייט מיט דעם מצב פונ'ם אידישען טעאַטער און זיינע צושויער; זיי, די „בלעכענע פּנים'ער" אין טעאַטער, האָבען קעסלער'ס קאַפּריזען אָנגענומען אַלס א טייל פון דער שפּיל און זיי האָבען זיך דערמיט גאָר אַמוזירט. געליטען פון די קאַפּריזען האָבען די „בלעכענע פּנים'ער" אויף דער בינע, און אַמאָל אויך אַזעלכע וואָס האָבען דוקא יאָ געהאַט טאַלאַנט אָבער אַן אנדער אופן פון אויסטייטשען און אויפפּאַסען א ראָל; אויך צו זיי איז דוד קעסלער אָפט מאָל געווען זייער אומ־גערולדיק און צייטענווייז זייער ברוטאַל.

ער האָט אַלעמען געזאָגט אָפען וואָס ער האָט געדענקט וועגען זיי; געשניטען דעם אמת, זיין אייגענעם אמת, גלייך אין פּנים אריין.

צו אַזא אנערקענטען שוישפּילער ווי יעקב פּ. אדלער, האָט ער איינמאָל געזאָגט:

— איר פאַרשטייט, די צרה מיט אייך באַשטייט אין דעם, וואָס איר ווילט דוקא שפּילען מיט קונצעלאַך... איר האָט ניט ליב ארויסצוגיין אויף דער בינע ווי א מענש. איר מוזט דוקא ארונ־טערפליען פון א וואָלקען, ארויסשפּרינגען פון הינטער דער ערד, אָדער ארויסקריכען פון א קוימען... דאָס טויג ניט. מען דאַרף שפּילען אָן קונצעלאַך...

צו די קלענערע איז ער געווען נאָך שטרענגער, און דערפאַר איז טאַקע קיין וואונדער ניט וואָס א סך אידישע אַקטיאָרען האָבען צו דערציילען א סך שלעכטס וועגען קעסלער'ן.

„אָה, ער איז געווען א שווערער מענש"! — הערט מען אָפט ווי דער אָדער יענער אַקטיאָר זאָגט וועגען דעם פאַרשטאָרבענעם קינסטלער. — „עס איז שווער געווען מיט אים אויסצוקומען".

אָבער אַזא באַמערקונג וועגען קעסלער'ן קענט איר הערען פון א אידישען אַקטיאָר בלויז דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען זיינעם א פּערזענלאַכען צוזאַמענשטויס מיט דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסען

קינסטלער. קיין שנאה אויף קעסלער'ן האָט קיינער אין דער פּראָ־פעסיע ניט געטראָגען, אפילו די, וועמען ער האָט צייטענווייז גאַנץ שטאַרק ווי געטאָן, און נאָך ביז היינטיגען טאָג קען מען אין אונ־זערע טעאַטער קרייזען הערען ווי אידישע שוישפּילער דערציילען מיט גרויס הנאה אָן א שיעור געשיכטעס, ווי אַזוי קעסלער האָט ביי פאַרשידענערליי געלעגענהייטען קורץ אַרויסגעזאָגט מערקווירדיג טרעפלאַכע און זייער געלונגענע מיינונגען וועגען דעם אַקטיאָר, אָדער וועגען יענער אַקטריסע.

און מען מוז ווירקלאַך צוגעבען, אַז ווען עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען שוישפּיל־קונסט, וועגען טעאַטער, האָט קיינער ניט געקענט אַרויסזאָגען אַ מיינונג אַזוי קורץ און שאַרף, אַזוי געלונגען און אַזוי טרעפלאַך ווי קעסלער.

אין זיינער אַ מיינונג וועגען אַן אַנדער שוישפּילער איז אַלע מאָל געווען דער תמצית, דער תוך, דער עיקר פון דער מעלה, אָדער פון דעם חסרון, וואָס יענעמס שפּילען האָט אין זיך געהאַט.

אין זיינע זכרונות וועגען דער רוסישער אָפּערע, דערציילט דער דירעקטאָר פון די רוסישע קייזערלאַכע טעאַטערס, טעליאַקאָווסקי, אַז דער גרויסער רוסישער קינסטלער פיאָדאָר שאַליאַפּין האָט זייער אָפט געהאַט אַ סך צוזאַמענשטויסען מיט אַנדערע קינסטלער אויף דער בינע, אַז ער האָט זיך אַלע מאָל אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ נייעם סקאַנדאַל און אַז עס איז איינמאָל אַזש דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די קאַפּעלמייסטערס האָבען געמאַכט אַ חרם געגען אים און ניט גע־וואָלט דיריגירען דעם אָרקעסטער ווען ער טרעט אויף אין אַ ראָל. טעליאַקאָווסקי גיט אָבער צו דערביי, אַז די מענשען, וועלכע האָבען שאַליאַפּינ'ען גוט געקענט, די מענשען, וועלכע האָבען אים גוט פאַר־שטאַנען, האָבען אויף אים בשום אופן ניט געקאָנט ברוגז זיין פאַר דעם, וואָס ער צוקריגט זיך אַלע מאָל מיט אַן אַנדערען, פאַר דעם וואָס ער פּלאָנטערט זיך אַלע מאָל אַריין אין אַ סקאַנדאַל, ווייל די קריגערייען און די סקאַנדאַלען זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין ריין

פּערזענלאַכע, זיי זיינען אַלע מאָל געווען אויף אַ קינסטלערישען באָדען.*)

דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען דוד קעסלער'ן. פּערזענלאַכע קריוודעס האָט ער זיך קיינמאָל ניט גענומען אַזוי שטאַרק צום הארצען ווי קינסטלערישע קריוודעס. ער האָט געקענט מוחל זיין די גרעס־טע עולה, וואָס מען איז באַגאַנגען געגען אים פּערזענליך; ער האָט אָבער ניט געקענט מוחל זיין און ניט געקענט פאַרטראָגען קיין פאַלשען טאָן אויף דער בינע. טאַלאַנטלאָזיגקייט פון מיטשפּילער האָט אים אָפטמאָל געבראַכט דערצו, אז ער זאָל בייסן די פויסטן און זיך רייסן די האָר פון'ם קאָפּ.

עס איז קעסלער'ן שווער געווען צוצוטרעפען, ווייל ער האָט שטענדיג געהאַט דאָס געפיל, אז עס איז נישט דאָס וואָס וואָלט באַדאַרפט זיין. אין דעם פּרט איז ער געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיך אים אַזש אָנגעהויבען דוכ־טען, אז אַלץ ארום אים איז „עפּעס נישט אַזוי", אז מען האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, פאַרדרייט און — זיך אפילו מיט די נעמען געביטען... אַן אַקטריסע, וואָס הייסט, לאָמיר זאָגען „ראָזע", האָט געדאַרפט הייסען „ציבעלע"... אַן אַקטיאָר, וואָס הייסט, לאָמיר זאָגען, „מאַראַנץ", האָט גאָר געדאַרפט הייסען „רעטאָך"...

געווען זיכער, אַז אַ נאָמען דאַרף שטימען מיט דעם מענשען, וואָס טראָגט אים. דאַרף זיך פּאַסען פאַר אים...

און דאָ זעט ער אַלץ מענשען מיט אַזעלכע נעמען, וואָס פּאַסען זיך ניט פאַר זיי!

האָט ער טאַקע אַ סך מענשען געגעבען אַנדערע נעמען, וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראַכט...

ווען אים איז ניט געפעלן געוואָרען אַ נאָמען, האָט ער געטאָן

*) וו. א. טעליאַקאָווסקי „מיט שאַליאַפּינען ביי דער ארבייט" (רוסיש), לעניגראַד, 1927.

וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אים צו פאַר׳מיאוס׳ן אין די אויגען פון דעם מענשען, וואָס האָט דעם נאָמען געטראָגען.

פון דער אַקטריסע חנה אַפּעל האָט ער געהאַלטען. עס איז אים אָבער ניט געפעלען איר נאָמען. „אַפּעל — עפּעל, באַר — פלאָמענ־צימעס" — פלעגט ער דעם נאָמען איבערקרימען, און ער האָט אַלץ געוואָלט, אַז די מאַדאַם אַפּעל זאָל הייסען אַנדערש.

פלעגט ער אָפטמאָל, ווענדענדיג זיך צו איר, אַ זאָג טאָן אַזוי:

— הערט, מאַדאַם וויינשעל...

— איך הייס ניט „מאַדאַם וויינשעל", נאָר מאַדאַם אַפּעל, — האָט אים די אַקטריסע געזאָגט.

— אָ, יעס, דהאַטס ראַיט... הערט, מאַדאַם פלוים...

— איך הייס ניט „מאַדאַם פלוים", נאָר מאַדאַם אַפּעל...

— אָ, יעס. אַי בעג יור פאַרדאָן!... הערט, מאַדאַם באַנאַנאַ...

— אָבער, מיסטער קעסלער...

— אָ, ענטשולדיגט!

און אין אַ ווײַלע אַרום גאָר אַ נײַס:

— הערט, מאַדאַם קאַרש...

און אַזוי פלעגט ער זי אָנרופען די נעמען פון פרוכטען און אַלערליי שאר ירקות, כדי זי זאָל אַליין וואַרפען אַן אומ׳חן אויף איר נאָמען און אים בייטען...

ער האָט ניט ליב געהאַט קיין אַקטיאָרען, וועלכע קומען אַרויס אויף דער בינע און שיסען גליַיך אויס דעם גאַנצען פולוועך. און דערפאַר האָט ער זיך טאַקע אַזוי אָפט אַרומגעריסען מיט איינער פון זיינע אַקטריסעס, וועלכע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו הויכע טענער און צו געוויין.

די ערשטע צייט איז ער צו איר געווען עדעל, איר ניט געמאַכט קיין איין באַמערקונג אָן „אַי בעג יור פאַרדאָן". שפּעטער אָבער, ווען זיין געדולד האָט שוין געפּלאַצט, האָט ער מיט איר אָנגעהויבען ריידען אויף זיין שטייגער:

— וואָס פאַר אַ ברעכען פּיסקעס? ! — האָט ער איר געזאָגט, — צו וואָס אַזאַ עסיג־זויערע צורה?... טראַגעדיע דאַרף מען אויסדריקען מיט אַ פּנים און ניט מיט קיין צורעפּעטען קניש!

אָדער:

— געוואַלד, וואָס האָסטו זיך אַזוי צוסקאַוואַטשעט אין ערשטען אַקט? וואָס וועסטו שוין טאָן אין דריטען?...

ער האָט אויך ניט ליב געהאַט קיין אַקטיאָרען, וועלכע רייסען זיך דוקא צו גרויסע ראָלען מיט אַ סך ווערטער, און קיין אַנדער נאָמען האָט ער פאַר זיי ניט געהאַט ווי נאָר „אַקטיאָרען מיט פּרשות".

— גיב אים דאָס גרויסע פּרשה'לע. — פלעגט ער אין זיין טאָן חוזק מאַכען, — לייג אים אַריין אין מויל די שטאַרקע „פראַזע", וואָס קי־צעלט „משה'ן" אין די פּיאַטעס, און שרייב פאַר אים אַ „פּאָס־טערעל", אַ ניכפּה אויף אים!...

און ריידענדיג וועגען אַזעלכע אַקטיאָרען פלעגט ער זאָגען:

— אַ גוטען אַקטיאָר אויף דער בינע דערקענט מען ניט דאַן, ווען ער רעדט, נאָר דאַן, ווען ער שווייגט...

מיט דער אַקטריסע סאָניע נאַדאָלסקי האָט ער איינמאָל געהאַט אַ צוזאַמענשטויס ביי אַ פאָרשטעלונג; אים האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי האָט אַ געוויסע סצענע ניט דורכגעפירט אַזוי ווי ער האָט מיט איר איינגעשטודירט, האָט ער אָנגעהויבען קריצען מיט די ציין און גענומען ברומען זיין באַרימטען: „נו־נו־נו!"

נאָך דער פאָרשטעלונג האָבען זיך די צוויי שטאַרק צוקריגט. די אַקטריסע איז געוואָרען היסטעריש און אָנגעהויבען שרייען:

„איר זענט אַ רשע, אַ שלעכטער מענש, אַ יאַהאַן גראָזני!... איר באָדט זיך אין מענשלאַך בלוט!... זאָלט איר וויסען, אַז ניט נאָר מיר אַלע דאָ, נאָר אויך אונזערע קינדער, פאַרשילטען אייך!... ווען מיר קומען אַהיים, וויינען מיר מיט בלוטיגע טרערען... אונזערע קינדער פרעגען אונז פאַר וואָס מיר וויינען, דערציילען מיר זיי, אַז דאָס איז איבער אייך, אַז איר פּייניגט אונז, אַז איר מוטשעט אונז,

אז איר באָדט זיך אין אונזער בלוט און אז מיר קענען שוין מער פון אייערע קאפּריזען ניט אויסהאַלטען... אונזערע קינדער הערען דאָס, שיקען זיי אַ קללה אויף אייער קאָפּ!... איר הערט? אַ קללה!... און איר זאָלט אויך וויסען, אז דאָ צווישען אונז, געפינען זיך אַקטיאָרען און אַקטריסעס, וועלכע ווינשען זיך דעם טויט איבער אייך!... ווען זיי גייען אין טעאַטער מאַכען פּראָבע, אָדער שפּילען מיט אייך, בעטען זיי גאָט, אז אן אַטאָמאָביל זאָל זיי איבערפאָרען, אז זיי זאָלען אויפ'ן גלייכען וועג דער'הרג'עט ווערען, אַבי ניט צו ליידען אַזוי פיל פון אייך...

ווען קעסלער האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבען שטיין ווי אַ צומישטער:

— סאָניאַ... סאָניאַטשקע... בין איך טאַקע אַזאַ שלעכטער מענש?... זאָג מיר דעם אמת, איך בעט דיך, בין איך טאַקע אַזאַ שלעכטער מענש?... קינדער פאַרשילטען מיך?... קינדער?... און מענשען ווינשען זיך דעם טויט איבער מיר?... מענשען?... איבער מיר?... סאָניאַ... סאָניאַטשקע... זאָג מיר!...

— יאָ, יאָ! — האָט די מאַדאַם נאַדאָלסקי נאָך מיט מער זיי־בערקייט געשריען. — איר זייט אַ שלעכטער מענש!... אַ רשע!...

אַ שטראָם מיט טרערען האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון קעסלער'ס אויגען און פאַרשטעלענדיג זיך דאָס פּנים מיטביידע הענט, איז ער מיט'ן קאָפּ אומגעפאַלען אויפ'ן שטול, וואָס איז לעבען אים געשטאַ־נען, און ער האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד.

— סאָניאַ, סאָניאַטשקאַ... פאַרגיב מיר!...

די מאַדאַם נאַדאָלסקי האָט גע'חלש'ט.

און ווען מען האָט זי אָפּגעמינטערט, איז קעסלער שוין פון איר ניט אָפּגעטראָטען. ווי אַ קינד, וואָס אנערקענט די אייגענע שולד, האָט ער זיך צו איר געלאַסטשעט, געטאָן אַלץ אין דער וועלט, אז זי זאָל זיך פילען גוט. און נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער זי אַליין

אָפּגעפירט אהיים, געטראָגען פאר איר דאָס רענצעל און אלץ געבעטען אז זי זאָל אים פארגעבען.

ער האָט פון זיין פאָטער גע׳ירשנ׳ט די בייזקייט, און פון זיין מוטער — די גוטמוטיגקייט. און אָט די צוויי געפילען האָבען זיך שטענדיג געראַנגעלט אין אים.

עס איז געווען דער איבערפלוס פון טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אים געבראַכט דערצו, אז ער זאָל אָפט מאָל ארויסווייזען צופיל כעס, צופיל בייזקייט; און דערפאר איז ביי אייניגע געשאַפען געוואָרען א מיינונג, אז דוד קעסלער איז ניט געווען קיין לערער, אז ער האָט ביי זיין לעבען ניט געהאַט קיין תלמידים און אז ער האָט נאָך זיין טויט ניט איבערגעלאָזען קיין נאָכפאָלגערשאַפט, קיין שול.*)

דאָס איז אָבער ניט ריכטיג.

דעם לערער, דעם רבי׳ן, מאָלט מען זיך אלע מאָל אויס אין דעם געשטאַלט פון איינעם, וועלכער האָט א וועלט מיט געדולד, און א גאַנצען אוצר מיט ווערטער צו דערקלערען און פאַרטייטשען יעדער זאַך אזוי דייטלאַך, אז מען זאָל עס לייכט קענען תופס זיין.

אזא לערער, איז קאָנסטאַנטין סטאַניסלאַווסקי. ער איז דער מתמיד, דער עקשן, דער געדולדיגער, וועמען עס ווערט קיינמאָל ניט נמאס ווידער אמאָל און אָבער אמאָל צו דערמאָנען דעם שוישפּילער פון זיין טעאַטער, אז „מיין סיסטעם באַשטייט אין דעם, אז דער אַקטיאָר זאָל זיין ראָל ניט נאָר שפּילען, נאָר איבערלעבען.“

אויך דוד קעסלער האָט פון אָט דער טעאָריע געהאַלטען; זיין מיינונג איז אויך געווען, אז אַן אַקטיאָר, דאַרף ניט נאָר שפּילען די ראָל, נאָר זי איבערלעבען; און דאָס האָט ער טאַקע גע־פאָדערט פון זיינע אַקטיאָרען; ער האָט עס אָבער ניט געקענט געבען צו פארשטיין; ער האָט דאָס ניט

*) אַזאַ מיינונג האָט אויסגעדריקט דער שוישפּילער אברהם טייטעלבוים. זעה זיין בוך „טעאַטראַליאַ“ (פארלאג יאַטשקאָווסקי׳ס ביבליאָטעק, וואַרשע־ניו יארק, 1929) אין דעם קאַפּיטעל „יעקב אַדלער און דוד קעסלער“.

געקענט דערקלערן. און ניט נאָר דערפאַר, וואָס עס האָבען אים אויס־געפעלט די נויטיגע ווערטער, די נויטיגע אינטעליגענץ, נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס ס'האָט אים אויסגעפעלט די נויטיגע געדולד.

אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָט קעסלער דאָך געהאַט תלמידים און נאָכפאָלגער, אפשר ווייניגער תלמידים ווי יעקב פּ. אדלער האָט געהאַט, דערפאַר אָבער — בעסערע.

נאָכשפּילען אדלערן', דעם קינסטלער, וועלכער האָט געהאַט אַן אויסגערעכענטען פּלאַן און אַן אויסגערעכענטע סיסטעם ביים שפּילען, און אויך ביים איינשטודירען מיט אַנדערע — דערצו איז דער עיקר געווען פ אַ ר מ ע. אָבער נאָכשפּילען קעסלער'ן — צו דעם איז געווען נויטיג אינהאַלט...

דאָס דערקלערט אפשר דעם פאַקט, וואָס דוקא די אַקטיאָרען, וועל־כע האָבען קינסטלעריש ד ע ר פ י ל ט די נויטיגקייט צו ארבייטען פאַר א בעסערער אידישער בינע, דוקא די, וועלכע האָבען געהאַט מער אַמ־ביציע, זיינען געווען קעסלער'ס תלמידים.

דער אידישער קונסט טעאַטער, דאָס וויכטיגסטע קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער אידישער בינע אין אמעריקע, איז געשאַפען געוואָרען פון איינעם, וועלכער האָט זיך אַלע מאָל באַטראַכט, און באַטראַכט זיך נאָך איצטער, אַלס קעסלער'ס א תלמיד — פון מאָרים שוואַרץ.

אויך דער פאַרשטאָרבענער סעמועל שנייער, קעסלער'ס א גוטער תלמיד, האָט זיך אין די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען ארומגעטראָגען מיט א געדאַנק צו גרינדען א טעאַטער, וואו מען זאָל אויפפירען בע־סערע, ליטעראַרישע פּיעסען; און ווען ער וואָלט אזוי יונג ניט גע־שטאָרבען, וואָלט ער זיכער עפּעס געווען אויפגעטאָן אויף דעם גע־ביט, ווייל ווי די מערסטע גוטע תלמידים, וועלכע האָבען געקוקט אויף קעסלער'ן ווי אויף זייער רבי'ן און אים גענומען אַלס א ביישפּיל פאַר זיך, איז שנייער געווען זייער אַמביציעז און זייער ענערגיש.

אויך אַנדערע אידישע שוישפּילער האָבען זיך באַטראַכט אַלס די

תלמידים און נאָכפאָלגער פון דוד קעסלער, כאָטש עס האָט אין דעם פּרט ניט געקענט זיין קיין רייד, וועגען א טעאָרעטיש באַגרינדעטער שולע, אין דעם זין ווי מען פאַרשטייט עס געוויינלאַך.

„א גרויסער רבי געווען,״ — שרייבט וועגען אים מאָריס שווארץ, „אָבער א שטומער רבי״... „א שלעכטער רבי, א בייזער רבי, — א רבי, וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרטייטשען, אָבער א רבי, פון וועמען מען האָט געקענט א סך לערנען. איך, ווייניגסטענס, דאנק דעם שיק־זאַל, וואָס איך האָב מיין אָנהויב געמאַכט אונטער זיין אויפזיכט. זיצענדיג אין א ווינקעל ביי פּראָבע, האָב איך פון זיינע קולות, פון זיין ווארפען זיך, פון זיין רייסען זיך די האָר פון קאָפּ, אומזיסט, אָן אן אורזאַך, זייער פיל געלערענט. און כמעט אַלע, וועלכע האָבען ביי אים געשפּילט, אפילו אין די צייטען פון „בלימעלע״ און „יעקב און עשיו״ און נאָכדעם אין דעם גאָרדין־רעפּערטואַר, זיינען אויסגעוואַק־סען, ווער מער, ווער ווייניגער, שוישפּילער מיט א בעסערען געשמאַק פאַר שיינעם שפּיל. זיין חוזק מאַכען האָט אָפט דעם אַקטיאָר גע־פירט אויף דעם ריכטיגען וועג.*)

אזא באַשטעטיגונג פון איינעם, וועלכער האָט געגרינדעט דאָס אי־דישע קונסט טעאַטער, און אריינגעלייגט אזוי פיל מי אין דער ארבייט פאַר א בעסערער אידישער בינע, און פאַר א בעסערער באַציאונג צו אידיש־טעאַטער, איז גענוג צו אונטערשטרייכען דעם ארויסגעבראַכטען געדאַנק, אַז דוד קעסלער איז אויף אונזער בינע יאָ געווען א רבי, אַז ער האָט יאָ געהאַט תלמידים און נאָכפאָלגער און אַז ער האָט נאָך זיך יאָ איבערגעלאָזען, דאָס וואָס מען קאָן אָנרופען א שולע.

דוד קעסלער איז געווען איינער פון די ערשטע בויער פון דעם אידישען טעאַטער. און אויב עס איז געווען א גליק פאַר דער אידישער בינע, וועלכע האָט זיך דאַן גענויטיגט אין פעסטע, שטאַרקע זיילען,

*) „אונזער טעאַטער״, זשורנאַל געווידמעט דער אידישער טעאַטער קונסט, פאַרלאַג „אידיש קונסט טעאַטער״, העפט אָקטאָבער און נאָוועמבער (2-3), ניו יאָרק, 1921.

איז דאָס אָבער ניט געווען אזא גליק פאַר אים, פאַר קעסלער'ן אליין. ווייל אלס שוישפּילער מיט אייגנאַרטיגע קינסטלערישע כוחות, וואָס נאָר ער אליין האָט פאַרמאָגט, האָט ער זיך גיכער געפּאַסט פאַר א פעסט אוועקגעשטעלטען טעאַטער מיט טראַדיציעס און ניט פאַר אזא, וואָס מען דאַרף ערשט בויען און מען דאַרף אליין זיין איינער פון די בויער.

א בויער דאַרף האָבען סיסטעמאַטישקייט און טעאָריעס. קעסלער האָט דאָס ניט געהאַט.

א בויער דאַרף זיך קענען באַפרייען פון שטימונגען און קאַפּריזען, וועלכע קענען שטערען דעם בנין. קעסלער האָט דאָס ניט געקענט.

כאַראַקטעריזירענדיג קעסלער'ן, שרייבט לעאָן קאָברין:

„איך בין ניט אויסען אים צו אידעאַליזירען, אָבער ווי ניכטער איך זאָל אים ניט באַטראַכטען, — פאַרגלייך איך אים צו דעם דורכשניטלאַכען מענשען, צי צו די איבעריגע קאָלעגען זיינע, — קאָן איך זיך ניט אָפּוואונדערען פון דער דאָזיגער טשיקאַווער פּערזענלאַכקייט, פון דעם דאָזיגען רויען שטיק נאַטור, דורך וועלכען א מין ווילדער זשעניע האָט זיך אַנטפּלעקט אויף א סטיכישען אופן"...

און ווייטער:

„אזוי ווי די נאַטור וואָלט א קליינינקען טייל פון איר פול אָנגעטרונקען מיט איר ליכט און שאָטען, מיט די פאַרשידענסטע פאַרבען אירע און קלאַנגען, און אלערליי אַנדערע אייגענשאַפטען פון איר, סאַי גוטע און סאַי שלעכטע, אין דעם אריינגעגעבען מיט דער פולער און גרויסער מאָס, און געזאָגט צו דעם: — דורך דיר זאָל איך זיך אַנטפּלעקען מיט מיין פיל־פּנים'דיגקייט, מיט מיין פיל־פאַרביגקייט און פיל־קלאַנגענדיגקייט. און די אייגענשאַפט מיינע, סאַי די גוטע און סאַי די שלעכטע, זאָלסטו אין בולט'ע, שאַרפע שטריכען אויסדריקען, נאַקעט און אומפאַרדעקט, אזוי ווי איך האָב זיי אין דיר אריינגעגעבען"...

„און ער האָט עס דערנאָך פון זיך געוואָרפען אוממיטעלבאַר, סטיכיש,

ווי א שטיק ערד, וואס איז אָנגעטרונקען מיט זון־שטראַלען, זון וואַרים־קייט און לעבען אויף דער בינע.*)

און ווען דער שיקזאַל נעמט א קינסטלער, וואָס איז איין טעמפּעראַמענט „אַ רויע שטיק נאַטור" און וואַרפט אויף אים ארויף די אויפגאַבע פון אַ בויער, איז דאָס פאַר אים, אין אַ געוויסען גראַד א טראַגעדיע.

וואָלט קעסלער געקומען אין אַ צייט, ווען דאָס טעאַטער האָט שוין טראַדיציעס, א רייכען רעפּערטואַר, אַ פאַרשטענדיגען, אינטעליגענטען צושויער, גוטע לערער, וועלכע באַזיצען קולטור און וויסען, אַ קלאָר אָנגעצייכענטע ליניע, וואס פירט אין א באַשטימטער ריכטונג, וואָלט זיך זיין גרויסער טאַלאַנט גאָר אַנדערש אַנטוויקעלט, גאָר אַנדערש צואוואַקסען. און אַנשטאָט דעם, וואָס מען דערציילט איצט טויזענט און איין טשיקאַווע געשיכטעס וועגען דעם, ווי אַזוי קעסלער האָט אַרויסגעוויזען צוברויזטען טעמפּעראַמענט, און אָריגינעלע המצאות, נקמה־נעמענדיג אין אַ שלעכטער פּיעסע אויף דער בינע, וואָלט מען איצט דערציילט וואונדער וועגען דעם, ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעוויזען טעמפּעראַמענט און אָריגינעלע קינסטלערישע אויסטייטשונגען, שפּילענדיג מיט באַגייסטערונג אין גוטע פּיעסען אויף דער בינע.

איז אָבער אויף קעסלער'ס גורל אויסגעפאַלען צו זיין איינער פון די ערשטע, און ער האָט געמוזט ליידען און האָבען עגמת נפש אי פון שלעכטע פּיעסען, אי פון שלעכטע אַקטיאָרען, אי פון אַ שלעכט פּובליקום...

*) לעאָן קאָברין, „ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג", באַנד 1, זייט 202, ניו יאָרק, 1925.

2

די ערשטע בויער און זייער רעפּערטואַר.

דער אידישער טעאַטער האָט געהאַט דאָס גליק, אַז די ערשטע בויער זיינע זאָלען זיין גרויסע פּערזענלאַכקייטען, און דער עיקר — טאַלאַנטפולע קינסטלער, וועלכע האָבען אפשר די ערשטע צייט אַליין ניט געוואוסט, ווי גרויס און ווי באַדייטענד זייער טאַלאַנט איז.

„איידער דאָס אידישע טעאַטער איז אַלט געוואָרען עטלאַכע חדשים, — שרייבט ב. גאָרין, — האָבען מיר שוין אויף דער אידי-שער בינע געהאַט אַזעלכע אַקטיאָרען ווי ישראל גראַדנער, זעליג מאָגולעסקאָ און איידער דאָס אידישע טעאַטער איז אַלט געוואָרען א יאָר אין רוסלאַנד, האָבען מיר שוין געהאַט יעקב אַדלער, דוד קעסלער, קעני סאָניעס (ליפּצין). עס איז אמת, גראַדנער און מאָ-גולעסקאָ זיינען געווען דעמאָלט נאָך גאָר רויע טאַלאַנטען, און סיי אַדלער, סיי קעסלער און סיי סאָניעס האָבען נאָך ניט דערגרייכט אפילו צו דער מדרגה פון וואָס מען רופט אויפ'ן טעאַטער-לשון פּור-ציעס. אַדלער איז געווען א קטן שבקטנים אין אַן אומבאַדייטענ-דער פּראָווינציעלער קאָמפּאַניע, און קעסלער איז געווען ניט מער ווי א סטאַטיסט, נאָר זיי זיינען שוין פון דער בינע מער ניט אָפּגע-שטאַנען, און עס האָט ניט געדויערט זייער לאַנג ביז זיי האָבען זיך גענומען רוקען צום אויבען-אָן אויף דער בינע מיט זיכערע טריט און זיינען דאָרטען פאַרבליבען.*)

צו זיין איינער פון די ערשטע ביי דער אויפבויאונג פון א

*) ב. גאָרין, „די געשיכטע פון אידישען טעאַטער", צווייטע פאַרגרע-סערטע אויפלאַגע (1923), ערשטער באַנד, ז. 214. פאַרלאַג מ. מייזעל, ניו יארק.

וויכטיגער פאָלקס־אינסטיטוציע, וואָס גייט איבער פון דור צו דור — דאָס איז אי א מעלה, אי א חסרון. א מעלה — דערפאַר וואָס מען האָט די געלעגענהייט לייכטער באמערקט צו ווערען און לייכטער זיך צוצושלאָגען צו א מדרגה. און א חסרון — דערפאַר וואָס מען מוז אַליין אי טראָגען די שטרוי, אי קנעטען די ליים, אי מאַכען די ציגעל...

און נאָך א זאַך דאַרף מען דאָ נעמען אין אכט:

די באַציאונג צו אידיש טעאַטער אין יענער צייט, און דעם עולם, וואָס איז דעמאָלט געגאַנגען אין אידישען טעאַטער.

דערציילט וועגען דעם אברהם גאָלדפאַדען, אַז די רייכע אידישע פאַמיליעס האָבען די ערשטע צייט אין רומעניען געווייכט פונ׳ם אידישען טעאַטער, ווייל די „בעל־הבית׳ישע קינדער האָט ניט געפּאַסט אריינצוקומען אין דעם ווינקעל, וואו עס פלעגען זיך צוזאַמענקומען אינגלאַך, מיידלאַך, ווייבלאַך פון דער נידעריגער שיכטע דעם פאָלקס.*)

„דאָס אידישע פּעבעל אין דער מאָלדוי אין יענער צייט, איז געשטאַנען אויף א פיל נידעריגער שטופע פון בילדונג און גייסטיגע ענטוויקלונג קעגען דעם אידישען פּעבעל פון רוסלאַנד און גאַליציע. מייסטענס איז דאָס באַשטאַנען פון רויע אויסגעוואַקסענע בעלי־מלאכות, וואָס מען האָט זיי יונגערהייד איבערגעשטעלט איבער די רוסישע גרעניץ קיין רומעניע.

„אין דער צייט וואָס ניקאָלאַי דער 1טער האָט ארויסגעגעבען דעם שטרענגען אוקאַז, אַז די אידישע קינדער, אָנגעפאַנגען פון 6 יאָר, זאָל מען נעמען פאַר רעקרוטען, האָבען די אומגליקלאַכע עלטערען קיין אַנדער אויסוועג ניט געפונען אין דער בהלה נאָר אריבערצושטעלען זייערע קינדער איבער דער נאָענטער גרעניץ קיין רומעניע.

„פון די אריבערגעשטעלטע קינדער, וואָס האָבען קיין מלאכה געקאָנט, זיינען פילע צו גרונט געגאַנגען — בעסער איז געוועזן דאָס

*) אברהם גאָלדפאַדען אויטאָביאָגראַפיע.

מזל פון די בעלי־מלאכות. קומענדיג נאָך רומעניען האָבען די קינ־דער פיל ווייניג באַלד געקאָנט באַקומען אַ באַשעפטיגונג ביי אַ בעל־מלאכה, און זיי האָבען זיך די ערשטע צייט שוין פאַרדינט אַ שטי־קעל ברויט. זעלבסטפאַרשטענדלאַך, ווען די רעדע איז געווען וועגען דער נויטווענדיגער עקזיסטענץ, איז קיין צייט געבליבען פאַר בילדונג און דערציאונג... קיין „ישיבות" איז ניט געווען און שולען אויך ניט... דער מאָלדאַוואַן אַליין איז נאָך געווען רוי און אומגעביל־דעט... אַזוי איז אויסגעוואַקסען אַ דור פון בראַווע, טיכטיגע, אָבער רויע, אומגעבילדעטע בעלי מלאכות און זייער גאַנצע גייסט־נאַרונג איז געווען אַ „לידעל" אין דעם זשאַרגאָן, וואָס זיי האָבען נאָך גע־דענקט פון רוסלאַנד."*)

אויף ווי ווייט עס האָט דערגרייכט די דערצויגענקייט און די אינטעליגענץ פון דעם אידישען עולם אין יענער צייט, קען מען זיך פאַרשטעלען פון דעם, וואָס אין יאַסי האָט מען גאָלדפאַדען'ען אַליין געוואָלט שלאָגען ווען ער איז דאָרטען אויפגעטראָטען אין אַ גאָר־טען, דעקלאַמירענדיג זיינע לידער, נאָך איידער ער האָט געגרינדעט דאָס אידישע טעאַטער.

אין זיינע מעמוארען וועגען אידישען טעאַטער אין די ערשטע יאָרען, דערציילט יצחק ליבערעסקאָ, אַז גאָלדפאַדען אַליין איז געווען שולדיג אין דעם, וואָס ער איז אין יענעם אָוועגט אַזוי שרעקליך דורכגעפאַלען. „ער האָט ניט געהאַט קיין קול צו זינגען פאַר אַ פּובליקום" — זאָגט ליבערעסקאָ, — און ער האָט זיך געשטעלט זינגען זיינע אייגענע לידער, וועלכע גראַדנער פלעגט פריער פאַר'ן זעלבען עולם זינגען מיט חן און אַ גוטען טעם."**)

אָבער דאָס באַרעכטיגט דאָך נאָך אַלץ ניט אַזאַ ווילדע האַנד־

---

*) ציטירט פון נ. אויסלענדער'ס און א. פינקעל'ס בוך „א. גאָלדפאַדען". מאַטעריאַלען פאַר אַ ביאָגראַפיע. אַרויסגעגעבען פון אינסטיטוט פאַר ווייס־רוסלענדישער קולטור, מינסק, 1926. ז. 35 און 36.

**) זלמן זילבערצווייג, די זכרונות פון יצחק ליבערעסקאָ, דער איניציאַ־טאָר פון גאָלדפאַדען'ס טעאַטער. פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1928, ווילנע, ז. 303.

לונג ווי אָנפּאַלען אויף אַ דיכטער מיט אַ שטעקען. און ליבערעסקאַ אַליין גיט דאָך צו, אַז ער און גראָדנער האָבען דעמאָלט גאָלדפּאַ־דענען קוים אָפּגעראַטעוועט, אים „ארויסגעזעצט אויף אַ דראָזשקע און אָפּגעפירט אהיים".

אויך שפּעטער איז דער דורכשניטלאַכער אידישער טעאַטער־עולם אוועק ניט זייער ווייט אין ענטוויקלונג און באַנעמונג; ביי יעדער אידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג האָט מען זיך געשטופּט, געקראָכען איבער די קעפּ, געשלעפּט בענקלאך אין די לאָזשעס, געמאַכט באַ־מערקונגען הויך אויף'ן קול, זיך איבערגעשריגען מיט באַקאַנטע, געפּאַטשט „בראַוואָ" דעם אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט אַ גוטען מענשען און אויסגעפייפט דעם, וואָס האָט געשפּילט אַ שלעכטען מענשען, ניט אָנגעהויבען פאַרשטיין וואָס אויף דער בינע קומט פאָר און ניט אָנגעהויבען וויסען, אַז אַ פּיעסע האָט אַ מחבר און אַז די אַקטיאָרען ריידען דאָס, וואָס דער מחבר האָט פאַר זיי אָנגעשרי־בען...

ביי זיי איז טעאַטער געווען — „שפּילען די קאָמעדיע" און די אַקטיאָרען, „די קאָמעדיאַנשטשיקעס".

אַזוי איז געווען אין רומעניען, אַזוי איז געווען אין בעסאַראַביען, אַזוי איז געווען אין רוסלאַנד. און פּונקט ווי עס וואָלט אין דעם פּרט געמוזט באַשטעטיגט ווערען דער כלל, אַז סדנאָ דארעא חד הוא, אַז אומעטום איז איין וועלט, איז דאָס זעלבע — אפילו מיט יאָרען שפּעטער — אויך געווען אין אמעריקע.

שילדערענדיג דעם איינדרוק וואָס ער האָט געהאַט פון אַ אידי־שער פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען געזען אין אמעריקע, אין דער שטאָט פילאַדעלפיע, דערציילט דער דראַמאַטורג לעאָן קאָברין, אַז ווען ער האָט זיך געלאָזט ארויפגיין אויף דער גאַליאָרקע, האָט ער פאַר זיך דערזען אַ ווילדען עולם, וואָס האָט זיך געיאָגט אויף די טרעפּ; צווישען דעם פאַרשמייעטען עולם האָט מען געזען אידען מיט ווילדע, צושויבערטע בערד, צושפּילעטע

קאָלנערס און צוכראָססטעטע העמדער, מיט רעקלאַך איבער די אקס־לען, אונטער די פּאַכוועס; די פּנים'ער זיינען ביי זיי געווען פּאַר־שוויצט און זיי זיינען געלאָפען מיט אזא אימפּעט, גלייך זיי וואָל־טען געוועזן גרייט דורס צו זיין איינער דעם אנדערען. צווישען דעם עולם האָט מען אויך געזען אידענעס מיט היימישע פּאַטשיילעס, מייד־לאַך און בחורים, און זיי אַלע זיינען געלאָפען און האָבען זיך גע־שטופּט און אַריבערגעיאָגט איינער דעם אַנדערען. און יעדער איינער פון זיי, סיי די מאַנסבילען און סיי די פרויען, האָבען געהאַט פולע הענט און פולע קעשענעס; אַלע האָבען מיט זיך עפּעס געטראָגען — מאַראַנצען, עפּעל, באַרען, פלוימען, וויינטרויבען, שטיקער קאָוועגע, פּאַפּירענע זעקעלאַך מיט „פינאָטס", ניסלאַך, קערלאַך, אָדער גאָר אַ היבש פּעקעל פון דעם מאַלצייט, וואָס מען האָט ניט אוספּויעט אָפּצו־עסען אין דער היים. אַ קוויטשעריי, אַ טומעל, אַ ליאַרם, אַ געפּיל־דער, אַ זידלעריי, פּאַרטויבענדע קולות און די גרעבסטע ווערטער.*)

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ וואָס א. י. בוכבינדער האָט צוגעשיקט פון אדעס צום „אידישען פאָלקסבלאַט", אין פּעטערבורג, געדרוקט אין נומער 21, אינ'ם יאָר 1885, ווערט געגעבען אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם עולם, וואָס האָט אין יענער צייט באַזוכט דאָס אידישע טעאַטער.

„די אידישע מאַסע אונזערע, — שרייבט בוכבינדער, — באַשטייט פון אַלערליי בעל־מלאכות, פון קליינע פאַרשידענע סוחרים, פון קליינע מעקלער און פון שכיר־יום'ס, וועלכע אַרבייטען אויף דעם האַפען, ביי די קוילען, אויף די תבואה־שיפען און ווייצען־סקלאַדען.

„די מייסטע מלאכות, מיט וועלכע אדעסער אידען פאַרנעמען זיך, זיינען געווײנטלאַך שוסטעריי און שניידעריי, און פון די איבער־ריגע פּרנסות פאַרנעמען זיך די היגע געבאָרענע אידען מייסטענס דער־מיט וואָס זיי זיינען טאָג־געדונגענע און איזוואָזטשיקעס. יאָ, די אדע־סער אידען גיבען זיך מער אָפּ מיט פיזישער אַרבייט איידער מיט

*) לעאָן קאָברין, „עראינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג", באַנד 1, ז. 50.

לופטיגע געשעפטען. שווער און ביטער קומט זיי אָן דער פאַרהאַ־רעוועטער רובעל, אָבער זייער גיך ווערט ער ביי זיי פאַרשוואונדען, ווייל בטבע איז דער אדעסער איד ניט קאַרג.״

אָט די אַלע בעלי־מלאכות, שוסטער, שניידער, טאָג־געדונגענע, קליינע סוחרים און קליינע מעקלער האָבען זיך טאַקע געמעגט זיין גאַנץ פיינע לייט און דערצו נאָך האָבען די מעלה פון אויסגעבען א רובעל א סך לייכטער ווי זיי פאַרדינען אים. אָבער קיינער וועט דאָך ניט לייקענען, אז פון טעאַטער־דערציאונג און פון טעאַטער־מבינות זיינען זיי געווען זייער ווייט; זיי האָבען ווייניג פאַרשטאַנען אין דעם, וואָס ס׳הייסט גוט שפּילען און שלעכט שפּילען. אין רוס־לאַנד זיינען זיי אין אידישען טעאַטער געקומען זען א „פּרעדסטאַוו־לעניע״, אין אמעריקע — א „שאָו״; פאַרשטאַנען האָבען זיי זייער ווייניג, און עס איז ביי זיי געווען א גאַנץ געוויינליכע זאַך צו שילטען מיט טויטע קללות דעם אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט א שלעכטען כאַראַקטער...

— א כאָליערע האָט אויף אים געמעגט קומען!

— א דונער זאָל אים טרעפען!

— פאַרברענט זאָל ער ווערען!

אזעלכע קללות זיינען געפאַלען אויף דעם קאָפּ פון׳ם אַקטיאָר, וואָס האָט אויף דער בינע פאָרגעשטעלט א שלעכטען כאַראַקטער — האָט ער אַפילו געמעגט שפּילען ווי גוט און ווי קינסטלעריש.

און פאַר אזא עולם האָט דער גרויסער, אימפּולסיווער קינסטלער דוד קעסלער געשאַפען אין די ערשטע יאָרען ווען ער איז צו דער אידי־שער בינע געקומען. און פאַר אזא עולם האָט ער געשאַפען כמעט אין די אַלע פערציג יאָר וואָס ער האָט אויף דער אידישער בינע גע־שפּילט!

אמת, טאַקע, אזא עולם האָט אין זיך אמאָל א מעלה אויך. דער אופן פון אויפנעמען דאָס געשאַפענע אינטואיטיוו איז אָפט מאָל זייער סימפּאַטיש צוליב דעם וואָס ס׳איז אויפריכטיג, אָבער אין דער מעלה

איז פאַראַן אַ גרויסער חסרון, ווייל די אויפריכטיגקייט איז ניט פון דעם מין אויף וואָס מען קען עפּעס בויען, אויף וואָס מען קען זיך צופיל פאַרלאָזען.

דערציילט טאָקע דער באַקאַנטער רוסישער רזעשיסאָר טאַאיראָוו אַזאַ פאַל:

ביי אַ פאָרשטעלונג פון שעקספּיר'ס „אָטעלאָ", איז איינער פון די צושויער געוואָרען אַזוי אין כעס אויף דעם אַקטיאָר, וועלכער האָט גלענצענד געשפּילט די ראָלע פון יאַגאָ'ן דעם אינטריגאַנט, אַז ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און איהם דערשאָסען אויף טויט. באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט וואָס ער האָט דאָ געטאָן, האָט ער מיט דעם זעלבען רעוואָלווער זיך אַליין אויך דערשאָסען... די צוויי טויטע האָט מען דערנאָך אין איין קבר באַגראָבען און אויף זייער מצבה האָט מען אויסגעקריצט אַזאַ אויפשריפט:

„דאָ ליגען צוויי — אַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר און אַ טאַלאַנט־פולער צושויער".*)

אַזעלכע „טאַלאַנטפולע צושויער" פון דעם מין האָט דאָס אי־דישע טעאַטער געהאַט אַ סך. און עס איז ממש מיט נסים וואָס די בעסערע אַקטיאָרען אונזערע זיינען ניט געפאַלען קיין קרבנות פון זיי־ערע הענט...

און אפשר איז ניט געקומען דערצו דערפאַר וואָס די בעסערע אַקטיאָרען אונזערע פון יענער צייט, די זיילען פון דער אידישער בינע, האָבען ניט געוואָלט שפּילען קיין ראָלען פון שלעכטע כאַראַקטערס, ווייל זיי האָבען זיך ניט געוואָלט „איינרייסען מיט'ן פּובליקום", ווי זיי פלעגען זיך געוויינליך אויסדריקען. און די קאַליקעס, די הילצער־נע אַקטיאָרען, וועלכע האָבען אויף דער בינע יאָ פאַרגעשטעלט אַזעלכע

*) א. טאַאיראָוו, „די שריפטען פון אַ רעזשיסער" (רוסיש).

כאַראַקטערס, האָבען געשפּילט אַזוי שוואַך און אַזוי שלעכט, אַז זיי האָבען אַפילו ניט פאַרדינט מען זאָל זיי שיסען...

צו די אַלע צרות, וועלכע זיינען געווען אומפאַרמיידלאַך ביים אידישען טעאַטער אין די ערשטע יאָרען, איז צוגעקומען נאָך איינע גאָר אַ גרויסע צרה — די שרעקליכע אָרימקייט אין רעפּערטואַר. מען האָט פאַרשטאָפּט די לעבער מיט דעם וואָס גאָלדפאַדען אַליין האָט אָנגערופען „קאָלאָטוכעס” און „דולענישען”. מען האָט גענאַפּט די ערגסטע פּיעסען פון אַנדערע שפּראַכען, מען האָט זיי איבערגעניצעוועט און איבערגעשטיקעוועט, אויף שנעל צוגעקלעפּט צו זיי באָרד און פּאות, אין איילעניש אַרויפגעוואָרפען אויף זיי קאַפּאָטעס און זשופּיצעס, און — מזכה געווען דערמיט דאָס פאָלק ישראל...

אָרימקייט אין רעפּערטואַר אין דער צייט ווען עס זיינען שוין פאַראַן באַדייטענדע אַרטיסטישע כחות — דאָס איז אַ איראָניע פון שיקזאַל פון איין זייט, און אַ טראַגעדיע פאַר די אַרטיסטישע כחות פון דער אַנדערער זייט. דאָס איז פּונקט דאָס זעלבע ווי נעמען אַ מענשען, וועלכער האָט אין זיך אַ מאַסע ענערגיע און אַ ים מיט מוט, אַ מענשען, וועלכער קען איבערקערען וועלטען און שאַפען נייע אויף זייער אָרט, און — אים אָוועקשטעלען ביי אַזאַ אַרבייט ווי ציען פאַרסטריגעס, אָדער אים געבען קנאַקען ניסלאַך...

אַזאַ זאַך מאַכט דעם סענסיטיווען בינע־קינסטלער בייז, און אַמאָל פאַרטעמפּט דאָס אים אַזוי, אַז עס איז אים שוין שפּעטער שווער זיך אַליין צו געפינען. און אַזוי ווי דוד קעסלער האָט, אַדאַנק זיין שטורעמדיגען טעמפּעראַמענט, די דאָזיגע דערשיינונג מער געפילט ווי פאַרשטאַנען, האָט דאָס אים צייטענווייז געמאַכט אי בייז, אי טעמפּ.

נאָך ביז היינטיגען טאָג האָט מען ביי אונז ניט געמאַכט קיין פּאַרזוך זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דער טראַגעדיע, וואָס דוד קעסלער האָט אַלס קינסטלער איבערגעלעבט ביים אידישען טעאַטער, ווען דער מאַנגעל אין בעסערע פּיעסען איז

געווען אזוי גרויס, אז מען האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו שאַפען דאָס וואָס מען האָט געקאָנט. און ווען די אומשטענדען פון אונזער גייסטיג לעבען וואָלטען געווען אַנדערע, און ווען די ערשטע גרויסע קינסטלער פון אונזער בינע וואָלטען געווען געהאַט מער אינטעליגענץ, מער וויסען און מער קולטור, און זיי וואָלטען, פונקט ווי ביי לייטען, געשריבען ערינערונגען, דערציילענדיג ניט נאָר די עקאָנאָמישע, נאָר אויך די גייסטיגע ליידען, וואָס זיי האָבען אַריבערגעטראָגען אויף דער בינע, וואָלטען מיר איצט ווענען קעסלער׳ס איבערלעבונגען אַלס שוישפּילער און אויך ווענען די איבערלעבונגען פון די אַנדערע גרויסע קינסטלער אונזערע, זיכער געוואוסט אַ סך מער ווי מיר ווייסען. און ווען מען ווייסט מער וועגען אַ קינסטלער, פאַרשטייט מען אים מער.

אין אַ בריף, וואָס דער גרויסער רוסישער שוישפּילער מיכאַילאָ שטשעפּקין האָט אין יאָר 1842 צוגעשיקט צו גאָגאָל׳ן, האָט ער אויך אָנגערירט די פראַגע וואָס אַ שוישפּילער פילט ווען ער האָט ניט גע־נוג גוטע פּיעסען צו שפּילען, אָדער ווען ער איז פון די פאַרוואַלטער געצוואונגען צו שפּילען אין שלעכטע, נאַרישע פּיעסען. אין יענעם בריף צו גאָגאָל׳ן שרייבט שטשעפּקין אַזוי:

„די נשמה פאָדערט טעטיגקייט, ווייל דער רעפּערטואַר האָט זיך אויף אַ האָר ניט געביטען און עס איז געבליבען אַלץ דאָס זעלבע פּאַסקודסטווע און פּאַסקודסטווע, און דערמיט דאַרף איך אויף דער עלטער איינשטילען מיין דראַמאַטישען דורשט. איר ווייסט, דאָס איז אַזאַ אָפּקומעניש, וואָס מען קען גאָר מיט קיין ווערטער ניט איבער־געבען. אונז, דאָס הייסט די רוסישע אַרטיסטען, האָט מען געגעבען אַלץ, געלד, רעכט, פּענסיעס, מען האָט אונז אָבער ניט געגעבען די פרייהייט צו שאַפען אַזוי ווי מיר ווילען, און איבער דעם איז אויס־געקומען אַזוי, אַז אַנשטאָט קינסטלער זיינען מיר געוואָרען טאָג־גע־דונגענע האַרעפּאַשניקעס. ניין, נאָך ערגער: אַ האַרעפּאַשניק איז פריי אויסצוקלייבען פאַר זיך וועלכע אַרבייט ער וויל, דער אַרטיסט

אָבער — ער מוז שפּילען אַלץ, וואָס די קלוגע פּאַרוואַלטער הייסען אים".

און מיט זעקס יאָר שפּעטער — אין 1848 — האָט שטשעפּ־קין אין אַ בריף צו זיין זון, ווידער אָנגערירט די זעלבע פראַגע און ווידער אויסגעדריקט דעם זעלבען וויטאָג נאָך שאַרפער. ער האָט גע־שריבען:

„מיין אַרבייט אַלס אַרטיסט איז מיר געוואָרען אַזוי שווער, אַז איך קען זי מער ניט אַריבערטראָגען. זי איז מיר איינפאַך געוואָרען נמאס, ווייל אַנשטאָט אַ קינסטלער האָט מען פון מיר געמאַכט אַ שווע־רען אַרבייטער; דער רעפּערטואַר איז אַן עקעלדיגער, ניטאָ אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרען מיט דער נשמה און אָפּרוען גייסטיג, און איבער דעם איז דער זכרון ביי מיר געוואָרען פאַרטעמפּט, די פאַנטאַזיע אָפּ־געקילט, עס פעלען קלאַנגען, עס ליגט זיך ניט די צונג. אָט די אַלע זאַכען פירען מיך צו גרונט, פאַרניכטען מיך אינגאַנצען — און דו זעסט ניט אין קיין זאַך קיין ביסעל פרייד, דו געפינסט ניט קיין איין ראָל, וואָס זאָל דיר זיין צום האַרצען, וואָס זאָל צורודערען מיין אַלטקייט. יאָ, איך וואָלט זיך נאָך געקענט אַ טרייסעל טאָן, אָבער דערצו דאַרף איך האָבען אַ ראָל, אַ ראָל. אָן דעם ווער איך פאַר־האַרטעוועט ביז עקעלדיגקייט און עס איז מיר אַזש ניט אַנגענעם פאַר זיך אַליין, ניט אַנגענעם אַרויסצוגיין אויף דער בינע פאַר'ן עולם; און דער עולם, טייבעלע מיינס, איז גוט און וואויל צו מיר, זיי זעען ניט, אַז אויף דער בינע שטייט פאַר זיי ניט מער דער באַגייסטערטער קינסטלער, וועלכער האָט זיך אינגאַנצען געווידמעט דער קונסט, נאָר אַ טאָג־געדונגענער שווערער אַרבייטער, וועלכער מאַטערט זיך אָן חשק צו פאַרדינען די שכירות, וואָס מען צאָלט אים. ניין, זיי, די צור־שויער, איז דאָס אַלץ איינס! עס קומט אַרויס אויף דער בינע אַ פּאַרשוין, וואָס טראָגט דעם נאָמען שטשעפּקין, און זיי זיינען באַ־גייסטערט. שווער אויפ'ן האַרצען, שרעקליך שווער! און דו ווייסט: עס וואָלט מיר געווען אַ סך גרינגער, ווען מען וואָלט מיך דאַן אויס־

געפייפט... טפוי, ווי נאַריש איך בין! איך רייד אַלץ וועגן קונסט, ווען דאָ איז פון דעם מין אַפילו קיין זכר ניטאָ. אַלץ שאַרלאַטאַניזם און שאַרלאַטאַניזם!"*)

אַזוי האָט אַ גרויסער רוסישער שוישפּילער אויסגעדריקט זיין צער און צאָרען דאַרויף, וואָס דער רעפּערטואַר איז אַזאַ אָרימער, אַז „עס איז ניטאָ אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרען מיט דער נשמה און אָפּרוען זיך גייסטיג". די בעסערע קינסטלער פון אונזער אידישער בינע האָבען ניט איין מאָל אַזאַ צער און צאָרען געפילט, און קעסלער איז געווען דער, וואָס האָט דאָס בחוש געפילט מער ווי די אַנדערע. ער האָט זיך אָבער ניט איבערגעשריבען וועגן דעם מיט די דראַמאַטורגען פון זיין צייט, ווי שטשעפּקין האָט דאָס געטאָן אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט גאָגאָל'ן. אויך אין ריידען האָבען קעסלער'ן אויסגעפעלט די נויטיגע ווערטער דעם צער און צאָרען אויסצודריקען אויף די „קלוגע פּאַרוואַלטער", וועלכע האָבען אים אַזוי אָפט געצוואונגען צו שפּילען אין ביליגע שונד־פּיעסען, און וועגן די פּאַרפּאַסער פון יענעם מין פּיעסען האָט ער ניט געקענט ריידען אָן שוים אויף די ליפּען, און ער האָט זיך, אויף זיין אייגענעם, פּשוט'ען שטייגער, אויסגעדריקט, אַז זיי „דענקען מיט'ן . . . מחילה, און שרייבען מיט דער קני".

אַזוי האָט זיך קעסלער באַצויגען צו יענעם מין „פּאַרפּאַסער" נאָך אין די ערשטע יאָרען, ווען דאָס אידישע טעאַטער איז געגרינדעט געוואָרען, און אַזוי האָט ער זיך אויך באַצויגען צו זיי שפּעטער, ווען עס זיינען שוין געווען בעסערע דראַמאַטורגען און מען האָט פון יענעם מין „פּאַרפּאַסער" נאָך אַלץ ניט געקענט פּטור ווערען.

*) מ. ס. שטשעפּקין „מעמואַרען פון אַן אַקטיאָר אין די צייטען פון דער פּאָנשטשינע" (רוסיש), מיט אַן הקדמה און אָנמערקונגען פון א. ב. דערמאַן, ז. 211־12, מאָסקווע, 1928.

3

קעסלערס יוגענט — אין קישינעוו.

ווען קעסלער האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע אַלס שוישפּילער, איז די אידישע בינע נאָך געווען אין די וויקעלאַך.

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די אַסימילירטע און אויך די משכיל׳ישע אידישע אינטעליגענץ האָט אויף אידיש טעאַטער גע־קוקט קרום; די לומדים, די פרומע לייט און די וואַזשנע נגידים האָבען זיך צו דעם באַצויגען ווי צו אַ „שטות׳ערייי״, און אויף די אַקטיאָרען האָבען זיי געקוקט ווי אויף „קאָמעדיאַנשטשיקעס״. גע־גאַנגען אין אידישען טעאַטער איז דעמאָלט דאָס פּשוט׳ע פאָלק, און נעדרייט אַרום די אַקטיאָרען האָבען זיך דעמאָלט די רייך־געוואָרענע גוטמוטיגע פּראָסטאַקעס, ביי וועמען אַ קערבעל איז אַ ממזר, — מענשען, וועלכע האָבען ליב זיך אַוועקצוזעצען מיט אַ חברה אין אַ וויינשענק און אויסשרייען אויפ׳ן קול, נאָכדעם ווי זיי האָלטען שוין נוייט נאָך אַרבע כוסות: „אַלעס אויף מיין חשבון!״

יענע לייט, וועלכע זיינען בטבע גענייגט צו שפּיל און שפּילעוו־דיגקייט אין לעבען, האָבען זיך אין די ערשטע יאָרען צוגעקלעפּט צום אידישען טעאַטער און אויך צו די קוליסען פונ׳ם טעאַטער פּונקט ווי בינען צו האָניג; זיי האָבען געפילט אַ באַזונדער מין ליבשאַפט צו די מענשען וואָס „פאַרשטעלען זיך״, און דער גרעסטער פאַרגעניגען זייערער איז געווען — נאָך אַ פאָרשטעלונג אַוועקפירען יענע מענ־שען אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ שענק און דאָרטען הוליען צוזאַמען מיט זיי „אויף וואָס די וועלט שטייט״.

די מאָראַל אין יענע קרייזען איז אויך ניט געווען קיין גאָר גע־

הויבענע; ארונטערגעווארפען פון זיך אלע עול'ן, האט מען זיך פליי־סיג א כאפ געטאן פאר די עולם־הזה'דיגע פארגעניגענס.

און דאס איז געווען ניט קיין קליינע צוציאונגס־קראפט.

„וואס זאל מען זיך לייקענען, — האט דער שוישפילער, יעקב אדלער געשריבען אין זיינע מעמוארען, — איך בין קיין צדיק פריער אויך ניט געווען, נאר פריער איז דאס געווען מעשה יונגערמאן, דאן און וואן, אבער איצט האט מיך געצויגען יעדע נאכט צו פארברענגען ביז'ן פרימארגען אין לוסטיגע געזעלשאפטען, וואו עס שפאצירען א סך מאמזעלען פאר'ן שיין פון פילע ליכט... עס האבען זיך פאר־ברידערט מיט אונז מענשען מיט א שלעכטען רענאמע און די קליינע פאליציי־בעאמטע, ווי פריסטאווס, נאדזיראטעלעס, צוזאמען מיט דעם ביינאכטיגען פאטרול קאזאקען. זיי האבען אנגעטאן קאפאטעס אין אונזער גארדעראב, און מיר אין זייערע שינעלען און מיר זיינען כלומר'שט געווען די נאטשאלסטווא און אזוי האבען מיר געהוליעט גאנצע נעכט.

„אין מיין נייער קאריערע האב איך נאך קיין וואונדער ניט דערוויזען, נאר אין דער קורצער צייט האב איך שוין בתכלית השלמות אויסגעלערענט די תורה צו קומען יעדען פרימארגען אהיים מיט ניט זיכערע טריט, מיט א בארוישטען מוח און צו שלאפען א גאנצען טאג ווי אן אומפארשעמטער פוילענצער. אין מיין טיר האבען אנגעהויבען צו קלאפען אומגעבעטענע געסט; איך האב אנגעהויבען צו באקו־מען ליבעס־בריוו... קורץ, מיין אויפפירונג איז געווען מעשה אק־טיאר."*)

די דאזיגע קורצע שילדערונג, וועלכע גיט א קלארען באגריף ווע־גען דעם וואס ס'האט אין יענער צייט געהייסען זיך אויפפירען „מעשה אקטיאר", דערקלערט די סיבה פאר וואס אזוי פיל יונגע מענשען הא־בען זיך געריסען צו דער בינע און פאר וואס יעדער וואנדערענדיגע

*) ציטירט פון ב. גארין'ס „געשיכטע פון אידישען טעאטער", באנד 2, ז. 218 און 219.

טרופּע האָט אין יעדער שטאָט און שטעטל צו יעדער צייט געקענט געפינען יונגע מענשען, וועלכע זיינען גרייט צו ווערען אַק־טיאָרען.

צווישען יענע יונגע מענשען האָט מען געקענט געפינען אַ סך אַזעלכע, ביי וועמען דאָס פרייע לעבען ארום טעאַטער איז געווען וויכ־טיגער ווי דאָס טעאַטער גופא. אַ סך פון זיי זיינען טאַקע שפּעטער פארשוואונדען און פונקט אַזוי ווי מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען זיי זיינען געקומען, אַזוי האָט מען ניט געוואוסט וואוהין זיי זיינען אוועק.

מיט קעסלער'ן אָבער איז דער פאַל ניט געווען אַזוי. ביי אים איז טעאַטער געווען וויכטיגער ווי דאָס פרייע לעבען ארום טעאַטער. דאָס האָט ער באַוויזען אין די אַלע יאָרען, וואָס ער איז געווען אויף דער אידישער בינע. און עס איז אפשר ניט בלויז אַ צופאַל, וואָס נאָך דאַן, ווען דוד קעסלער איז געווען אַ קליין אינגעל, האָט ער אָנגעהויבען זיין זעלבסטשטענדיק לעבען ניט נאָר מיט אַן ארבייט, וואָס זאָל אים געבען די מעגלאכקייט צו פאַרדינען אַ שטיקעל ברויט, נאָר — מיט אַ ראָל, וואָס איז שפּעטער געשאַפען געוואָרען פון אברהם גאָלד־פאַדען פאַר דער אידישער בינע און וועלכע איז נאָך ביז היינטיגען טאָג געבליבען אין אונזער רעפּערטואַר — די ראָל פון „האָצמאַך"...

געבוירען געוואָרען איז דוד קעסלער אין קישינעוו, אינ'ם יאָר 1860. זיין פאָטער, ישראל יצחק דער שענקער, איז געווען זייער אַ פרומער און זייער אַ בייזער איד און דערצו נאָך אַ מטופל מיט קינ־דער, איינס קלענער פונ'ם אַנדערען. איז דער דלות אין שטוב געווען זייער גרויס און מען האָט זיך שטענדיג געדאַרפט דרייען דעם קאָפּ איבער אַ גראָשען. די מוטער — שרה די לאַנגע, האָט מען זי גע־רופען, — איז געווען זייער אַ גוטמוטיגע און זייער אַ גוט־האַרציגע אידענע. זי האָט דוד'לען זייער ליב געהאַט, כאָטש ער האָט איר ניט איין מאָל געגוג פאַרדרייט די יאָרען מיט זיינע קאַפּריזען. זי האָט געוואָלט אַז ער זאָל אויסוואַקסען אַ למדן, אַ פרומער איד, ער

זאָל קענען ווערען אַ רב ערגעץ אין אַ קליין שטעטעל. אָבער זי האָט זיך אַזאַ פאַרגעניגען ניט געקענט פאַרגינען, ווייל עס האָבען אויסגע־פעלט די נויטיגע מיטלען דערצו.

אין די קינדער יאָרען האָט דוד קעסלער געלערענט אין חדר. אָבער קיין סך האָט ער זיך ניט געקענט אויסלערנען, ווייל חוץ דעם וואָס ער האָט קיין חשק ניט געהאַט צום לערנען און ניט געקענט תופס זיין די „תורה" אַזוי שנעל, איז נאָך זיין רבי, וועמען אַלע האָ־בען גערופען „אהרן אומגליק", געווען זייער אַ בייזער און זייער אַ

דוד קעסלער'ס מוטער

שטרענגער איד; ער האָט די אינגלאַך געשלאָגען און געקאַטעוועט פאַר יעדער נאַרישקייט, פאַר יעדער קלייניגקייט, און באַלד עפּעס האָט ער געשטעלט אין קונע...

איינמאָל האָט ער קעסלער'ן אויך געוואָלט שטעלען אין קונע פאַר עפּעס אַ פאַרברעכען, וואָס ער איז באַגאַנגען, אדער דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געקענט די פרשה חומש פון דער וואָך, איז קעסלער געוואָרען אַזוי ווילד, אַז עס איז שווין אונמעגליך געווען אים איינ־צוהאַלטען; געבענדיג אַ הילכיגען קוויטש אַז די ווענט האָבען אַזש

געציטערט, האָט ער זיך מיט אַלע פינגער פון דער האַנט אַריינגעקלאַ־מערט אינ׳ם רבינ׳ס באָרד, און צאַפּלענדיג זיך מיט אַלע כוחות, האָט ער זיך אַרויסגעריסען פונ׳ם רבינ׳ס הענט און איז אַנטלאָפען און מער איז ער שוין אין חדר ניט געקומען.

דער דאָזיגער עפּיזאָד, וואָס ווערט דערציילט אין די ערינערונ־גען פון לעאָן בלאַנק, איז געווען דער סוף פון דוד קעסלער׳ס לערנען אין חדר. „אהרן אומגליק׳ס" אופן פון „איינפלאַנצען תורה צווישען אידישע קינדער" איז געווען געגוג, אַז דער טעמפּעראַמענטפולער אינ־געל זאָל ווארפען אַן אומ׳חן אויף אַלע מלמדים, און ער האָט שוין מער ניט געוואָלט לערנען ביי זיי.

עסען ביים טאַטען ברויט אומזיסט האָט ער ניט געוואָלט, אַ נייר־גונג צו זיין אַ „זעלבסטשטענדיגער מענש" האָט ער שוין דאַן געהאַט, האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרומשלעפּען מיט אַ קעסטעל צעלניק איבער די גאַסען פון קישינעוו, און אין דעם קעסטעל האָט מען געקענט גע־פינען אַלץ, וואָס אַ מויל קען נאָר אויסריידען — קעמעלאַך, בער־שטעלאַך, האָרנאָדלען, שפּילקעס, מעסערלאַך, שערעלאַך און נאָך פּאַר־שידענערליי זאַכען. פּונקט ווי „האָצמאַך" האָט ער צו זיינע קונים געקענט זאָגען:

„קלייבט אייך פּאַר מיידעלאַך, שפּילקעלאַך, נעדעלאַך
קלייבט אייך אויס וואָס אייך געפעלט!
זייפעלעאַך, שוועמעלאַך, בערשטעלאַך, קעמעלאַך,
מאַנדעל־אויל איינס אין דער וועלט!"

עס איז געווען אין יענער צייט, וואָס קעסלער איז געקרוינט גע־ווארען מיט׳ן נאָמען „דוד׳ל קאַבזע". און אויף דעם גרונט קען גע־מאַכט ווערען די השערה, אַז אַרומטראָגענדיג דאָס קעסטעל סחורה אי־בער די גאַסען און געסלאַך פון קישינעוו, האָט קעסלער צוגעצויגען קונים דערמיט וואָס ער האָט ניט נאָר אויסגעשריען די נעמען פון די אַרטיקלען וואָס ער האָט געהאַט צו פאַרקויפען, נאָר אויך א ו י ס ג ע־

זונגען. און עס קען זייער זיין, אז „קאַבזע״ איז גלאַט אַ פאַר־גרייזונג פון דעם אוקראַיִנישען „קאַבזאַר״, וועלכער פלעגט אַרומגיין פון דאָרף צו דאָרף און אויף אַ לירע אויסשפּילען די מעלאָדיע פון די לידער, וואָס ער האָט געזונגען.*)

די פּרנסה פון אַרומטראָגען אַ קעסטעלע צעלניק איבער די גאַסען פון קישינעוו, איז אָבער קעסלער׳ן, קענטיג, קיינמאָל ניט געווען צום האַרצען.

שוין דאַן האָט ער געפילט, אַז עפּעס האָט אין אים „געבור־טשעט״, ווי ער האָט זיך ניט איין מאָל אויסגעדריקט, ריידענדיג וועגען דעם וואונש, וואָס ער האָט געהאַט נאָך אין די גאָר ערשטע יאָרען צו ווערען אַן אַקטיאָר.

דער איינציגער פאַרגעניגען, וואָס ער האָט געפונען אין זיין באַ־שעפטיגונג, איז געווען דאָס, וואס ער איז אַ פריייער מענש, וואָס ער שפּאַנט זיך אַרום איבער די גאַסען און זעט אַלע מאָל עפּעס אַנדערש, וואָס מאַכט אַן איינדרוק אויף אים.

מיט זיין מערקווירדיגער פיִאיגקייט צו באַמערקען זאַכען און אָנכאַפּען דעם תוך פון זיי, האָט ער שטענדיג אַרומגעשפּאַנט איבער די גאַסען פול מיט איינדרוקען, וועלכע האָבען אין אים „געבור־טשעט״ און וועלכע האָבען אַלץ געזוכט אַ וועג זיך אויסצודריקען. געפונען זייער אויסדרוק האָבען זיי אין דעם וואָס קעסלער האָט אין דער הײם נאָכגעמאַכט פאַרשידענע האַוואַיעס פון פאַרשידענע מענשען. שיינע שטריכען פון גוטע מענשען האָט ער אַרויסגעבראַכט שיין און איידעל, און שלעכטע שטריכען פון פאַרדאָרבענע מענשען האָט ער מיט גאַל איבערגעקרימט און דערביי האָט ער געקענט מאַכען אַזאַ באַמערקונג:

— אַז גע׳הרג׳ט זאָלען זיי ווערען!

דאָס דאָזיגע ווערטעל איז מיט יאָרען שפּעטער געוואָרען עפּעס

*) „קאַבזאַ״ איז אַזאַ אינסטרומענט, און דעריבער רופט מען „קאַבזאַר״ דעם, וואָס שפּילט אויף אַ „קאַבזע״.

ווי זיינס אַן אייגענס; ער האָט אַן דעם ממש ניט געקענט אויס־קומען, און אַלע מאָל, ווען ס'איז אים ניט געפעלען געוואָרען אַ שויִ־שפּילער אויף דער בינע, האָט ער געמוזט געבען אַ קריץ מיט די ציין און בייז ארויסברומען:

— אַז גע'הרג'עט זאָלען זיי ווערען!

האָט זיך קעסלער ארומגעטראָגען מיט'ן קעסטעל צעלניק, און אין קישינעוו האָט מען אים שוין געקענט ווי אַ בייזען שילינגער. די מאָלדאָוואַנישע בויאַנעס, וועלכע האָבען געהאַט אַ טבע זיך צו טשעפּען צו אַ אידען אין גאַס, האָבען פאַר אים מורא געהאַט.

צו דעם צונאָמען „דוד'ל קאָבזע" האָט מען אין יענער צייט קעסלער'ן געקרוינט מיט נאָך אַ צונאָמען: „דוד'ל מישאָק". דעם לעצטען צונאָמען האָט מען אים געגעבען דערפאַר וואָס ער פלעגט גיין הערען די רעדעס פון די מיסיאָנערען, וועלכע האָבען געפּרואווט כאַפּען אידישע נשמות אין דער הויפּט־שטאָט פון בעסאַראַביען. קעס־לער אליין איז אָבער גאָר ניט אויסען געווען דערמיט, וואָס ער איז געגאַנגען הערען די דרשות פון די מיסיאָנערישע רעדנער; ער האָט זיך גלאַט אינטערעסירט מיט מענשען, וועלכע טרעטען ארויס פאַר אַן עולם און ריידען. און פונקט אַזוי ווי ער האָט זיך צוגעהערט מיט אינטערעס צו אַ מיסיאָנער, וועלכער האָט גערעדט וועגען כריסטוס'ן, אַזוי האָט ער זיך אויך צוגעהערט מיט אינטערעס צו די מגידים און בעל־דרשנ'ס אין די שולען.

פאַר אים איז ניט געווען וויכטיג וואָס זיי ריידען, נאָר ווי אַזוי זיי ריידען. אין דעם עפענטלאַכען ארויסטריט פאַר אַן עולם מיט מענשען האָט ער געזען דעם ספּעקטאַקעל, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק גערייצט.

אין די פרומע קרייזען האָט מען אָבער געקוקט קרום אויף אַ בחור'ל, וואָס גייט הערען די דרשות פון מיסיאָנערען, און דערפאַר האָט מען קעסלער'ן געגעבען דעם צונאָמען „דוד'ל מישאָק" —

אן אַנצוהערעניש דאַרויף, אז ער איז פון די חברה, וואָס קענען נאָך איבערקערען דעם זאַק...

ווען קעסלער איז אַלט געוואָרען זעכצען יאָר — דאָס זיבע־צעטע, האָט ער אויפגעגעבען דאָס ארומשלעפּען זיך איבער די גאַסען מיט אַ קעסטעל צעלניק און איז געוואָרען אַ „קומי" (אַ משרת) אין אַ קראָם פון פרויען־קליידער.

ער איז אָבער ניט געווען צופרידען מיט דער פּרנסה. ער האָט אַלץ געזוכט „עפּעס אַנדערש", וואָס זאָל אים ארויפפירען אויף אַ וועג.

די מעגלאַכקייטען אָבער אין אַזאַ שטאָט ווי קישינעוו אין יענער צייט זיינען געווען זייער באַגרעניצטע, אויך די אומשטענדען, אין וועל־כע דוד קעסלער האָט דאַן געלעבט, זיינען געווען ניט זייער קיין גע־ראָטענע. איז אַזוי אוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר און קעסלער האָט אַלץ ניט געפונען דאָס „עפּעס אַנדערש", וואָס ער האָט געזוכט.

און דאָ איז גאָר פּלוצלונג אָנגעקומען די צייט פון'ם פּריזיוו און ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז מען וועט קעסלער'ן נאָך צונעמען פאַר אַ סאָלדאַט.

זיין מוטער האָט איינגעלגט די וועלט, ניט געוואָלט, אַז איר דוד'ל זאָל אַריינפאַלען אין „גוי'עשע הענט", האָט זי אים אָנגעהויבען בע־טען, אַז ער זאָל זיך מאַכען אַ חסרון. קיין חסרון האָט אָבער קעסלער זיך ניט געוואָלט מאַכען, און דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבען „אָפּציען".

פאַר אים איז דאָס געווען ניט קיין גרינגע זאַך. אַליין אַ גע־זונטער, אייזערנער יונג, דער אמת'ער טיפּ פון אַ פאַרפראַוועטען בעסאַראַביער אידען, האָט ער ניט ווייניג געהאַלטען פון דער אכילה און ליב געהאַט דאָס גוטע ביסעל וויין מיט דעם געשמאַקען שטיקעל „ברינדזי". ער האָט אָבער דאָך קיין חשק ניט געהאַט צו ווערען אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי פונקט דאַן, ווען עפּעס „בורטשעט" אין אים און ער ווייסט אַליין ניט וואָס. האָט ער געפאָלגט די מאַמע'ן, און דער סוף איז געווען, — מען האָט אים געגעבען אַ רויטען בילעט און ער האָט געדאַרפט שטיין צום פּריזיוו דריי מאָל.

יענע צייט איז פון קעסלער'ן אַליין, אפנים, באַטראַכט געוואָרען אַלס זייער א וויכטיגער מאָמענט אין זיין לעבען, און ער האָט דעם רויטען בילעט געהאַלטען ביי זיך אַלע יאָרען און אים אָפגעהיט ווי זייער אַ וויכטיגען דאָקומענט.

איבער דעם מאַנגעל אין פּינקטליכע ביאָגראַפישע מאַטעריאַלען איז שווער פעסטצושטעלען, ווען ס'האָט פאַר קעסלער'ן אַליין אָנגעהויבען ווערען קלאָר, אַז ער דאַרף ווערען אַ שוישפּילער, און ווי אַזוי ער איז צו דעם דאָזיגען באַשלוס געקומען.

וועגען דעם געפינען מיר אַן אָנדייטונג אין די ערינערונגען פון אב. קאַהאַן. ער דערציילט:

„בשעת אין רוסלאַנד איז נאָך געווען ערלויבט צו שפּילען אויף אידיש, איז ער (אבא שיינגאָלד) דאָרטען געווען דער וויכטיגסטער „סטאַר" אין ערנסטע דראַמאַטישע ראָלען. דוד קעסלער האָט אַמאָל (מיט יאָרען שפּעטער) מיר דערציילט, ווי שיין און איינדרוקספול דיזער שיינגאָלד איז געווען, ווען ער, קעסלער, האָט אים געזען אין קישינעוו, ווי וואַזשנע ער פלעגט אויסזען — אין אַ פּעלערינע מיט אַ הויכען קאַפּעלוש — און ווי דער רוסיש־אידישער טעאַטער־עולם האָט אים געליבט. קעסלער איז דאַן באַצויבערט געוואָרען פון שיינגאָלד'ס שפּילען און פון זיין פּעלערינע; און דאָס איז געווען די אורזאַכע פאַר וואָס ער, קעסלער, האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אַז ער מוז ווערען אַן אַקטיאָר".*

עס קען זיין, אַז קעסלער אַליין האָט זיך ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבען אין זיינע אייגענע טיפערע געפילען, און עס איז דאריבער ביי אים אויסגעקומען, אַז ער האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ אריין צו ווערען אַן אַקטיאָר אין דעם מאָמענט ווען ער איז באַצויבערט געוואָרען פון אבא שיינגאָלד'ס שפּילען און פון זיין פּעלערינע. זיכער איז, אַז דער באַשלוס צו ווערען אַן אַקטיאָר איז ביי אים ניט געקומען

*) אב. קאַהאַן, „בלעטער פון מיין לעבען", ניו יאָרק, 1926, צווייטער באַנד, ז. 397.

פלוצלונג, אז די שטרעבונג צו דער בינע האָט אים פריער אויך ניט געלאָזט רוען.

געהערט וועגען אידישען טעאטער האָט קעסלער געווים נאָך פריער. בעסאַראַביען, וועלכע איז דאַן געווען א טייל פון רוסלאַנד, איז ניט ווייט פון רומעניען, וואו אברהם גאָלדפאַדען האָט געגרינ־דעט דאָס אידישע טעאטער, אינ׳ם יאָר 1876־77. די פּאָדריאַטשי־קעס, די ערשטע באַגייסטערטע פּאַטריאָטען פון אידיש טעאטער, פלע־גען אין יאָר 1877 גאַנץ אָפט קומען פון רומעניען קיין קישינעוו און דאָרטען האָבען זיי דערציילט נסים ונפלאות וועגען גאָלדפאַדענ׳ס טרופּע און דער עיקר וועגען מאָגולעסקאָ׳ן, וועלכער האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע קופּלעטען. אין די קישינעווער רעס־טאָראַנען און וויינשענקלאַך האָט מען דאַן א סך גערעדט וועגען דעם ניי־געגרינדעטען אידישען טעאטער און אויך וועגען די אַקטיאָרען; ביי א גלעזעל וויין האָט מען געזונגען די לידלאַך פון אידישען טעאַ־טער, און קעסלער, וועלכער איז אויך געווען אַן אריינגייער אין די קישינעווער רעסטאָראַנען, האָט געהערט די אַלע געשיכטעס און די אַלע לידלאַך און זיי זיינען אים שטאַרק אריין אין זינען.

די ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואס דוד קעסלער האָט געזען אין קישינעוו, איז געווען אברהם גאָלדפאַדען׳ס „שולמית". די פּאָרשטעלונג האָט אויף אים געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק; באַזונ־דערס איז אים געפעלען געוואָרען דאָס שפּילען פון אבא שיינגאָלד אין דער ראָל פון אבישלום.

פון דאַן אָן האָט קעסלער שוין אָנגעהויבען איבערלינן אין טעאַ־טער, און ניט נאָר אין טעאטער נאָר אויך הינטער די קוליסען, וואו ער האָט אַרויסגעקוקט אויף דער געלעגענהייט, אז מען זאָל זיך מיט אים שאַפען און ער זאָל האָבען די מעגלאַכקייט עפּעס צו טאָן פאַר די מענשען, וועלכע באַווייזען אַזעלכע וואונדער אויף דער בינע.

די באַקאַנטשאַפט מיט דעם לעבען הינטער די קוליסען האָט קעסלער׳ן ניט ענטוישט, ווי עס וואָלט אפשר געווען דער פאַל מיט

אַן אַנדערען, וועלכער באַקומט מיט אַמאָל אַ שוואַכקייט צו טעאַ־טער. די אילוזיע, וואָס איז ביי איהם געשאַפען געוואָרען אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ פאָרשטעלונג, איז ביי איהם ניט צושטערט געוואָרען. און דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס הינטער די קוליסען האָט ער געזוכט דעם סוד פון דעם וואונ־דער, וואָס ווערט געוויזען אויף דער בינע.

ער האָט געוואָלט זען ווי אַזוי דער וואונדער ווערט צו־געגרייט, ווי אַזוי ער ווערט געבוירען.

אַפילו די וואָכעדיגע צוגרייטונגען פון דעם וואונדער זיינען ביי איהם אויך געווען אַ וואונדער. ער האָט אָנגעקוואָלען פון דעם, וואָס מען קען נעמען קלעצער און זיי באַדעקען מיט רעדנעס אַזוי קונציג, אַז זיי זאָלען פון דער וויטענס אויסזען ווי בערג; עס איז איהם געפעלען וואָס מען קען מאַכען אַ הימעל, אַ זון, אַ לבנה און אַלץ אין דער וועלט. עס האָט איהם אינטערעסירט דער פּראָצעס פון'ם שאַפען; עס האָט איהם גערייצט ניט נאָר דער טעאַטער, נאָר אויך דאָס טעאַטראַלישע.

געהאָפט האָט קעסלער, אַז ער וועט אין אַבא שיינגאָלד'ס טרופּע קריגען אַ געלעגענהייט אַרויסצוגיין אַמאָל אויף דער בינע, כאָטש אַלס אַ סטאַטיסט. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס אַליין וועט איהם אַוועק־שטעלען העכער פון די אַלע אַנדערע מענשען, מיט וועלכע ער טרעפט זיך אין גאַס און אין דער היים; ער האָט געפילט, אַז דאָס וואָלט איהם געמאַכט גליקליך. אַבער ער האָט ביי שיינגאָלד'ן אַזאַ געלעגענ־הייט ניט געקראָגען, ווייל מען האָט זיך אויף איהם כמעט ניט אומ־געקוקט.

דאָס שפּילען פון אַבא שיינגאָלד'ס טרופּע אין קישינעוו איז פאַר קעסלער'ס שטרעבען צו דער בינע געווען די ריזיג גרויסע שיף, וועל־כע צושטורעמט די כוואַליעס, שניידענדיג דעם ים, וועלכער איז קיינ־מאָל ניט אינגאַנצען רואיג. קעסלער האָט שוין מער ניט געקענט אויפגעבען דעם טרוים צו ווערען אַן אַקטיאָר, און נאָכדעם ווי די

טרופע איז אוועקגעפאָרען, האָט ער צונויפגענומען א חברה אינג־לאך און מיידלאך און אָנגעהויבען שפּילען טעאַטער.

דעם אָנהויב גלייך געמאכט, ניט נאָר אלס שוישפּילער, נאָר אויך אלס רעזשיסער.

און דאָס איז געווען זייער כאראַקטעריסטיש פאַר דער אידישער בינע אין יענער צייט: נאָך איידער איינער האָט אליין עפּעס גע־קענט, האָט ער שוין געלערענט אנדערע...

געשפּילט האָט קעסלער דאן מיט זיין „טרופּע” פון אינגלאך און מיידלאך ערגעץ אין א שטאל. ער האָט די שטאל אליין אויס־געריייניגט, אליין אוועקגעשטעלט דאָרט לאנגע בענק, אליין צונויפ־געקלאפּט א בינע, און „געשפּילט טעאטער”.

דערציילט מען, אז די בחורים און די מיידלאך, וועלכע האָבען אין יענער צייט אין שטאל געשפּילט מיט קעסלער׳ן, האָבען פון אים געהאט אויסצושטיין זייער א סך צרות, ווייל ער איז געווען זייער א שטרענגער און עס איז געווען זייער שווער יוצא צו זיין פאַר אים.

וואָס מען האָט ניט געטאָן, ווי אזוי מען האָט ניט געשפּילט, — קעסלער׳ן איז דאָס ניט געפעלען געווארען.

קעסלער׳ס עלטערען זיינען ניט געווען צופרידען פון דעם, וואס דער זון האָט זיך פּלוצלונג אריינגענומען א „מאנקאָליע” אין קאָפּ אריין צו ווערען אן אקטיאָר. זיי האָבען ניט געוואָלט לײדען, וואָס ער גיט זיך אָפּ מיט אזעלכע נארישקייטען, און זיין פאָטער, דער שטרענגער איד, האָט אים ניט איינמאל געסטראשעט, אז אויב ער וועט זיך ניט ארויסשלאָגען פון׳ם קאָפּ דעם „קאָמעדיאנטשיק”, וועט ער אים ברעכען די ביינער.

קעסלער האָט זיך אָבער דערפאר ניט איבערגעשראָקען, און ער האָט אלץ געשפּילט טעאטער אין שטאל און אלץ געטרוימט וועגען א מעגלאכקייט צו ווערען אן „אמת׳ער אקטיאר”.

און ענדליך האָט זיך אַזאַ געלעגענהייט געוויזן.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון יאר 1881. עטלאכע קישי־נעווער יונגעליט און מיידלאך האָבען זיך צונויפגענומען און באַשלאָסען צו שפּילען טעאַטער אויף אידיש. אין דער גרופּע איז אויך געווען דוד קעסלער. באַלד איז אויך צוגעצויגען געוואָרען ל י י ב נ א ד אָ ל ס ק י, מיט וועמען קעסלער איז געווען באַקאַנט נאָך פון פריער.

אינטערעסאַנט איז, וואָס אין דער גרופּע זיינען געווען צוויי יונגע אידישע סטודענטען, וועלכע האָבען זיך געריסען צו ווערען אידישע אַקטיאָרען. זיי זיינען אָבער שפּעטער פון דער גרופּע ארויס, ווייל זייערע עלטערען האָבען זיי אין דעם געשטערט. אין דער זעל־בער גרופּע איז אויך געווען אַ פאַרהייראַט פּאָר פאָלק און זיי האָבען זיך אויך שפּעטער צוריקגעצויגען.

דער לייטענדער גייסט פון דער אַמאַטאָרען־טרופּע איז געווען איינער אַ מ. ג ע ל ע ר, אַ אינטעליגענטער יונגערמאַן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען אַ דאָקטאָר אין פּאַריז. געלער האָט געהאַט אַמביציעס צו ווערען אַ דראַמאַטורג, האָט ער אָנגעשריבען אַ פּיעסע, „מעכטשע דער שדכן", און אין דער פּיעסע האָט דוד קעסלער געמאַכט זיין ערשטען אויפטריט אויף אַ „לייטישער" בינע. ער האָט געשפּילט די ראָל פון דעם ליבהאָבער און לייב נאַדאָלסקי — די ראָל פון דעם שדכן, די הויפּט ראָל.

געשפּילט האָט מען אין „מאַזערס זאַל", וואו די קישינעווער אידען פלעגען פּראַווען חתונות און גלאַט שמחות. צו דער ערשטער פאָרשטעלונג איז געקומען אַ שרייבער פון דער צייטונג „בעסאַראַבסקי וויעדאָמאָסטי", און מיט עטלאַכע טעג שפּעטער איז אין דער צייטונג געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל וועגען דער אידישער פאָרשטעלונג.

אַ דאַנק דעם האָט מען זיך אין אַנדערע שטעט אויך דערוואוסט וועגען דער אַמאַטאָרען־טרופּע אין קישינעוו, און אין עטלאַכע וואָ־כען אַרום איז געקומען אַ יונגערמאַן, אַ לערער פון דער שטאָט דו־

באַסאַרי, מיט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל פאָרען קיין דובאָסאַרי שפּילען דיזעלבע פּיעסע, „מעכטשע דער שדכן״.

האָט קעסלער באַלד אויפגעגעבן די שטעלע אין דעם קליידער־געשעפט און איז אַוועקגעפאָרען קיין דובאָסאַרי. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן ליב נאַדאָלסקי, וועלכער איז אין יענער צייט אויך געווען אַ „קומי״ אין אַ קליידער־געשעפט.

אין דובאָסאַרי איז געווען אַ קלוב פאַר געזעלשאַפטלאַכע אונטערהאַלטונגען. דאָרטען, אינ׳ם קלוב, האָט די אַמאַטאָרען־טרופּע געשפּילט אַ שטיקל צייט דריי מאָל אַ וואָך. און דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז וואָס די גרעסטע „חסידים״ פון די אידישע פאַרשטעלונגען זיינען געווען רוסישע אָפיצערען. זיי האָבען גאָר אָנגעקוואָלען אי פון דעם שפּילען אין אַלגעמיין, אי פון די אַקטיאָרען באַזונדערס.

אָפּגעשפּילט אין דובאָסאַרי עטלאַכע וואָכען, האָט מען שוין דאָרטען לענגער ניט געקענט בלייבען און מען איז געקומען צוריק קיין קישינעוו. און דאָן האָט זיך פאַר קעסלער׳ן אָנגעהויבען אַ טראַגעדיע. אינ׳ם קליידער־געשעפט האָט מען אים שוין מער ניט געוואָלט אריינגעמען. אהיים האָט אים דער פאָטער ניט אריינגעלאָזען, ווייל וואָס דאַרף ער האָבען אַ זון אַ „קאָמדיאַנטשיק״? גאַנצע טעג פלעגט ער אַרומגיין אַ הונגעריגער, און שפּעט ביינאַכט, ווען דער שטרענגער טאַטע איז שוין געשמאַק געשלאָפען, איז דוד קעסלער שטילערהייט צוגעגאַנגען צום הויז און נאָך שטילער אַ קלאַפּ געטאָן אין פענסטער. דאָרטען פלעגט די גוטע מאַמע וואַרטען אויף אים. אַזוי שנעל ווי זי האָט דערהערט דעם קלאַפּ אין פענסטער, האָט זי געעפענט די טיר פאַר איר זון.

אַזוי פלעגט דוד קעסלער איבערשלאָפען די נאַכט אין דער היים, און ווי ס׳האָט נאָר אָנגעהויבען זשאַריען אויף טאָג, ווי ס׳האָט נאָר אָנגעהויבען ווערען בלוי אין די פענסטער, איז ער שטילערהייט אַוועק, דער בייזע טאַטע זאָל אים ניט זען.

ווידער זוכען א שטעלע אין א קליידער־געשעפט האט קעסלער ניט געוואלט. ער האט ביי זיך פעסט אפגעמאכט, אז ער מוז ווערען א פראפעסיאנעלער אקטיאר און ניט „עפעס אנדערש".

פונקט אין יענער צייט איז קיין קישינעוו געקומען א פראפע־סיאנעלע אידישע טרופע, איז קעסלער אוועק צום דירעקטאר און געבעטען, אז ער זאל אים געבען א געלעגענהייט אויפצוטרעטען אין א ראל. דער דירעקטאר איז שוין אודאי געוועזן געוואוינט צו „לצים", וועלכע רייסען זיך צו דער בינע, האט ער געדענקט, אז קעסלער מוז אודאי אויך זיין אזא לץ און ס'האט זיך אים פארגלוסט צו האבען אביסעל שפאס מיט אים. האט ער אים געהייסען ווייזען וואס ער קען, און ווען קעסלער האט גענומען אפשפילען די ראל פונ'ם ליבהא־בער פון דער פיעסע „מעכטשע דער שדכן", האט איינער פון דער טרופע אים דערלאנגט א זעץ איבער'ן קאפ....

דאס איז געוועזן גלאט אזוי זיך, א מין חוזק איבער א „יאלד". אבער אויף קעסלער'ן האט דאס שטארק געווירקט און ער האט אבי־סעל פארלוירען דעם מוט. אבער אויף מארגען איז ער ווידער גע־קומען ווייזען וואס ער קען, און ווען דער זעלבער חברה־מאן פון דער טרופע איז ווידער צוגעגאנגען צו אים, האט ער אים אנגעכאפט פאר'ן קארק און געזאגט:

— הער זיך איין, יונגערמאן, אויב דו וועסט זיך דערוועגען אויפהייבען א האנט אויף מיר, זעץ איך דיר אויס די ציין!...

דער חברה־מאן האט זיך דערשראקען, אבער דער דירעקטאר האט אויך מורא געקראגען, און קעסלער איז אין דער טרופע ניט אריין.

אין יענער צייט האט דער „איספאלניטעלני קאמיטעט" פון דער רעוואלוציאנערער ארגאניזאציע „נאראדנאיא וואליא" דורכגעפירט דעם אטענטאט אויף אלעקסאנדער דעם צווייטען (1טען מערץ, 1881), און מען האט אויף א צייט פארבאטען צו שפילען טעאטער אין רוס־לאנד.

קעסלער האָט דאַן שרעקלאַך געליטען, ווייל ער האָט זיך צו קיין זאַך ניט געקענט נעמען. די פּראָפעסיאָנעלע אידישע טרופּעס, וועלכע זיינען ארומגעפאָרען איבער בעסאַראַביען און אוקראַינע האָבען ליק־ווידירט זייער טעטיגקייט. ערשט אין אָנפאַנג פון 1882 איז יודעל גאָלדפאַדען, א ברודער פון אברהם גאָלדפאַדען, געקומען קיין קי־שינעוו צונויפשטעלען א טרופּע. און אזוי ווי ער האָט פון דער ציימונג „בעסאַראַבסקי וויעדאָמאָסטי" שוין געהאַט געוואוסט וועגען דער ערשטער אמאַטאָרען־פאָרשטעלונג אין דער בעסאַראַבישער הויפּט־שטאָט, האָט ער קעסלער'ן אריינגענומען אין זיין טרופּע.

דער פּלאַן איז געווען ארומצופאָרען איבער פארשידענע אידישע שטעט און שטעטלאַך און שפּילען אברהם גאָלדפאַדען'ס פּיעסען. אין דער טרופּע זיינען — אויסער קעסלער'ן — געווען: לייב נאַ־דאָלסקי, סאָניע קאַץ (שפּעטער מאַדאַם נאַדאָלסקי), דזשעני ראָיס (קעסלער'ס ערשטע ווייב) און אַנדערע.

צוזאַמען מיט דער טרופּע איז ער אַוועקגעפאָרען קיין טיראַס־פּאָל און דאָרטען האָט ער געמאַכט זיין ערשטען אויפטריט אַלס פּראָ־פעסיאָנעלער אַקטיאָר. ער איז אויפגעטראָטען אין דער ראָל פון מאַקס, אין „די צוויי קוני לעמעלס".

אין טיראַספּאָל האָט די טרופּע געשפּילט א פיר־פינף וואָכען און איז דערנאָך אַוועקגעפאָרען קיין בענדער. אין בענדער האָט מען גע־שפּילט א צוויי חדשים און אַוועקגעפאָרען צוריק קיין טיראַספּאָל, וואו מען האָט ווידער געשפּילט א קורצע צייט, און פון טיראַספּאָל איז מען אַוועקגעפאָרען קיין אַנטשיקראַק, וואו די טרופּע האָט זיך אָפּגע־ריסען פון יודעל גאָלדפאַדען און איז איבערגעגאַנגען אויף אייגענע קעסט.

אין יענער צייט האָט זיך דער עולם ניט באַנוגענט בלויז מיט א פּיעסע. צו דער פּיעסע האָט מען נאָך געדאַרפט צוגעבען א „די־ווערטיסמענט", האָט מען געשפּילט „קאָלדוניאַ", „שולמית", „באַנקיר־טיראַן", „די צוויי קוני־לעמעלס", און נאָך דער פּיעסע האָט מען

דערלאַנגט דעם „דיווערטיסמענט", אַ מין וואָדעוויל אין איין אַקט. איין „דיווערטיסמענט" האָט געהייסען „פיר פּאָר פּאַרציליייענע טע־לער" און די אַנדערע האָבען — איין גאָט ווייסט פאר וואָס — גע־טראָגען רוסישע נעמען: „ספּיטשקי" און „קאַטאַר".*)

דאָס איז נאָך געווען אין יענער צייט, ווען אברהם גאָלדפאַדען אַליין, פלעגט נאָך אַ פאָרשטעלונג אַרויסקומען אויף דער בינע, אָנגע־טאָן אין אַ פראַק, מיט ווייסע הענטשקעס, און דעקלאַמירען די „צען חסידים":

„דאָס זיינען די אידעלאַך, דאָס זיינען זיי דאָ!"

און די צען אַקטיאָרען, פאַרגרימירט אַלס די צען חסידים, האָבען געענטפערט מיט דעם באַקאַנטען ניגון:

„אמת, ווי איך בין אַ איד!"
„אַזוי בלאָנזשען זיי שוין צוויי טויזענט יאָר."

און ווידער מיט אַ געזאַנג:

„אמת, ווי איך בין אַ איד!"

דערנאָך איז דוד קעסלער אַריין אין אַן אַנדער טרופּע. אפשר אין סאַבסאַי'ס — ווי ס'ווערט אָנגעגעבען אין אייניגע קוואַלען — און אַרומפאָרענדיג איבער פאַרשידענע שטעט און שטעטלאַך, שפּילענדיג באַדייטענדע ליבהאָבער ראָלען, האָט ער זיך געמאַכט אַ גרויסען נאָ־מען, און אַלע האָבען צוגעגעבען, אַז ס'שטייט אים פאָר אַ גרויסע צוקונפט אויף דער אידישער בינע.**)

---

*) „ספּיטשקי" איז גאָלדפאַדען'ס איינאַקטער „שוועבעלאַך". די אי־בעריגע איינאַקטערס זיינען אויך גאָלדפאַדען'ס.

**) איך געפין דאָ פאַר נויטיג אויסצודריקען מיין טיפסטען דאַנק דעם שווישפּילער לייב נאַדאָלסקי און דער שוישפּילערין סאָניע נאַדאָלסקי, דער־פאַר וואָס זיי האָבען מיר צוגעשטעלט דעם גרעסטען טייל פון די מאַטעריאַ־לען, וועלכע האָבען אַ שייכות מיט דוד קעסלער'ס קינדער יאָרען, און אויך מיט די ערשטע יאָרען פון זיין קאַריערע אויף דער אידישער בינע.

עס זיינען אויך געווען די דאמאלסדיגע אומשטענדען, וועלכע האָבען ארויסגעהאָלפען אין דעם, אז מען זאָל קעסלער׳ס טאַלאַנט באַמערקען פון סאַמע אָנפאַנג אָן. די צאָל פון אמת באַדייטענדע טאַלאַנטען איז אויף דער אידישער בינע נאָך געווען זייער קליין; עס האָבען אויסגעפעלט כוחות פאַר די מער באַדייטענדע ראָלען, און ווען מען האָט געפונען איינעם, וועלכער האָט ביים שפילען געקענט א גלאַנץ טאָן מיט טאַלאַנט און האָט נאָך דערצו געהאַט א שטים צום זינגען אויך, האָט מען אים געגעבען געלעגענהייטען זיך ארויסצוּווייזען.

די ערשטע צייט איז אין קעסלער׳ס שפּילען געווען א סך פּאָזע, אַקטיאָרישער אָנשטעל, טעאַטראַליש איבערגעטריבענער פּאַטאָס, ווי עס איז געווען דער שטייגער אין יענער צייט, ווען אַקטיאָרען האָבען געהאַלטען פון דעם כּלל, אז מען דאַרף ריידען אויף נאַטען און גיין אויף שטאָלצעס. אָבער שוין דאַן — ווי עס דערציילען די אַלטע שוישפּילער, וועלכע געדענקען אים פון יענער צייט — האָט זיך שוין אין קעסלער׳ס שפּילען געמערקט דער אָנהויב פון א נייגונג צו א מענשלאַכען טאָן און צו נאַטירלאַכער האַלטונג.

איינזאַפּענדיג אין זיך די טעאַטראַלע אַטמאָספּערע פון יענער צייט איז אים שפּעטער ניט געווען אַזוי גרינג זיך צו באַפרייען מיט אַמאָל פון דער פּאָזע, פון דעם אַקטיאָרישען אָנשטעל; דער גייסט פון די „מעשענע שטיוועל״, ווי ער האָט אָנגערופען די היסטאָרישע אָפּערעטען פון יענער צייט, — האָט זיך צו אים, — אפשר געגען זיין אייגענעם ווילען — אַזוי צוגעקלעפּט, אז ער האָט ניט געקענט פּטור ווערען דערפון מיט אַמאָל. דערצו נאָך דאַס ריידען דייטשמעריש, וואָס האָט געפּענטעט די צונג און ארויפגעפירט אויף אַן אומנאַטירלאַכען טאָן. ערשט שפּעטער, אין אָנהויב פון די נײַנציגער יאָרען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די יעקב גאָרדין־עפּאָכע אינ׳ם אידישען טעאַטער אין אַמעריקע, האָט דוד קעסלער זיך אַליין געפונען, און דאַן האָט ער אויפגעלעבט.

„עס איז א פארגעניגען!" — פלעגט ער זאָגען. — „מען רעדט ווי א מענש!"

און ער האָט אַלע מאָל געשטרעבט צו ריידען אויף דער בינע ווי א מענש. אפילו נאָך אין די גאָר ערשטע יאָרען, ווען ס'איז געווען אָנגענומען, אז אויף דער בינע דארף מען ריידען אויף נאָטען און גיין אויף שטאָלצעס.

* * *

דעם אידישען טעאַטער אין רוסלאַנד האָט זיך אין אָנפאנג פון די אכטציגער יאָרען גע'חלומ'ט א גרויסע צוקונפט; זיינע בויער און שעפער זיינען געווען יונגע, ענערגישע און אמביציעזע מענשען. זיי האָבען פאר זיך געהאט צענדליגער גרעסערע און קלענערע שטעט, וואו זיי האָבען זייער טעטיגקייט געקענט פארשפרייטען; אומעטום האָבען זיי צווישען די מאסען געפונען א סך באגייסטערטע אָנהענגער און א דאנק דעם זיינען די אויסזיכטען אויף אנטוויקלונג געווען גרויס.

אפילו די רוסישע צייטונגען האָבען דעם אידישען טעאַטער גע־שענקט א סך אויפמערקזאמקייט און געשריבען וועגען דעם, ווי וועגען א וויכטיגער קולטורעלער ערשיינונג. און ווען אברהם גאָלדפאדען איז מיט זיין טרופע געווען אין פעטערבורג, האָט דער טעאטער־קרי־טיקער פון דער אנטיסעמיטישער גרויסער צייטונג „נאָוואָיע ווערעמיא" געשריבען אין א מער אָדער ווייניגער סימפאטישען טאָן וועגען די פאָר־שטעלונגען.

„די אידישע טרופע פון הער גאָלדפאדען, — שרייבט דער רעצענ־זענט — האָט געפונען פאר זיך א מקום מנוחה אין דעם ניט־גרויסען זאַל פון „דער געזעלשאפט פאר ביליגע דירות". די דאָזיגע טרופע גיט אירע פאָרשטעלונגען יעדען טאָג און ציט א גאנץ היבשען און גאנץ אייגענארטיגען עולם. צוויי מאָל האָט זיך מיר איינגעגעבען צו זיין אויף די דאָזיגע ספעקטאַקלען.ביידע מאָל האָב איך געטראָ־פען אָפּערעטען־פאָרשטעלונגען און ביידע מאָל איז דער זאַל געווען געפאקט.

„די קליינע סצענע, דער אומבאקאנטער זשארגאָן, דער שוואכער אָרקעסטער — דאָס אַלץ מאכט אין אָנפאנג א ניט־אנגענעמען איינ־דרוק, אָבער נאָכדעם געוואוינט איר זיך ביסלאכווייז צו צו דער דאָ־זיגער סביבה און איר קומט צו דער איבערצייגונג, אַז די פאָרשטע־לונגען פון דער אידישער טרופּע זיינען גאַנץ אָריגינעל, אַז צווישען די אַקטיאָרען געפינען זיך גאַנץ טאַלאַנטפולע מענשען און אַז אין אַל־געמיין האָבען די ספּעקטאַקלען א סך געמיינזאַמעס מיט די דייטשע פאָרשטעלונגען, די זעלבינע דעקלאַמאציע, וואָס קלינגט אָפט מאָל אומ־נאטירלאך און דערזעלבינגער שיק ביים דורכפירען די קופּלעטען.”

אין דעמזעלבען אַרטיקעל לויבט דער רעצענזענט פישקינד'ן און צוקערמאַנ'ען, און ער ענדיגט דערמיט, אַז „די אויסשטאַטונג איז גע־ווען א גאַנץ אַנשטענדיגע.”*)

אויף ווי וויט דער אינטערעס צו אידיש טעאַטער האָט דערגרייכט אין יענער צייט אַפילו אין אַזעלכע קרייזען, וואו מען האָט זיך גיכער געקענט ריכטען אויף פאראכטונג און בטול, אָדער גאָר אויף פאָל־שטענדיגער איגנאָרירונג, קען מען זיך פאָרשטעלען פון דעם וואָס א. מ. סואוואָרין, דער רעדאקטאָר פון דער „נאָוואָיע ווּרעמיא”, האָט געפונען פאר נייטיג צוצושיקען א פּערזענלאכען בריף צו דעם אידישען אַקטיאָר פישקינד, דאַנקענדיג אים פאַר דעם פאַרגעניגען, וואָס ער האָט אים פאַרשאפט מיט זיין שפּילען די ראָל פון דער „כשוף מאכערין”.**)

*) „נאָוואָיע ווּרעמיא”, נומער 2111, יאָר 1882. ציטירט לויט אויס־לענדער־פינקעל'ס „א. גאָלדפאדען”, מינסק, 1926, ז. 68.

**) דער בריף, פון וועלכען מיר דרוקען דאָ אין בוך א פאָטאָגראפישע קאָפּיע, געפינט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג ביי דעם אַקטיאָר פישקינד. דאַטירט איז דער בריף דעם 24טען אויגוסט, 1881, און ער לייענט זיך אַזוי:

„הער פישקינד, אַלס רעדאַקטאָר פון דער „נאָוואַיע ווּרעמיע” מוז איך אייך אויסדריקען מיין דאַנק, איר מעגט זיך אָנרופען קינסטלער, און דערפאר זעהענדיג אייך אין דער ראָל פון דער „כשוף־מאַכערין”, מוז איך אייך זאָגען, אַז אין אונזערע טעאַטערס זיינען פאראן ווייניג אַזעלכע קינסטלער. איך דאַנק אייך טויזענד מאָל פאר דער אויסטייטשונג פון אייער ראָל. (אונטערגעשריבען) רעדאקטאָר־אַרויסגעבער פון „נאָוואָיע ווּרעמיא”. סואוואָרין.



סואוואַרינ'ס בריף צו פישקינד'ען.

דער רוסישער טעאַטער, וועלכער איז שוין דאַן אַלט געווען מער ווי צוויי הונדערט יאָר, איז אין יענער צייט ניט געווען אָרים אין אַרטיסטישע כוחות. אויף דער בינע האָבען געשיינט אַזעלכע נעמען ווי איוואַנאָוו-קאָזעלסקי, אַנדרעי בורלאַק און אַנדערע; צווישען די עלטערע טעאַטראַלען האָט מען נאָך געקענט געפינען אַזעלכע, וואָס האָבען נאָך געדענקט דאָס געניאַלע שפּילען פון אַ שטשעפּקין, פון אַ מאָטשאַלאָוו, און אַנדערע גרויסע קינסטלער. די רוסישע טעאַטער־רעצענזענטען זיינען אין דעם פּרט פון שוישפּיל קונסט געווען — קען מען זאָגען — צובאַלעוועט; זיי האָבען אויף זייער אייגענער בינע גענוג גרויסע קינסטלער געזען. אָבער פונדעסטוועגען האָט דאָס זיי ניט געשטערט צוצוגיין צו דער אידישער בינע מיט אַ פּאַסיגען קריטעריום און ניט אַרויסשטעלען דיזעלבע פאָדערונגען, וואָס מען האָט געוויינ־לאַך צו אַ טעאַטער, וועלכער האָט שוין פעסט איינגעפונדעוועטע טראַ־דיציעס אונטער זיך.

שרייבענדיג וועגען אַ פאָרשטעלונג פון „שמענדריק", וואָס גאָלד־פאַדען'ס טרופּע האָט געגעבען אין פּעטערבורג, זאָגט דער רעצענזענט פון דער רוסישער צייטונג „נאָוואָסטי" אַזוי:

„שטרענג גערעדט איז פאַר אונז אוממעגלאַך ניט צו באַגריסען דעם פאַקט פון אַזעלכע פאָרשטעלונגען. פון שטאַנדפּונקט פון קונסט האָבען די פאָרשטעלונגען קיין באַדייטונג ניט. מיר האָבען געזען באַרימטע אַרטיסטען; וואָס־זשע קען געבען אַ וואַנדערענדע אָרימע טרופּע? אָבער דער דאָזיגער קריטעריום איז אין דעם פאַל ניט ריכטיג. די אידען קענען ניט געבען קיין גוטען טעאַטער מיט איין מאָל. דער ענין טעאַטער איז פאַר זיי ניי און באַשאַפענדיג אים האָט גאָלדפאַדען געדאַרפט אָנהויבען פון סאַמע אָנפאַנג."*)

דער זעלבער שרייבער ווייזט אויך אָן אויף דעם פאַקט, אַז באַ־שאַפענדיג דאָס אידישע טעאַטער, האָט גאָלדפאַדען געדאַרפט „פּטר'ען ניט ווייניג מי און ענערגיע צו געפינען מוטיגע און דרייסטע מענשען,

*) אויסלענדער־פינקעל, ז. 66.

וועלכע האָבען קיין מורא ניט, אז מען וועט זיי אריינלייגען אין חרם דערפאַר, וואָס זיי זיינען געוואָרען אַקטיאָרען".

עס איז אמת, אַז די מערסטע רוסישע טעאַטער־קריטיקער פון יענער צייט האָבען געקוקט אויפ'ן אידישען טעאַטער ניט אַזוי ווי אויף קונסט, נאָר גיכער ווי אויף אַ מיטעל, וואָס באַקעמפט דעם פאַ־נאַטיזם. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין — אַ באַציאונג האָבען זיי צו דעם געהאַט, אינטערעסירט מיט אים האָבען זיי זיך. און אַזוי ווי דער אינטערעס צו די פאָרשטעלונגען איז צווישען די אידישע מאַסען אין יענער צייט געווען זייער גרויס, איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז דעם אידישען טעאַטער איז דאַן פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע צוקונפט אין רוסלאַנד.

האָט אָבער די געשיכטע אַן אַנדער וועג אָנגעצייכענט.

די אַלגעמיינע לאַגע פון די אידען איז דאַן געווען זייער אַ טרויע־ריגע אין רוסלאַנד. די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען האָט אוועקגעשטעלט די רוסישע אידען אין אַזאַ לאַגע, אַז עס איז פאַר זיי איינפאַך שווער געוואָרען צו אָטעמען.

אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט זיך אַ גאַס געטאָן איבער צענדליג־גער שטעט און שטעטלאַך און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט גע־ווען, אַז די פּאָגראָמען ווערען אָרגאַניזירט פון דער רעגירונג, אָדער מיט איר צושטימונג. אין די קאַבינעטען פון די מיניסטאָרען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אָן אַ שיעור באַגרעניצונגען פאַר אידען, און די אַלע באַגרעניצונגען האָבען געטראָגען דעם כאַראַקטער פון „לעגאַלע פּאָגראָמען", ווי דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו רופט זיי אָן; מען האָט זיך מיט פליים און התמדה גענומען טרייבען אידען פון די דער־פער, מען האָט אַלץ ענגער און ענגער געמאַכט דעם תחום, וואו אידען האָבען געהאַט אַ רעכט צו וואוינען; מען האָט פאַרמאַכט די טירען פון די בילדונגס־אינסטיטוציעס פאַר אידישע קינדער — מען האָט אַלץ געזוכט נייע וועגען און מיטלען ווי אַזוי צו מאַכען שווערער און אומ־

ערטרעגלאכער דאָס לעבען פון דער אידישער באפעלקערונג, און דעם 14טען סעפּטעמבער, 1883, איז ארויסגעגעבען געוואָרען א באפעל, אז מען טאָר אין רוסלאנד מער ניט שפּילען קיין טעאטער אויף אידיש.

איינינע האלטען פון דער מיינונג, אז דער פארבאָט אויף אידיש טעאטער איז געקומען אלס דער רעזולטאט פון א מסירה. דאָס קען אָבער ניט פעסטגעשטעלט ווערען. אויב אפילו עס איז יאָ געווען א מסירה, איז דער פארבאָט גיכער געווען דער רעזולטאט פון דער אל־געמיינער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, וואָס עס איז אָנגעפירט געווארען אין אלעקסאנדער דעם דריטענ׳ס רעגירונג.

נאָכ׳ן פארבאָט זיינען זיך די מערסטע אידישע אקטיאָרען צולאָ־פען פון רוסלאנד, זוכענדיג א נייעם באָדען פאר זייער טעטיגקייט. די נאָענטסטע סטאנציע איז געווען רומעניען; א סך אידישע אק־טיאָרען האָבען נאָך געדענקט די שפע, וואָס זיי האָבען דאָרט געהאט פון די פּאָדריאַדטשיקעס אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה, אין יאָר 1877. זיינען זיי אהין אוועק זיך ראטעווען.

אין יענער צייט האָט זיגמונד מאָגולעסקא, צוזאמען מיט מ. פינקעל צונויפגעשטעלט א אידישע טרופּע צו פאָרען קיין רומעניען שפּילען טעאטער. און אזוי ווי קעסלער האָט שוין דאמאלס געהאט א נאָמען פון א טאלאנטפולען שוישפּילער, האָבען זיי אים אריינגענו־מען אין דער טרופּע צו שפּילען די הויפּט־ליבהאָבער ראָלען.

און קעסלער איז אוועקגעפאָרען קיין רומעניען.

4

פון רומעניען קיין אַמעריקע.

דאָס אריבערכאַפּען זיך קיין רומעניען אין איילעניש, פּונקט דאַן ווען ער האָט געהאַלטען ביים סאַמע אָנפאַנג פון זיין קאַריערע, האָט קעסלער'ן, דעם קינסטלער, זיכער קיין טובה ניט געטאָן.

די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז עס איז אוממעגלאַך געווען צו שאַ־פען עפּעס אויף אַ געהעריגען שטייגער. מען האָט גאָר וועגען אַזאַ זאַך אַפילו טראַכטען ניט געקענט. מען האָט גלייך געמוזט כאַפּען שפּילען אַלץ וואס ס'קומט נאָר אונטער דער האַנט, אַנדערש וואָלט נאָך אויסגעקומען צו שטאַרבען פאַר הונגער, אָדער גיין בעטלען אַ שטיקעל ברויט איבער די הייזער.

דאָס גאַנצע אידישע טעאַטער איז דאַן געווען אין דער לאַגע פון יענעם זון, וועמען מען טרייבט ארויס פון דער היים פּונקט דאַן, ווען זיין כאַראַקטער האַלט אין אָננעמען אַ באַשטימטע פאָרמע, פּונקט דאַן, ווען ער פילט, אַז עס ציט אים ערגעץ אין אומבאַשטימטע ווייט־קייטען; ער דערפילט זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסען פון אַלץ, אָן אַ באָדען אונטער די פיס, אָן אַ לערער, אָן אַ וועגווייזער, לאָזט ער זיך לויפען הענדום־פּענדום סתם אין דער וועלט אריין, פאַרקריכט אַלע מאָל אין אַן אַנדער זייט, ביז ער גייט איינגאַנצען ארונטער פונ'ם גליי־כען וועג...

דאָס זעלבע איז געווען מיט'ן אידישען טעאַטער נאָכדעם ווי עס איז אין רוסלאַנד ארויסגעגעבען געוואָרען דער פאַרבאָט. ער האָט אָנ־געהויבען בלאָנדזשען. ער האָט זיך געלאָזט לויפען — סתם אַזוי אין דער וועלט אריין, אָן אַ טאַלק, אָן אַ זין, און ער איז פאַרקראָכען אין

אזעלכע ווינקלען, אז עס איז דערנאָך שוין געווען שרעקלאך שווער אים פון דאָרטען ארויסצופירען...

די דריי יאָר, וואָס דוד קעסלער איז געווען אין מאָגולעסקאָ'ס

דוד קעסלער שפּאַצירענדיג אין גאַס.

טרופּע אין רומעניען, האָט ער זיך א סך אָנגעליטען. צוזאמען מיט די אנדערע אַקטיאָרען האָט ער היבשלאך געהונגערט, אָדער — ווי ער אַליין האָט זיך אויף זיין שטייגער אויסגעדריקט — „געשלונגען דאָס שפּייעכץ און פאַרוואָרפען די ציין אויף די באָנטעס".

דאָס האָט אָבער אויף אים אזוי ניט געווירקט, ווי דאָס שטענדיגע ארומשלעפּען זיך פון איין שטאָט אין דער אנדערער.

עס איז פאר אים אונמעגלאך געווען זיך צו פארטיפען אין א ראָל, צו קאָנצענטרירען זיינע שעפערישע כוחות.

ווארים אין דער צייט, ווען קעסלער, דער מענש, האָט געהאט גע־גוג כוחות אריבערצוטראָגען הונגער און נויט, האָט קעסלער, דער קינסטלער, געהאט געגוג פאראכטונג צו דעם, וואָס זעטיגט ניט דעם גייסט און רייסט שטיקער פון דער נשמה.

ער האָט די ערשטע צייט פיינט געהאט א כאפ־לאפ שפּיל; גע־האט אין זיך אלע איינענשאפטען צו ארבעטען פלייסיג איבער א ראָל און זי דערגרונטעווען. די אומשטענדען זיינען אָבער געווען אזעלכע, אז דאָס איז געווען אוממעגליך און דאָס איז אפשר געווען די אור־זאך, וואָס האָט שפּעטער אנטוויקעלט אין קעסלער'ן די נייגונג צו פאר־נאכלעסיגען א ראָל און זי איבערכאפּען ווי עס מאכט זיך.

אָבער ניט קוקענדיג אויף די שלעכטע אומשטענדען, וועלכע האָ־בען אין זיך געהאט אלע מעגלאכקייטען ארונטערצופירען פון וועג אן אימפּולסיווען קינסטלער, האָט קעסלער דאך געשאפען אזוי, אז מען האָט אים געמוזט באמערקען מער ווי אנדערע.

אָט ווי לעאָן בלאנק שילדערט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געהאט דערזעענדיג דאָס ערשטע מאָל, אין רומעניען, קעסלער'ן אין דער ראָל פון „בר־כוכבא“:

„ווען איך האָב אים אין יענער ראָל דערזען, — דערציילט בלאנק, — האָבען מיר הענט און פיס אנגעהויבען ציטערען און די בליקען פון מיינע אויגען האָבען זיך עפּעס ווי צוגעקלעפּט צו אים און איך האָב זיי בשום אופן ניט געקענט אָפּרייסען. גאָט מיינער! — האָב איך זיך געטראכט, — ווי אזוי קען א מענש באווייזען אזעלכע וואונ־דער? “*)

*) „פאָרווערטס“, אָקט. 26, 1928.

אפילו דאַן האָבען וועגען קעסלער'ס שפּילען קיין צוויי מיינונגען ניט געקענט זיין — אויב ער האָט נאָר געוואָלט שפּילען גוט.

וואָרים ווען ער האָט דאָס ניט געוואָלט, האָט ער געשפּילט זייער שלעכט, און דאַן האָט ער דאָס אַליין געוואוסט מער ווי אַנדערע.

כדי ער זאָל שפּילען גוט, מיט חשק, מיט קינסטלערישער ענער־גיע, האָט ער געדאַרפט האָבען אי אַ גוטע פּיעסע, אי אַ גוט פּובלי־קום. דער באַוואוסטזיין, אַז אין טעאַטער געפינט זיך איינער וואָס פאַרשטייט, איינער וואָס פילט, איז געווען גענוג, אַז ער זאָל אַזאַ חשק האָבען. אָבער ווען עס זיינען אין טעאַטער אַזעלכע מענשען ניט גע־ווען, האָט ער זיך אויף דער בינע ערלויבט אַזעלכע זאַכען, וואָס קיין אַנדער אַרטיסט וואָלט זיך דאָס קיינמאָל ניט ערלויבט, און דאַן האָט ער געקענט זאָגען:

— אַ פּובליקוניניו... דערלאַנג זיי דאָס קונצעניו... אַ ניכפּע זאָל זיי טרעפען!...

עס איז ניט נויטיג אויסצורעכענען די אַלע וואָגלענישען און פּלאָ־גענישען, וואָס דוד קעסלער האָט דורכגעמאַכט אין די דריי יאָר וואָס ער איז געווען מיט מאָגולעסקאָ'ס טרופּע אין רומעניען. ווען מען באַקענט זיך מיט די אַלע איינצעלהייטען, וואָס מען הערט פון די על־טערע אידישע שוישפּילער, וועלכע געדענקען נאָך יענע צייטען, האָט מען דעם איינדרוק, אַז דאָ האַנדעלט זיך גאָר ניט וועגען אַ טעאַטער, וועלכער האָט געהאַט זיין ריכטונג און זיין שטייגער, נאָר וועגען אַ צירק, וואָס האָט זיך ווי אַ בייז וואונדער אַרומגעשלעפּט איבער די יאַרידען.

האָט מען דערהערט, אַז אין דער און אין דער שטאָט איז אַ יריד און אַז עס זיינען אַהין אָנגעפאָרן אַ סך אידען, וועלכע קויפען און פאַרקויפען פעלעכלאַך, פּאַטשערקעס, לאָפּעטעס און אַנדערע זאַכען, איז מען אוועקגעפאָרען אַהין פאַרקויפען אַ שטיקעל „בר־כוכבא" אויך...

האָט מען דערהערט, אַז אין אַן אַנדער שטאָט איז ווידער אַ

יאַריד, וואו אידען קויפען און פאַרקויפען געוואַנט, לאַסטיק, לייווענט און האַנטיכער און טישטוכער, האָט מען זיך מיט האַק און פּאַק איי־בערגעקליבען אַהין פאַרקויפען אַ שטיקעל „שולמית".

איידער מען איז ערגעץ אַרויסגעפאָרען, האָט מען פריער געשיקט אַ שליח. דער שליח האָט אין דער נייער שטאָט געפונען אַ אידען מיט געלט און פאַר׳משכנ׳ט ביי אים דעם גאַרדעראָב און די אַלע אַנ־דערע בעבעכעס פון דער טרופּע. דערנאָך האָט ער דער טרופּע גע־שיקט אויף הוצאות, און עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז נאָך איידער מען איז אַריינגעקומען אין דער נייער שטאָט, איז מען שוין געווען פאַרבאָרגען אין חובות ביז איבער׳ן קאָפּ. און פּונקט דאַן, ווען מען האָט גענארפט שפּילען — מערסטענטיילס אין אַן אָפענעם גאָרטען, אויף אַ צרה׳דיגער בינע, — איז געגאַנגען אַ רעגען און דער עולם איז ניט געקומען.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט, פאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען קינסטלערישען שאַפען, וועגען שוישפּילערישער פאַרטיפונג. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט אַזאַ טעמפּעראַמענט־פולער קינסטלער ווי דוד קעסלער צייטענווייז געמוזט ווערען ווילד ווי אַ טיגער.

און ווער עס געדענקט דוד קעסלער׳ס טאָן, וועלכער האָט אין זיך געהאַט אַ בייזקייט, אַ געוויין, ווען ער, דער קינסטלער, איז פון עפּעס געווען ניט צופרידען, אויף דער בינע, אָדער אין לעבען, דער קען אין דעם געפינען דעם שפּור פון יענער אומצופרידענקייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אויף זיין נשמה נאָך אין יענע יאָרען, אין רומעניען.

אַזאַ אומצופרידענקייט האָט אַזאַ מענשען ווי קעסלער געמוזט ברענגען צו אַזעלכע קללות ווי:

— אַז גע׳הרג׳עט זאָל עס ווערען!

— אַ פייער זאָל עס טרעפען!

— אַ דונער זאָל עס דערשלאָגען!

— פארברענט זאָל עס ווערען!

און דערביי — קריצען מיט די ציין און זיך בייסען די פינגער פון די הענט.

נאָך אַ לאַנגער רייע פון וואָגלענישען איבער די גרעסערע און קלענערע שטעט פון רומעניען, איז געשאַפען געוואָרען אַזאַ לאַגע, אַז די אָנפירער פון דער טרופּע, אין וועלכער דוד קעסלער איז געווען, האָבען מיט אַמאָל דערפילט, אַז אַלע כוחות זיינען שוין אויסגעשעפּט און אַז אַלע מעגלאַכקייטען זיינען שוין צוגעפירט געוואָרען צו אַזאַ גרעניץ, אַז ווייטער קען מען שוין ניט גיין.

געגאַנגען איז דאַן דאָס אידישע טעאַטער מיט׳ן זעלבען שטראָם ווי די אידישע אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד, און ס׳איז דעריבער געווען ניט מער ווי נאַטירלאַך, אַז אין דער צייט פון אַ נויט, זאָל דער ערשטער געדאַנק זיין — אַמעריקע.

אָבער אַמעריקע איז אַזוי ווייט. עס געפינט זיך אַזש מעבר לים. ווי אַזוי שלאָגט מען זיך צו אַהין מיט האַק און פּאַק?

געוואוינט זיך אָפּצושטעלען אויף סטאַנציעס, קריגענדיג די טבע פון „ויסעו־ויחנו״, האָבען די אָנפירער פון דער טרופּע, אין וועל־כער דוד קעסלער האָט געשפּילט, אין אָנפאַנג געדענקט פּריער צו פּרואווען דאָס מזל אין גאַליציען, פון דאָרט זיך פּאַרשלעפּען קיין לאָנדאָן, און פון לאָנדאָן — קיין אַמעריקע.

האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי, אַז איינער אַ איד מיט׳ן נאָמען ישראל האָלצהענדלער, מאַגולעסקאָ׳ס אַ פאַרברענטער חסיד, האָט אויסגעבאָרגט אַ היבשע סומע געלט דער טרופּע, און דאָן איז מאַגולעסקאָ, צוזאַמען מיט פינקלען אוועקגעפאָרען קיין לאָנדאָן צו זען, וואָס מען קען דאָרטען טאָן אַריבערצופּעקלען די טרופּע קיין אַמע־ריקע, פון וואַנען מען האָט שוין געהערט זייער גוטע גרויסע וועגען אַ גינסטיגען באָדען פאַר אידיש טעאַטער.

אין לאָנדאָן האָט זיך מאַגולעסקאָ געטראָפען מיט דעם ניו יאָר־קער טעאַטער־אונטערנעמער מאַנדעלקערן, וועלכער איז געשיקט

געוואָרען צו ברענגען אדלער׳ן. צוליב א סכסוך איבער געלט איז דער פּלאַן צו ברענגען אדלער׳ן מיט זיין טרופּע געוואָרען צו־נישט. און ווען מאַנדעלקערן האָט דערזען מאָגולעסקאָ׳ן, וועמעס נאָמען ס׳איז ביים אידישען עולם געווען איינגעהילט אין לעגענדעס, איז אים איינ־געפאלען, אז ער וועט אויפטאָן א גוטע זאך דערמיט, וואָס אנשטאָט



ז. מאָגולעסקאָ.

צו ברענגען קיין ניו יארק אדלער׳ן מיט זיין טרופּע, וועט ער ברענגען מאָגולעסקאָ׳ן מיט זיין טרופּע.

ער אליין האָט אָבער אויף זיך ניט געקענט שטעלען, ווייל ער איז בלויז געווען דער שליח פון צוויי רייכע אידען, דראזדאוויטש און ראָזענגארטען, און אזוי ווי א רייזע פון לאָנדאָן קיין ניו יארק האָט אין יענער צייט געקאָסט א שבוש, האָט ער געכאפּט מאָגו־לעסקאָ׳ן און פינקלען און איז אוועק מיט זיי קיין אמעריקע, און דאר־

טען איז אין פארלויף פון דריי טעג צייט געשלאָסען געוואָרען א קאָנטראַקט, אז מאָגולעסקאָ זאָל ברענגען זיין טרופע קיין אמעריקע.

אין מאָנאַט יולי, 1886, איז מאָגולעסקאָ׳ס טרופע אָנגעקומען קיין ניו יארק. און אין יענער טרופע איז דער הויפּט „ליבהאָבער" געוועזן דוד קעסלער.

פונקט אזוי ווי דאָס אָנקומען פון מאָגולעסקאָ׳ס טרופע איז פאר א סך מענשען געוועזן א פרייד, ספּעציעל פאר די, וועלכע האָבען נאָך געדענקט די צייטען ווען זיי האָבען געזען דעם גרויסען קאָמיקער אויף דער בינע אין רוסלאַנד און אין רומעניען, אזוי איז דאָס פאר אַנ־דערע געוועזן אַן ענטוישונג, ווייל געריכט האָבען זיי זיך גאָר אויף אדלער׳ן וועלכער איז שוין דאַן געוועזן געקרוינט מיט׳ן נאָמען „נשר הגדול".

אין אַן אַנאָנס, וואָס איז דעם 21טען יולי, 1886, ערשינען אין א אידישער צייטונג, לייענען מיר אזוי:

„אדלער קאָמט מיט דער ריכטיגער אידישע טרופּע די אין נויארק נאָך נישט געשפּילט האט, מיט איבער הונדערט נייע שטיק, די מאַן אין נויארק נאָך ניט געזען האט. וויר זינד איבערצייגט, דאָס דאָס היזיגע פּובליקום ערוואַרטע מיט אומגעדולד אויף דעם בארימטען אי־דישען שוישפּילער אדלער דער דעם גרויסען סוקסעס געמאַכט האט אין די גרויסע שטעט אין יוראָפּ, יעצט קאָמט ער אהער מיט זיינער וועלט בארימטען טרופּע פון יוראָפּ אום צו צייגען דען נויארקער יו־דישען פּובליקום, דאָס עס ווירקלאך עקסעסטירט איינע ריכטיגע יו־דישע טרופּע".*)

פון דער דאָזיגער מודעה איז קלאָר, אז מען האָט זיך געריכט אויף אדלער׳ן, וועמעס נאָמען ס׳איז שוין דאַן געוועזן אזוי בארימט, אז טעאַטער אונטערנעמער האָבען זיך געקענט פארגינען אזא זאַך ווי שיקען א ספּעציעלען שליח, אים צו ברענגען מיט זיין טרופּע פון לאָנ־דאָן קיין ניו יארק. ווענען אדלער׳ן האָט מען געוואוסט, אז ער איז

*) ציטירט לויט גארין׳ס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער".

„דער דעם גרויסען סוקסעס געמאַכט האַט אין גרעסטע שטעט אין יוראָפּ", און אַז ער איז דער, וואָס וועט „צייגען דען נויארקער יודי־שען פּובליקום, דאַס עס עקסעסטירט ווירקליך איינע ריכטיגע יודישע טרופּע".

וועגען קעסלער'ן ווידער האָט מען נאָך דאַן אין אמעריקע זייער ווייניג געהערט, אָדער אפשר גאָר ניט געהערט. ער איז געקומען אין דעם נייעם לאַנד ניט ווי א „שטערן" מיט אַן אייגענער טרופּע, נאָר ווי איינער פון מאָגולעסקא'ס טרופּע.

עס האָט אָבער קיין סך ניט געדויערט און דוד קעסלער'ס שטערען האָט אין אמעריקע אָנגעהויבען שיינען אַזוי העל, אַז ער האָט ניט ווייניג פאַרשטעלט די אַנדערע, וועלכע האָבען געהאַט גרעסערע נעמען פאַר אים.

שוין ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג אין ניו יארק (אין טערעס גאַרדען, 58טע גאַס און לעקסינגטאָן עוועניו), האָט מען אין קעס־לער'ס שפּילען געזען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ קינסטלער, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אויף דער אידישער בינע. געשפּילט האָט מען דאַן אָפּענבאַך'ס אָפּערעטע „בליו־באָרד", און אָט וואָס דער שוישפּילער לעאָן בלאַנק דערציילט וועגען דעם:

„דער אידישער עולם אין אמעריקע האָט קעסלער'ן דאַן נאָך ניט געהאַט געקענט; געקומען זען איז מען גאָר מאָגולעסקאָ'ן, וועל־כער האָט שוין דאַן אַ גרויסען נאָמען געהאַט. די הויפּט ראָלע אין דער פּיעסע האָט געשפּילט קעסלער, און ער האָט די ראָלע געשפּילט אַזוי גוט, אַז דער גאַנצער עולם האָט אים גלייך אויפגעכאַפּט און מען האָט שוין גאָר וועגען קיין אַנדערען ניט גערעדט, ווי נאָר וועגען אים, וועגען דוד קעסלער'ן".

בלאַנק דערציילט אויך, אַז אין יענעם אָוועט האָט קעסלער מיט זיין שפּילן געמאַכט אַזאַ פורוֹר, אַז „מען קאָן דאָס גאָר מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבען".*)

*) „פאָרווערטס", אָקט. 26, 1928.

און אַט ווי דער שוישפּילער באָרים טאָמאַשעווסקי שילדערט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געהאַט ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען געזען קעסלער׳ן שפּילען:

„איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם קליינעם, שמוציגען „רומעניען אָפּערא־הויז״ ווי א פאר׳חלום׳טער״, — שרייבט באָרים טאָמאַשעווסקי, — „איך האָב קיינמאָל ניט געטרוימט אפילו צו טרעפען אויף דער אידישער בינע, וועלכע איז נאָך דאַן געווען אין אירע קינדער יאָרען, אַזאַ טאַלאַנט ווי דוד קעסלער. איך בין געבליבען אין ניו יארק נאָך עטלאַכע טעג און געזען קעסלער׳ן אין נאָך עטלאכע פארשידענע ראָלען, און יעדעס מאָל, ביי יעדער פאָרשטעלונג, בין איך מער אי־בערראַשט געוואָרען.״

און ווייטער:

„איך בין אַוועק פון ניו יארק צוריק אין מיין פילאדעלפיע, צו מיין קאָמפּאַניע באַהעלפער־יונגען (דאמאלסדיגע „ארטיסטען״), און איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיר האָבען איצט אין ניו יארק א גרויסען, אָבער טאָקע אַ וואונדערבארען וועלטלאַכען אַרטיסט, וועלכער דאַרף זיך ניט שעמען אויף קיין בינע אין דער וועלט, און דאָס איז דוד קעסלער.״*)

אויך דער שוישפּילער יעקב אַדלער האָט פון קעסלער׳ן געהאַלטען אַ וועלט. און ער האָט דערציילט, אַז ווען ער איז אין יאָר 1887 געקומען קיין אמעריקע און ווידער דערזען קעסלער׳ן אויף דער בינע, איז ער געוואָרען שטארק באַגייסטערט פאַר אים.

„ער איז אַן אמת׳ער אַרטיסט!״ — פלעגט אַדלער זאָגען וועגען אים.

גאָר באַגייסטערט פאַר קעסלער׳ס טאַלאַנט איז אַלע מאָל געווען די שוישפּילערין בעסי טאָמאַשעווסקי.

אין אַ געשפּרעך, וואָס זי האָט איינמאָל געהאַט מיט אַ צייר־

*) „פאָרווערטס״, מאַי, 1920. דער אַרטיקעל פון טאמאשעווסקי׳ן איז געשריבען געוואָרען עטליכע טעג נאָכדעם ווי קעסלער איז געשטאַרבען.

טונגס־מענשען, האָט זי זיך צורעדט וועגען קעסלער'ן, און דאַן האָט זי געזאָגט:

„אַלע זיינען מיר אַקטיאָרען, קעסלער איז אָבער אַ זשעני, ווען קעסלער פלעגט אַרויף אויף דער בינע, האָט ער ניט נאָר געשפּילט ווי אַ קינסטלער, נאָר אַלעמען געמאַכט צו שפּילען ווי קינסטלער. ער פלעגט געבען דעם טאָן צום שפּילען. קעסלער איז געווען דער געבוירענער קאַפּעלמייסטער פון דער בינע־קונסט."

אפילו דאַן, ווען ער האָט געשפּילט אין די נאַרישע, ביליגע שונד־פּיעסען, וועלכע זיינען — ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען — געשריבען געוואָרען מיט דער קני — האָט מען אין אים געקענט זען דעם גרויסען קינסטלער. אבי ער האָט נאָר געהאַט אַ מענשליכע ראָל, האָט ער זי אויסגעטאַקט אַזוי, אַז ס'איז אַרויסגעקומען אַ קונסט־ווערק פאַר זיך אַליין.

ער האָט אין די ערשטע יאָרען אין אמעריקע געשפּילט גענוג שלעכטע שונד־פּיעסען, אָבער ער האָט אַלץ געטרוימט וועגען בעסערע. און שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער בעסערער פּעריאָד, האָט קעסלער אויפגעלעבט. ער איז מיט אַמאָל גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען.

„ווען קעסלער פלעגט אָפּמאַכען מיט אַ טעאַטער, וואו ער וועט קענען שפּילען בעסערע פּיעסען, וועלכע ער האָט ליב, — דערציילט לואיס היימאַן, וועלכער האָט מיט'ן פאַרשטאָרבענעם קינסטלער געשפּילט אַ סך יאָרען, — פלעגט ער קומען צולויפען אַ פריילאַכער און זיך צוקושען מיט מיר פאַר גרויס שמחה, וואָס ער וועט קענען שפּילען מענשלאַכע ראָלען. ער איז געווען אַ גרויסער רבי. אָפט מאָל אַ בייזער רבי, אָבער אויך אַ האַרציגער רבי".

5

קעסלער ביי פּראָבע.

דעם אימפּולסיווען קינסטלער אין קעסלער׳ן האָט מען ביי פּראָבע אָפּטמאָל געקענט זען ניט ווייניגער ווי ביים שפּילען.

ער האָט ניט ליב געהאַט צו מאַכען פּראָבע מיט זיינע אַקטיאָרען. געטאָן וואָס ער האָט נאָר געקענט זיך אַרויסצודרייען דערפון. דאָס איז אָבער ניט געווען פון פוילקייט, אויך ניט פון גרינגשעצונג, נאָר פּשוט איבער דעם וואָס ער האָט ממש ניט געקענט אַריבערטראָגען ווי אַזוי אַנדערע, שלעכטע אַקטיאָרען, מאַכען פּראָבע אין זייערע ראָלען...

און די געדולד צו לערנען יענעם האָט ער ניט געהאַט.

געוואָלט, אַז פּונקט ווי ער, זאָלען די אַנדערע אינטואיטיוו גלייך אָנכאַפּען דעם ריכטיגען טאָן און שוין געבען די ריכטיגע אויסטייטשונג.

און אַזוי ווי דאָס איז ניט געווען מעגלאַך, ווייל ניט אַלע ווערען דאָך געבאָרען מיט אַזאַ טאַלאַנט, האָט ער זיך געבייזערט, האָט ער זיך געוואָרפען, איז ער געווען אין כעס, זיך געריסען די האָר פון׳ם קאָפּ, געביסען די נעגעל פון די פינגער, געקריצט מיט די ציין און געמאַכט געוואַלדען ביז׳ן זיבעטען הימעל.

די אַקטיאָרען האָבען שוין געוואוסט, אַז צו אַ פּראָבע מיט קעסלער׳ן דאַרף מען זיך אונטערגאַרטלען, און ניט איינעם האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, ווען ער איז מיט קעסלער׳ן געשטאַנען אויף דער בינע ביי פּראָבע...

עס איז שווער געווען אויסצונעמען ביי אים; עס איז שווער געווען אים צו געפעלען.

וואָס מען האָט ניט געטאָן, ווי מען האָט ניט געשטעלט די באַ־טאָנונג, איז ער אַלץ ניט געווען צופרידען.

איינער א יונגער אַקטיאָר האָט זיך צו אַ פּראָבע מיט קעסלער׳ן שטאַרק געגרייט, האָט ער גוט איינגעשטודירט די ראָל, געקענט אַלץ אויף אויסווייניג, און ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט דערמיט קעסלער׳ן איבערראַשען און אַלץ וועט זיין גוט און וואויל.

עס איז אָבער ניט געווען אַזוי.

אַן אָנגעכמורעטער, אַ בייזער, פּונקט ווי מען וואָלט אים גע־האַלטען אין אַ שטיג, איז קעסלער געזעסען לעבען סופלער און זיך צוגעהערט צו דעם, ווי אַזוי דער אַקטיאָר קנאַקט אָפּ זיין „פּראָזע" אויף אויסווייניג, און ווען יענער האָט געענדיגט, האָט קעסלער זיך אָנגעהויבען קנייטשען:

„נאָו!"... „נישט אַזוי!"...

דער אַקטיאָר איז געווען איבערראַשט. קען ער דען ניט זיין ראָל? האָט ער זיך דען ערגעץ פאַרטשעפּעט? אַלץ גייט דאָך ביי אים אַזוי גלאַט ווי געשמירט...

און דוקא די גלאַטקייט איז קעסלער׳ן ניט געפעלען...

און כדי דער יונגער מאַן זאָל פאַרשטיין פאַר וואָס ס׳טויג ניט, האָט קעסלער פאַר אים געהאַלטען איינע פון זיינע אָריגינעלע דרשות.

— איר פאַרשטייט, יונגערמאַן, — האָט ער אים געזאָגט, — שטעלט אייך פאָר: אָט שטייען, לאָמיר זאָגען, צען ליידיגע גלעזער... ליידיגע... איינס לעבען אַנדערען. איינס לעבען אַנדערען... אָט אַזוי... נעם איך אַ לעפעלע און קלאַפּ אַזוי איבער די גלעזער... קלאַפּ... נו, מאַכט עס — באָם־באָם־באָם... איר פאַרשטייט? באָם־באָם־באָם... נו, איז דאָס מוזיק? האַ? זאָגט. געוויס ניט. מוזיק איז ניט דאָס, וואָס מאַכט באָם־באָם, נאָר דאָס וואָס מאַכט בים־באָם־באָם... פאַרשטאַנען? טענער — דאָס איז דער עיקר... און דאָס זעלבע איז אין שפּילען טעאַטער... פאַרשטאַנען?...

דער יונגערמאַן האָט אָבער אַלץ ניט פאַרשטאַנען, האָט קעסלער פאַר אים געהאַלטען נאָך אַ דרשה.

— שטעלט אייך פאָר, — האָט ער געזאָגט, — אַ בילד... אַ פאָ־טאָגראַפיע... אַ פּנים... וואָס איז אַ פּנים? גאָר ניט... דער עיקר איז אַ נשמה... אָט וואָס!... און אַ נשמה, יו נאָ! האָט אין זיך ליכט און שאָטען... ליכט און שאָטען... אַ בלינדער אויף איין אויג זעט בלויז איין זייט — אָדער די ליכט, אָדער דעם שאָטען... איין זייט... און דאָס טויג ניט... ס'איז ניט ריכטיג... עס איז יאָ געזען און ניט געזען... געפּאַנפּעט אין זען, יו נאָו... ערשט ווען מען דערזעטביידע זייטען — ליכט און שאָטען — אָ! דאָס איז עפּעס... פאַרשטאַנען?!

און אַזוי ווי קעסלער, דער „שטומער רבי", האָט געזען, אַז דער יונגערמאַן פאַרשטייט אַלץ ניט, וואָס מען רעדט צו אים, האָט זיך אויף זיין פּנים אַ עסיג־זויערע מינע פאַרשפּרייט און ער האָט פאַר דעם טעמפּען אַקטיאָר גענומען אָפּשפּילען די ראָל.

די ווערטער פון יענעמס ראָל האָט קעסלער ניט געקענט, פּונקט ווי ער האָט ניט געקענט די ווערטער פון זיין אייגענער ראָל. ביי קעסלער'ן האָבען אָבער ווערטער ניט געהאַט קיין באַדייטונג, דער עיקר איז ביי אים געווען דער תוך, דער אינהאַלט. און אַזוי ווי דער תוך פון יענעמס ראָל איז פאַר אים געווען קלאָר, האָט ער מיט די ווערטער פון „אדון עולם" אָפּגעשפּילט פאַר יענעם די ראָל, אים גע־וויזען, ווי אַזוי מען דאַרף שפּילען...

קעסלער האָט געמעגט ניט קענען די ווערטער פון אַ ראָל, ער האָט אָבער אַלע מאָל געקענט דעם מענשען, וואָס די ראָל שטעלט פאָר. ער האָט אים מיט'ן חוש אָנגעטאַפּט.

און אַמאָל האָט ער גאָר געקענט נעמען ווערטער, וועלכע האָבען ניט קיין זין, און אַריינגעבען אין זיי אַן אינהאַלט, אַ תוך, אויף זיין אייגענעם שטייגער.

ביי אַ פאָרשטעלונג פון עפּעס אַ נאַרישער פּיעסע איז דער אידי־

שער זשורנאַליסט און טעאַטער־קריטיקער ישראל דער יענקי (י. פריד־מאַן) צווישען די אַקטען אַריינגעגאַנגען צו קעסלער'ן אין גאַרדעראָבען־צימער און זיך צורעדט מיט אים וועגען דער ראָל, וואָס ער שפּילט.

— עס רייסט מיר דאָס האַרץ קוקענדיג אויף אייך, — האָט אים ישראל דער יענקי געזאָגט, — און איך קען אין אַלגעמיין ניט פאַר־שטיין, ווי אַזוי איר קענט זיך האַלטען ערנסט אין אַזאַ ראָל.

אויף קעסלער'ס פּנים האָט זיך אַ שמייכעל פאַרשפּרייט. ער אַליין האָט אפשר מער ווי אַן אַנדערער געפילט און פאַרשטאַנען, אַז די פּיעסע האָט ניט קיין טעם און קיין ריח; ער אַליין האָט אפשר מער ווי אַן אַנדערער געפילט ווי חוזק צו מאַכען פון דער גאַנצער האַנד־לונג אין דעם שטיק, אָבער גראָד איז אין יענעם אָוועגט אין טעאַטער געווען זיין ווייב, וועמען ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט, און צו־ליב איר האָט ער זיך געהאַלטען ערנסט אין דער ראָל און געשפּילט גוט.

— איר וואונדערט זיך, ווי אַזוי איך קען זיך האַלטען ערנסט אין אַזאַ ראָל? — האָט ער געזאָגט צו ישראל דעם יענקי, — גלויבט מיר, אַז דאָס איז שווער, אָבער...

— אָבער וואָס?

— מען דאַרף דאָס קענען...

דאָס האָט אים ישראל דער יענקי צוגעגעבען. ער האָט אָבער דערביי באַמערקט, אַז מיט ערנסטען שפּילען אין אַזאַ נישטיגער פּיעסע קען מען נעמען בלויז דעם פּשוט'ן עולם, די „משה'ס".

— אויף מיר ווירקט דאָס ניט, — האָט דער טעאַטער קריטיקער געזאָגט, — איך בלייב זיצען רואיג און פאַרגליווערט ווען איר לאַכט, און עס אַרט מיך אַזוי ווי די וואַנט ווען איר וויינט... עס רירט מיך ניט.

אויף קעסלער'ס פּנים האָט זיך ווידער אַ שמייכעל פאַרשפּרייט און ער האָט געזאָגט:

— אַזעלכע „קעש קאַסטאָמערס" (מזומנ'ע קונים) ווי איר האָב

איך ליב. קומט ארויף צו מיר הינטער דער בינע נאָך דער פאָרשטעלונג, וועל איך אייך ווייזן, אז אויב איך וועל נאָר וועלן, וועל איך אייך מאַכען וויינען, און דוקא מיט אזעלכע ווערטער, וואָס האָבען ניט קיין זין און קיין באַדייטונג.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז ישראל דער יענקי ארויפגעקומען צו קעסלער'ן אין גארדעראָבען-צימער, מיט דעם פעסטען באשלוס צו ווייזען, אז אים נעמט מען ניט אויף זיכער און אז ער איז אין אלגעמיין ניט פון די אידען, ביי וועמען מען קען אזוי לייכט ארויסציען א טרער. און דאָן האָט זיך אָפּגעשפּילט אזא סצענע:

קעסלער האָט זיך פאר דעם טעאטער-קריטיקער אוועקגעשטעלט אין א פּאָזע פון א פארלאָרענעם, פאר'צרה'טען מענשען. איין קוק אויף אים, און מען האָט פאר זיך געזען אן אומגליקלאכען, וועלכער האָט שוין פארלאָרען אלע האָפנונגען אין לעבען.

און שטייענדיג אזוי, האָט ער שטילערהייט גענומען מורמלען, אָבער באלד האָט מען דערהערט, אז ער דעקלאַמירט דעם אלף-בית...

אין אָנפאנג שטיל. מיט דעם טאָן פון א פארצווייפעלטען מענשען, וועלכער רעדט צו זיך אליין, ווייל ער האָט שוין פארלאָרען דעם גלויבען אין אלץ און אין אלעמען:

„אלף... בית... גימל..."

און ארונטערלאָזענדיג דעם קאָפּ:

„גימל!"...

און באלד — העכער און נאָך העכער:

„גימעל-דאלעד... הע-וואָוו!"...

און מיט א טיפען זיפץ:

„וואָוו-זייען... זייען-חית!"

די „ח" מיט א פארכאַפּטען אָטעם. מיט א געשריי פון פארצווייפלונג. פּונקט ווי מען וואָלט מיט אמאָל דערפילט דאָס שארפע מעסער פון א שונא אין הארצען — „ח-י-ת!"...

עס איז אויסגעקומען אזוי ווי יעדער אות וואָלט מיט אמאָל באַקו־מען אַ טיפען זין, אַ גרויסע באַדייטונג...

עס איז אויסגעקומען אזוי ווי יעדער אות וואָלט גאָר פּלוצלונג גע־ווארען אַ לעבעדיגער מענש...

עס האָט זיך געדאַכט, אז צווישען דעם „אלף" און דער „בית" קומט פאָר אַ שארפער צוזאמענשטויס, אַ גרויסע טראַגעדיע, און די אַנ־דערע אותיות — די „גימל", די „ד", די „ה" און די „ו" — באַטיי־ליגען זיך אין דעם... עס איז אַ קאָנפליקט צווישען לעבעדיגע מענ־שען, וועלכע שטייען ביי דער שוועל פון טויט און רייסען זיך צום לעבען... ניט מער ווי אַ פּאָר מינוט האָט דאָס געדויערט. דער טעאַטער קריטיקער ישראל דער יענקי האָט אינגאַנצען פארגעסען אָן דעם וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אז ער וועט זיך ניט לאָזען נעמען אויף זיכער, און...

און עס האָבען זיך אים געשטעלט טרערען אין די אויגען...

און דאָן האָט קעסלער אויסגעשאָסען אַ געלעכטער.

— נו, — האָט ער געזאָגט, — איר זענט אַ „קעש קאַסטאָמער", הא?..."

מיט מיר האָט ער איינמאָל אויך געמאַכט אזאַ שפּאַס, און נאָכ־דעם האָט ער זיך צורעדט וועגען דעם, וואָס אַ סך מענשען האַלטען פון דעם כלל, אז אַקטיאָרען זיינען ניט קיין אויפריכטיגע מענשען. „דאָס טוט וויי", — האָט ער געזאָגט, און דערביי האָט ער מיר דער־ציילט אזאַ געשיכטע:

— ביי דער לויה פון דעם גאָטזעליגען יאַקאָב מיכאַילאָוויטש (גאָרדין) האָט מען געהאַלטען רעדעס... אַלע האָבען גערעדט — יעקב אַדלער, טאָמאַשעווסקי, איך אויך... נו, איר פארשטייט דאָך, גע־שטאָרבען אַזאַ מענש, יאַקאָב מיכאַילאָוויטש!... ווי געטאָן דאָס האַרץ... שטאַרק ווי געטאָן... אָנגעהויבען ריידען... מיט אמאָל — טרערען אין די אויגען... ווי פון אַ קוואַל... זיך צעוויינט... אונמעג־לאָך געוועזען זיך איינצוהאַלטען... און איך שווער אייך ביי מיין

ערענוואָרט, דאָס זיינען געווען אמת׳ע טרערען! נעמט מאָרים ראָזענ־פעלד און שרייבט אָן אַן ארטיקעל, אז — „דזשאָסט ליסטען טו דהאט״! (הערט זיך אומיסטען איין), אז פון די דריי „סטאָרס״, וועלכע האָבען געוויינט ביי גאָרדין׳ס לויה, איז אדלער געווען דער איינציגער, וואָס האָט געוויינט מיט אמת׳ע טרערען... און — „דזשי״! ביי אים איז אויסגעקומען, אז איך, דוד קעסלער, האָב געפּאָמפּעט טרערען פון עלענבויגען... און דאָס האָט מיר וויי געטאָן... שטאַרק וויי געטאָן!...

כדי צו באַווייזען ראָזענפעלד׳ן, אז ער האָט געהאַט א טעות, האָט קעסלער געזוכט די געלעגענהייט זיך צו טרעפען מיט אים, און ווען ער האָט זיך מיט אים איינמאָל געטראָפען, האָט ער גלייך גע־נומען ריידען וועגען דעם, אז ער האָט אויף גאָרדין׳ס לויה געוויינט מיט אמת׳ע טרערען.

— איר זענט טאַקע א גרויסער פּאָעט, — האָט קעסלער גע־זאָגט צו ראָזענפעלד׳ן, — אָבער אויף טרערען זענט איר ניט קיין מבין. מען קען אייך זייער גרינג אָפּנארען, ווייל איר ווייסט ניט דעם אונטערשיד פון אמת׳ע ביז פאַלשע טרערען...

ראָזענפעלד האָט זיך געשפּאַרט, אז ער ווייסט יאָ דעם אונטערשיד פון אמת׳ע ביז פאַלשע טרערען, און דאַן האָט זיך קעסלער גע־וועט, אז ער וועט אים דערציילען א מעשה, וואָס איז נישט געשטויגען און ניט געפלויגען און וועט אים מאַכען גלויבען, אז דאָס איז אמת...

און טאַקע גלייך האָט ער אָנגעהויבען דערציילען א מעשה. זייער א טרויעריגע און זייער א רירענדע געשיכטע און דערביי האָט ער אליין אָנגעהויבען וויינען...

אויף אים קוקענדיג האָט זיך מאָרים ראָזענפעלד אויך צעוויינט. און ווען קעסלער האָט דערזען טרערען ביי ראָזענפעלד׳ן אין די אוי־גען, האָט ער אויסגעשאָסען א געלעכטער:

— נו, קען מען אייך ניט אָפּנארען? ווייסט איר דעם אונטער־שיד פון אמת׳ע טרערען ביז פאַלשע?... דאָס מאָל זיינען מיינע

טרערען געוועז פאַלשע און איר האָט זיי אָנגענומען פאַר אמת׳ע... און דאַן, ביי גאַרדין׳ס לויה, זיינען מיינע טרערען געוועז אמת׳ע און איר האָט זיי אָנגענומען פאַר פאַלשע...

ביי אַ פּראָבע פון דוד פּינסקי׳ס „יאַנקעל דער שמיד״ האָט זיך קעסלער איינמאָל צוגעטשעפּעט צום קאָמיקער, אַז ער מאַכט ניט די ריכטיגע באַטאָנונג. דער קאָמיקער האָט רעפּיטירט די ראָל פון דעם שלומיאל׳דיגען מאַן, מיט וועמעס ווייב יאַנקעל פירט אַ ליבע, און אין דער סצענע, וואו ער קומט צו יאַנקלען אין הויז אַריין און טרעפט דאָרט זיין ווייב, האָט ער געדאַרפט זאָגען: „איר מיינט טאַקע, אַז איך בין אַזאַ לעמעשקע, איך ווייס וואָס דאָ טוט זיך!״ האָט דער קאָמיקער געמאַכט אַ לעקעשעוואַטען פּנים און אַ זאָג געטאָן מיט אַ נעבעכדיגען טאָן:

„אי־אי, איר מיינט טאַקע, אַז איך בין אַזאַ לעמעשקע, איך ווייס וואָס דאָ טוט זיך!״

און דערביי האָט ער אָנגענומען אַזאַ פּאָזע, ווי דער גאַנצער קערפּער וואָלט ביי אים איינגעשרומפּען געוואָרען.

— עס טויג ניט! — האָט קעסלער אויסגעשריען. — נאָך אַמאָל!

האָט דער קאָמיקער געמאַכט דיזעלבע סצענע נאָך אַמאָל, און אַנשטאָט „אי־אי״, האָט ער אָנגעהויבען די פראַזע מיט „ע־ע״.

— עס טויג ניט! — איז קעסלער געוואָרען בייז און זיך אָנגעהויבען וואַרפען.

— אָבער, מיסטער קעסלער... — האָט דער קאָמיקער געפּרואווט עפּעס זאָגען.

— ווער פאַרשטומט! — האָט קעסלער אָנגעהויבען שרייען מיט אַ קוויטש. — דו ביסט קיין אַקטיאָר ניט!... ביזט אַ פּורציע... אַ פלאָקען... האָסט קלאָטשע אין מוח... דו פאַרשטייסט ניט!... ביים זיך אָפּ די האַנט, שלינג זי איין און ווער דערוואָרגען מיט איר... דו פאַרשטייסט ניט!...

דער אַקטיאָר האָט ניט אָנגעהויבען וויסען פאַר וואָס קעסלער איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי בייז און פאַר וואָס ער שילט אים אַזוי; עס איז אים געווען אַ בזיון פאַר די אַנדערע אַקטיאָרען, און אַזוי ווי ער האָט זיך געפילט זייער שטאַרק באַליידיגט, האָט ער געגעבען אַ שפּיי און זיך געלאָזט אַוועקגיין.

און ווען קעסלער האָט דאָס דערזען, האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ, און צולויפענדיג צום קאָמיקער, האָט ער אים אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט האַרץ אַרויסגעזאָגט איין וואָרט:

— ענטשולדיג!...

דערנאָך האָט ער אים אָנגעהויבען ערקלערען וואָס ער מיינט:

— דו פאַרשטייסט, עס איז אַזאַ מאָמענט וואָס אפילו אַ מאַן אַ לעמעשקע, קען ניט זאָגען אַזוי ווי דו זאָגסט „אי־אי"... עס איז אַ מאָמענט, יו נאָו, אַ טראַגישער, ניט קיין קאָמישער... דאָס הייסט, דאָס טראַגישע איז קאָמיש, אָדער דאָס קאָמישע איז טראַגיש...ביידע צוזאַמען... אי דאָס, אי דאָס... ווייל, באַרעכען: אַ מענש... דו אַליין, דערזעסט מיט אַמאָל, אַז דיין ווייב איז דיר ניט געטריי... זי בייט דיך אויס אויף אַן אַנדערען... דו זעסט, אַז ער, דער אַנדערער, יאַנקעל — איך, הייסט עס, בין מיט איר... נו, יו נאָו... קוצעניו... מוצעניו... נו, ווערסטו מיט אַמאָל ווילד, כאָטש דו ביזט אַ לעמעש־קע... און דו ווערסט אין כעס... טאַקע אויף אַן אמת אין כעס... גיסט זיך אַ שטעל אַוועק אַנטקעגען מיר, אָט אַזוי אַ... זעסט? גרייט זיך ארויפצוואַרפען אויף מיר... און דו שרייסט אויס מיט כעס: „איר מיינט טאַקע, אַז איך בין אַ לעמעשקע, איך ווייס וואָס דאָ טוט זיך!"... און דערביי דאַרף מען ניט מאַכען קיין לעקעשעוואַטעז „אי־אי" און קיין שלומיאַלדיגען „ע־ע"... פאַרשטאַנען? אַ מאָמענט אַזאַ!...

און ערשט דאַן האָט דער קאָמיקער פאַרשטאַנען, אַז קעסלער איז טאַקע געווען גערעכט...

ער האָט אָפט ביי פּראָבע, אָדער ביים שפּילען, געקענט באַליי־

דיגען אַן אַקטיאָר, און טאַקע באַלד חרטה האָבען און אים איבער־בעטען...

ווען מען הערט זיך איין צו די אַלע מעשיות און מעשה'לאַך, וואָס די עלטערע און אינגערע אידישע שוישפּילער דערציילען וועגען זייער אייגענער ערפאַרונג מיט קעסלער'ן, דערפילט מען אָפט מאָל אַ פאַרדרוס, אַ שטאַרקען פאַרדרוס; זיי, די אַקטיאָרען אונזערע, האָבען אין אַלץ געזען די טשיקאַווע זייט, די פּסולת און ניט דעם תוך. אָבער ווען מען גייט צו צו אָט די אַלע אָנגעזאַמעלטע געשיכטעס פון אַ פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט, ווען מען פאַרטראַכט זיך וועגען זיי ערנסט און מען פּרואווט זיי דערגרונטעווען, העלפען זיי מער צו פאַרשטיין קעסלער'ן דעם קינסטלער, און מען דערזעט פאַר זיך אַ מענשען, וועלכער האָט זיך אַליין געפּייניגט אפילו אין די מאָמענטען, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער פּייניגט אַנדערע.

ער האָט דאָס אפשר אַליין ניט געוואוסט, אבער עס איז דאָך אויסגעקומען אַזוי, אַז דער גאַנצער פּראָטעסט געגען אַלץ וואָס איז שלעכט אַרום דער אידישער בינע, האָט זיך ביי אים אויף דער נשמה אָנגעקליבען מער ווי ביי אַנדערע, און ער האָט דעם דאָזיגען פּראָטעסט אויסגעדריקט אַלע מאָל ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגענהייט...

און דערפאַר האָבען די אַקטיאָרען אָפט מאָל פון אים אַ סך געליטען.

צו דער אַקטריסע מערי ווילענסקי, פון וועמען ער האָט, אגב, געהאַלטען, האָט ער איינמאָל ביי פּראָבע געהאַט טענות פאַר וואָס אַ היסטערישער קוויטש קומט ביי איר אַרויס ניט גענוג איבערצייגענד. דאָס איז געווען ביי אַ סצענע, וואו מען זאָגט אָן אַ מוטער, אַז איר זון איז דער'הרג'עט געוואָרען. די מאַדאַם ווילענסקי האָט רעפּיטירט די ראָל פון דער מוטער, וועמען מען זאָגט אָן די טרויעריגע בשורה; זי האָט דערביי געדאַרפט געבען אַ היסטערישען קוויטש, אָבער דער קוויטש איז אַלץ אַרויסגעקומען אַזוי, אַז קעסלער איז געבליבען אומצופרידען.

די אַקטריסע האָט אָנגעהויבען ווערען נערוועז, און עס איז אַלץ ניט אַרויסגעקומען.

און דאַן איז קעסלער געפאַלען אויף אַזאַ המצאה:

ער איז אַרונטער פון דער בינע און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַ צוטראַגענער, אַ בלאַסער, אַ צושראָקענער, און צוגייענדיג צו דער אַקטריסע, האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ ציטערדיגער שטים:

—מערי... בארואיגט זיך... נו, איר פאַרשטייט דאָך אַליין — ניו יאָרק... אַ שטאָט, וואו קיינער איז ניט זיכער מיט'ן לעבען... דאָ לויפט אַ קאַר... דאָרט — אַן אָטאָמאָביל... יאָגען זיך ווי די טייוואָ־לים... נאָר וואָס געהערט עפּעס... אַ שרעק!... גאָט!... אייער זון איז געגאַנגען אין גאַס... מיט אַמאָל איז אָנגעלאָפען אַן אָטאָמאָביל, און...

אַ ווילדער, היסטערישער קוויטש האָט זיך אַרויסגעריסען פון מאַ־דאַם ווילענסקי'ס ברוסט און זי איז אומגעפאַלען... און דאַן האָט קעסלער אויסגעשאָסען אַ געלעכטער, און אָפּמינטערענדיג די צושראָ־קענע אַקטריסע, האָט ער געזאָגט:

— אָט אַזאַ קוויטש האָב איך געמיינט... אָט פּונקט אַזאַ קוויטש! איר פאַרשטייט, אין דער ראָל פון אַ מאַמע דאַרף מען גע־בען אַזאַ קוויטש, ווען מען הערט, אַז דער זון איז דער'הרג'עט גע־וואָרען... און איצט בארואיגט זיך, מיט אייער אייגענעם זון איז גאָר ניט געשען...

אַזעלכע און ענליכע מיטלען האָט קעסלער אָנגענומען ווען ער האָט ביי זיינע מיטשוישפּילער אויף דער בינע געוואָלט אַרויסרופען אַ נאַטירלאַכען טאָן, איבערצייגענדע שוישפּיל־קונסט.

ווען ער איז אין יאָר 1913 אַרויסגעפאָרען גאַסטראָלירען אין איי־ראָפּע און ס'איז אים דאָרט אויסגעקומען צו שפּילען מיט אַקטיאָרען און אַקטריסעס, וועלכע האָבען ניט געקענט זיינע קאַפּריזען, האָט ער

זיך מיט א סך פון זיי צו׳הרג׳עט, ווייל יעדער פּראָבע מיט זיי איז פאַר אים געווען אַן אַפּקומעניש.

אין פוילען האָט ער אין אַ געוויסער שטאָט געהאַט א צוזאמענ־שטויס מיט אַן עלטערער אַקטריסע, ווייל ביי דער פּראָבע איז אים ניט געפעלען געוואָרען דער טאָן וואָס זי האָט געשטעלט אין א סצענע, וואו זי האָט גאַדאַרפט זיין בייז.

— עס איז פאַלש! — האָט ער אַלץ געשריגען, — ניט אַזוי!

ביז ער האָט אינגאַנצען פאַרלאָרען די געדולד און גענומען זידלען:

— אַן אַקטריסע זענט איר? אַ סעדיכבע זענט איר, א מאַרק־זיצערין, אַ פעדערען־פליקערקע, אַ שטיק האָלץ!

דאָס האָט די אַקטריסע ניט געקענט אַריבערטראָגען און זי האָט זיך צושריגען אויף די העכסטע טענער, טאַקע מיט אמת׳ן כעס, זידלענדיג קעסלער׳ן מיט די ערגסטע ווערטער...

און ווען קעסלער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך מיט באַגייסטערונג געגעבען אַ כאַפּ:

— אָה, דאָס האָב איך געמיינט!... דאָס איז דער ריכטיגער טאָן!...

און ער האָט גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען אַן דעם, אז זי זידעלט אים. דאָס איז ביי אים געווען ניט וויכטיג. דער עיקר — עס איז געווען דער ריכטיגער טאָן!...

זיין געזונטער חוש פאַר נאַטירלאַכקייט און פאַר קינסטלערישען אמת האָט אים אָפטמאָל געבראַכט דערצו, אז ער זאָל ביי פּראָבע מיט אַנדערע אַקטיאָרען אויסאַרבייטען אַזעלכע סצענעס, וואָס נאָר געביל־דעטע רעזשיסערען קענען. אויך אין די באַמערקונגען, וואָס ער האָט דערביי געמאַכט און אין די געדאַנקען, וואָס ער האָט אויסגעדריקט קורץ און שאַרף — אָפטמאָל אַפילו אויף א צו פּראָסטען אופן — האָט מען געקענט זען, אז דאָס איז א מענש, וואָס ד ע נ ק ט א י נ ס ט י נ ק ט י ו ו, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען.

מאכענדיג איינמאָל פּראָבע פון עפּעס אַ פּיעסע, אין וועלכער ער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ טאַטען, וואָס האָט אַרויסגעטריבען דעם זון דערפאַר וואָס יענער איז אוועק אויף אַ שלעכטען וועג, איז ער געזעסען און זיך צוגעהערט ווי אַזוי אַ יונגע אַקטריסע, וועלכע האָט געשפּילט די ראָל פון זיין טאָכטער, האָט זיך ביי אים געבעטען: „טאַטע, לאָז אים אַריין!" דאָס איז געווען אין אַ סצענע, וואו דער געשטרויכעלטער זון קומט צוריק אַהיים און האָט חרטה אויף זיינע זינד. די יונגע אַקטריסע, וועלכע האָט געשפּילט די ראָל פון דער גוטער שוועסטער, האָט געוואָלט, אַז די סצענע זאָל אַרויסקומען זייער דראַמאַטיש, האָט זי געגעבען אַ פּאַטש מיט די הענט און אויסגעשריגען אויפ'ן קול:

— טאַטע, לאָז אים אַריין!

האָט קעסלער זיך פאַרקרימט אַזוי זויער, גלייך ער וואָלט אַ ביטערע פּיל איינגעשלונגען, און צוגייענדיג צו דער אַקטריסע האָט ער געזאָגט:

— קוק אויף מיר!

די אַקטריסע האָט געפאָלגט.

זי האָט געמיינט, אַז קעסלער וויל איר ווייזען ווי אַזוי צו מאַכען די באַטאָנונג אַנדערש. אָבער אַנשטאָט דעם, האָט ער דיזעלבע פראַזע „טאַטע, לאָז אים אַריין" אויסגעשריגען פּונקט אַזוי ווי זי, נאָר מיט אַ טאָן פון חוזק...

אַזוי איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל.

אין גרויס פאַרלעגענהייט איז די אַקטריסע געשטאַנען און געד ווארט. געוואָלט עפּעס זאָגען און קיין מוט ניט געהאַט. און דאַן האָט קעסלער נאָך אַמאָל ווידערהאָלט די פראַזע אין דעם זעלבען שרייערישען מעלאָדראַמאַטישען טאָן און געזאָגט:

— דו פאַרשטייסט, אַזוי קווישעט מען בלויז דאַן, ווען דער טאַטע ליגט אויף דער ערד אַ טויטער... דאָ אָבער איז דער טאַטע ניט געשטאָרבען... דו ווילסט ביי אים פּועל'ן, אַז ער זאָל צוריק אַריינ־

לאָזען דיין ברודער... ווילסט, אַז דאָס האַרץ זאָל ביי אים ווערען ווייך... נו, דאַרפסטו דאָך אַליין פאַרשטיין, — צום שוואַרצען יאָר, — אַז אין אַזאַ מאָמענט דאַרפסטו אויף אים ניט קוויטשען... אין אַזאַ מאָמענט דאַרפסטו ניט ברעכען די הענט... פאַרקערט, דאַרפסט ריידען ווייך, עס זאָל זיך פילען האַרציגקייט אינ׳ם טאָן... אָט, צום ביישפיל אַזוי:

— טאַטע, לאָז אים אריין!

און גלייך נאָכדעם האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נאָך אַמאָל!

אפילו אין די צייטען, ווען מען האָט אויף דער אידישער בינע געדאַרפט געוואַלדעווען מעלאָדראַמאַטיש, כדי צוצוקומען צו די הערצער פון דעם „האָכגעשעצטען פובליקום", האָט דוד קעסלער, טיף ביי זיך אין האַרצען, געוואַרעמט דעם טרוים, אַז עס וועט נאָך אַמאָל קומען אַ צייט, ווען מען וועט קענען „שפּילען טעאַטער געלאַסען", ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ געשפּרעך מיט יעקב קאַליך.*)

שפּילען טעאַטער געלאַסען — צו דעם האָט ער זיך געריסען אַ לענגערע צייט. די אומשטענדען אָבער האָבען אים גאַנץ אָפט געצוואונגען צו שפּילען ניט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, ניט אַזוי ווי ער האָט געפילט. און ווען מ. שניצער, דער מאַן פון דער אַקטריסע הענריעטאַ שניצער, האָט געגרינדעט אין ניו יאָרק דאָס ערשטע אידישע „קונסט טעאַטער", וואו עס איז אויפגעפירט געוואָרען פּרץ הירשביין׳ס „גרינע פעלדער", מיט יעקב בן-עמי אין דער הויפּט ראָל און מיט אַ גרופּע פון יונגע אַמביציעזע שוישפּילער, וועלכע האָבען געטרוימט וועגען אַ בעסער אידיש טעאַטער, איז דוד קעסלער אַוועק

*) יעקב קאַליך, טיפּען פון אַמעריקאַניש-אידישע שוישפּילער „לאָדזשער טאָגעבלאַט", 1923. צום באַדויערען קען איך ניט פעסטשטעלען דעם נומער פון דער צייטונג.

אהין זען די פאָרשטעלונג, און כאָטש דאָס שפּילען פון איינגע אַק־טיאָרען איז אים דוקא ניט אַזוי שטאַרק געווען געפעלען, איז ער געוואָרען באַגייסטערט פון דער אויפפירונג און דער עיקר'שט פון דעם געלאַסענעם טאָן, וואָס איז אים, דעם קינסטלער מיט'ן ברויזענדען טעמפּעראַמענט, געווען אַזוי ליב. און אַריינלויפענדיג הינ־טער די קוליסען, און אַרומכאַפּענדיג זיך מיט איינגע פון די שויּ־שפּילער, איז ער אַרוים מיט אַזאַ ווידוי:

— קינדער, איר ווייסט דאָך... דאָס האַרץ איז ביי מיר אַמאָל פול מיט גאַל... די וועלט איז אַ פּאַסקודנע... נו, פיל איך אָפּט, אַז איך קען די מענשען גלייך אין די אויגען אַריין ניט קוקען... איך האָב זיי פיינט... איצט אָבער איז דאָס האַרץ ביי מיר פול מיט פרייד... אָט דאָס האָב איך געמיינט!... אָט אַזוי דאַרף מען שפּילען טעאַטער!... דאָס איז געווען מיין טרוים!... קינדער, לאָמיר זיך נאָך אַמאָל צוקושען!...

און ער האָט דאָס זיכער געמיינט מיט'ן גאַנצען האַרצען. ווייל קעסלער האָט קיינמאָל ניט געקרומט מיט דער נשמה. ער האָט אַלע מאָל אָן מורא געזאָגט דעם אמת, אפילו ווען דער אמת איז געווען זייער אַ ביטערער פאַר יענעם.

זיין באַגייסטערונג פאַר יענער פאָרשטעלונג איז דאַן געווען אַזוי גרויס — דערציילט מיר דער שוישפּילער לאַזאַר פריד, — אַז ווען ער איז אין יענעם אָוונט אַריינגעקומען אין דער טעאַטער־קאַפע, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אַקטיאָר סעמועל קעסטין ביי דער האַנט און געזאָגט:

— קעיסי, גיי! גיי זען די פאָרשטעלונג פון די „גרינע פעל־דער"! עס איז גוט! דאָס האָב איך געמיינט!...

ווען ער האָט זיך איינמאָל דערוואוסט וועגען מאָסקווער קונסט טעאַטער, וואו סטאַניסלאַווסקי פריידיגט די טעאָריע פון „פיר ווענט" און וואו מען שפּילט נאַטירלאַך, געלאַסען און מענשלאַך, איז ער גע־ווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס דאָרטען,

אין מאָסקווע, געפינט זיך א גרויסער מענש, וועלכער פריידיגט דאָס זעלבע וואָס ער, דוד קעסלער אין ניו יארק, האָט אַלע מאָל געפּריי־דיגט. ער האָט געהאַלטען אין איין רײדען וועגען סטאַניסלאַווסקי'ן און זיינע „פיר ווענט" און ער האָט ביי זיך אפּגעמאַכט, אז פון היינט אָן און ווייטער זאָל ער שוין אַלע מאָל אויף דער בינע זיין מענשלאַך, וואָס וויינינגער אונטערשטרייכען דאָס אַקטיאָרישע.

האָט ער איינמאָל ביי א פּאָרשטעלונג זיך אַליין געהאַלטען אין צוימען, און ווען מען האָט אים נאָכ'ן דריטען אַקט ארויסגערופען, ער זאָל האַלטען א „ספּיטש", האָט ער אָנגעהויבען אַזוי:

„ליידים און דזשענטעלמען. יו סי... איך בין נישט קיין אַק־טיאָר... א מענש — אָט וואָס איך בין!... א מענש!... און די בינע דאָ — דאָס איז נישט קיין בינע... א הויז איז דאָס... א הויז מיט פיר ווענט... ניט קיין דריי, נאָר פיר... און איך בין א מענש... א מענש, וואָס וואוינט דאָ, אין דעם הויז מיט די פיר ווענט... ארום און ארום — קינדער... גרויסע און קליינע... פעטערס און מומעס... מענשען... רייסען זיי זיך צווישען זיך... אמפּערען זיך... און איך — אין מיטען... טוט מיר וויי, ווײן איך... טוט מיר הנאה, לאַך איך... א מענש... א לעבעדיגער מענש... ניט קיין אַקטיאָר..."

גערעדט האָט ער שטיל און געלאַסען. האָט זיך אין מיטען דע־רינען פון דער גאַלעריע דערהערט א געשריי:

— העבער!

און דאָס איז געווען גענוג.

קעסלער האָט שוין מער ניט געקענט ריידען וועגען דעם טעאַ־טער מיט די „פיר ווענט" און וועגען לעבען אויף דער בינע. אויפ־הויבענדיג דעם קאָפּ אין דער הויך, האָט ער מיט פאַראַכטונג א קוק געטאָן אין דער ריכטונג, פון וואַנען עמיצער האָט פריער אויסגעשריען „העבער". ער האָט אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אהין, אין יענער ריכ־טונג, און א זאָג געטאָן:

— אָה!

און נאָכדעם האָט ער פאַר זיך, אויף די אונטערשטע טענער פון זיין שטים, בייז געבורטשעט:

— אזא שמאַראָוואָז!... אַ דונער זאָל אים טרעפען!... ער באַגראָבט דאָס אידישע טעאַטער אין דער ערד!... איך וויל ריידען ווי אַ מענש, ניט מאַכען קיין געוואַלדען ווען מען דאַרף ניט, שרייט ער — „העבער"!... אַז שרייען זאָל ער דאָרט אויף די ציין!...

אַלץ וואָס איז אין שפּילען געווען ניט נאַטירלאַך, אַלץ וואָס האָט אין שפּילען ניט געהאַט אין זיך דעם קינסטלערישען אמת, האָט ביי אים אַרויסגערופען אַ ווידער־געפיל און אים אַריינגעטריבען אין ווילדען כעס.

גאַסטראָלירענדיג אין ענגלאַנד, אין יאָר 1913 איז קעסלער'ן אויסגעקומען צו שפּילען אין אַ טעאַטער, וואו די הויפּט אַקטריסע פון דראַמאַטישע ראָלען, און דער קאָמיקער זיינען געווען מאַן און ווייב. ביי פּראָבע, אין אַ סצענע, וואו קעסלער שטייט אויף דער בינע און האַלט אַרומגענומען די דראַמאַטישע אַקטריסע, האָט דער קאָמיקער געדאַרפט אַריינקומען און עפּעס זאָגען.

— איר זאָלט דאָס זאָגען אַזוי, — האָט אים קעסלער געלערענט,

— אַז דער טאַן זאָל גיין אַ ר ו י ף... איר הערט? אַ ר ו י ף, ניט אַ ר אָ פּ...

האָט אָבער דער „געראָטענער" קאָמיקער ניט געקענט צוקייען וואָס קעסלער מיינט, האָט ער זאָג געטאָן די פּאָר ווערטער אַזוי, אַז דער טאָן איז געגאַנגען אַראָפּ ניט אַרויף.

און ווען קעסלער האָט דאָס דערהערט, האָט ער דערפילט ווי דער טאָן גרילצט אים אין אויער, און שטייענדיג אַזוי אַרומגענומען מיט דער אַקטריסע, האָט ער פון צווישען די ציין געגומען ברומען:

— דזשי, אַ טענדלע... אַז גע'הרג'עט זאָל ער ווערען!...

די אַקטריסע האָט דאָס דערהערט, האָט זי שטילערהייט געזאָגט:

— מיסטער קעסלער, פליז, פארגעסט ניט, אז ער איז מיין מאַן...

— אַי בעג יור פארדאָן, מאַדאַם. — האָט קעסלער זיך פאר איר ענטשולדיגט. — וויטער!

וויטער האָט די דראַמאַטישע אַקטריסע געדארפט אריינפאלען מיט איר רעפליק, און ווען קעסלער האָט דערהערט דעם טאָן וואָס זי האָט גענומען, האָט אים נאָך מער אָנגעהויבן גרילצען אין די אויערען, און פארגעסענדיג אינגאַנצען אָן דעם, אז ער האָט מיט איר נאַר־וואָס גערעדט ווי א דזשענטעלמאַן מיט א דאַמע, האָט ער זי גע־געבען א שטויס אָפּ פון זיך און מיט כעס אַרויסגעברומט:

— ווערט ביידע דער'הרג'עט.

עס זיינען פאַראַן שרייבער, וועלכע קענען ניט אַריבערטראָגען קיין פרעמדען סטיל. ווען אַזאַ שרייבער לייענט די ווערק פון אַן אַנדערען, ערגערט ער זיך שטאַרק און ער טראַכט אַלץ וועגען דעם ווי אַזוי ער אַליין וואָלט אַזאַ טעמע באַהאַנדעלט, ווי אַזוי ער וואָלט דאָס אָנגעשריבען. דער גרויסער שריפטשטעלער און דענקער לעוו טאָל־סטאָי האָט פון אַזאַ שוואַכקייט געליטען. גאָרקי'ן האָט ער אָפט גע־זאָגט, אַז ער פּראָוועט צופיל קונצען מיט דער שפּראַך און אַז ער טראַכט אויס מעשיות, וואָס זיינען נישט געשטויגען און נישט גע־פלויגען; וועגען דאָסטאָיעווסקי'ן האָט ער געזאָגט, אַז ער קען ניט פאַרשטיין פאַר וואָס מען לייענט אים אַזוי פיל, און אויף אוספּענ־סקי'ן האָט ער געזאָגט, אַז זיין רוסיש איז צוגעפּאַסט בלויז פאַר דער שטאָט טולאַ.*)

ער, דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער, האָט פּשוט ניט גע־קענט פאַרטראָגען קיין פרעמדען סטיל אין שרייבען.

און עס זיינען פאַראַן שוישפּילער, וועלכע קענען ניט פאַר־טראָגען קיין פרעמדען טאָן אין שפּילען.

צו דעם מין שוישפּילער האָט אויך געהערט דוד קעסלער. זעענ־

*) מאַקסים גאָרקי, „זכרונות“, ז. 76. בערלין, 1923 (רוסיש).

דיג אַן אַנדער שוישפּילער אין אַ ראָל, האָט ער זיך גלייך פאַרגע־שטעלט ווי אַזוי ער אַליין וואָלט זי געשפּילט, און דאָס איז שוין געווען גענוג, אַז ער זאָל ניט קענען אַריבערטראַגן יענעמס שפּילען.

און אַזוי האָט ער זיך באַצויגען ניט נאָר צו די קלענערע אַקטיאַ־רען, נאָר אויך צו די גרויסע, וועלכע האָבען שוין פאַרנומען אַן אָנ־געזעענעם פּלאַץ אויף דער אידישער בינע.

מיט לעאָן בלאַנק'ן האָט ער זיך אַ לענגערע צייט געאַמפּערט, אַז ער שפּילט ניט גוט די ראָל פון „חאַצקעל דראַכמע" אין יעקב גאָר־דין'ס „גאָט מענש און טייוועל". אַלע קריטיקער האָבען דאַן בלאַנק'ן שטאַרק געלויבט, קעסלער'ן איז ניט געפעלען געוואָרען ווי אַזוי בלאַנק האָט די ראָל אויפגעפאַסט, און איינמאָל, ביי פּראָבע, האָט ער אים געזאָגט:

— בלאַנקאַטש, ווען איך זע דיך שפּילען די ראָל פון כאַצקעל דראַכמע, פיל איך ווי ווערים וואָלטען מיר אַרומגעקראָכען אין בויך... און ער האָט אים דאַן געוויזען, ווי אַזוי ער אַליין וואָלט די ראָל געשפּילט.

— זיין אויפפאַסונג איז געווען אַנדערש, אינגאַנצען אַנדערש, — דערציילט בלאַנק, — אָבער גוט, אויסגעצייכענט גוט.

גאַנץ אָפט פלעגט מען ביי פּראָבע זען ווי קעסלער שפּילט אַלע־מענס ראָלען, נאָר ניט זיינע. אויף דעם גרונט איז ביי אַ סך מענ־שען געשאַפען געוואָרען דער איינדרוק, אַז קעסלער קען קיינמאָל ניט זיין ראָל און אַז ער מוז דעריבער אַלע מאָל אָנקומען צום סופלער.

דאָס איז אָבער געווען ניט אינגאַנצען ריכטיג. ווארים אויב עס איז אמת, אַז קעסלער האָט זייער אָפט ניט געקענט די ווערטער פון זיין ראָל, האָט ער אָבער געקענט דעם כאַראַקטער, געהאַט אַ קלאָרען באַ־גריף וועגען אים און שטענדיג געוואוסט, ווי אַזוי אים אויסצוטייטשען ביים שפּילען.

דערציילט דער דראַמאַטורג ז. ליבין, אַז אָפטמאָל האָט ער ביי אַ

רעפּעטיציע פון זיינער אַ פּיעסע, געזען ווי קעסלער זיצט מיט פאַר־מאַכטע אויגען, פּונקט דאַן ווען ער דאַרף רעפּיטירען די ראָל.

אַלע וואַרטען, קעסלער זאָל מאַכען פּראָבע פון זיין ראָל, און ער זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגען און שווייגט.

דער איינדרוק איז געווען, אַז ער כאַפּט אַ דרעמעל, האָט אים ליבין איינמאָל געפרעגט:

— מיסטער קעסלער, איר שלאָפט גאָר?

— ניין, — האָט קעסלער געענטפערט, — דאָס לערען איך מיין ראָל...

— מיט פאַרמאַכטע אויגען?

— יעס... ווען איך מאַך צו די אויגען, זע איך מער...

און אַזוי האָט ער מיט פאַרמאַכטע אויגען ניט איין ראָל אויסגעלערענט. ניט די ווערטער פון דער ראָל, נאָר דעם כאַראַק־טער פון דעם מענשען, וואָס ער האָט געדאַרפט פאָרשטעלען.

6

קעסלערס צוגאַנג צו פּיעסען און צו ראָלען.

פּונקט אזוי ווי ער האָט איינגעשטודירט ראָלען מיט פּאַרמאַכטע אויגען, אַזוי האָט ער אָפּטמאָל איינגעהאַנדעלט פּיעסען מיט פאַרמאַכטע אויגען. ער איז קיינמאָל ניט געווען זיכער צי די פּיעסע איז אַ גוטע, צי ניין. אַלע מאָל, ווען מען האָט פאַר אים געלייענט אַ פּיעסע, האָט ער געדרייט מיט דער נאָז. עס איז אים ניט געפעלען.

די מערסטע פּיעסען, אין וועלכע ער האָט געהאַט אַן אומגעהויער גרויסען ערפאָלג, האָט מען פאַר אים געלייענט עטלאַכע מאָל; ער האָט זיך אַלץ געקנייטשט, איז אַלץ ניט געווען צופרידען, און ניט איינמאָל האָט ער דעם שרייבער אָפּגעשטעלט אין מיטען און אַ זאָג געטאָן זיין באַרימטען „קטונתי“, וואָס האָט אויף זיין לשון געהייסען, אז אים ליגט זיך ניט אויפ׳ן שכל, אז עס זאָל גאָר מעגלאך זיין אַזאַ זאַך ווי עס ווערט געשילדערט אין דער פּיעסע, און אז אויב אַפילו עס איז יאָ מעגלאך, האָט דער שרייבער די טעמע ניט גוט בעאַרבייט.

לעאָן קאָברין׳ס „יאַנקעל בוילע“ („דער דאָרפ׳ס־יונג“), אַ פּיעסע אין וועלכער קעסלער האָט זיך געוויזען אין זיין פולער גרויס אַלס שוישפּי־לער, אַ פּיעסע, וועלכע איז ביז׳ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען געבליבען אין זיין רעפּערטואַר און וועלכע ער האָט געשפּילט אַלע מאָל, ווען ס׳איז אים געווען קינסטלעריש יום־טוב׳דיג אויפ׳ן הארצען, האָט דער דראַ־מאַטורג פאר אים געלייענט צ ע ן מ אָ ל, און דערצו איז נאָך נייטיג געווען א ספּעציעלע מאַנווערע פונ׳ם שרייבער, ביז קעסלער האָט זיך ענדליך געכאַפּט, אַז ער האָט אין דער פּיעסע וואָס צו שפּילען און אַז די ראָל איז אָנגעמאָסטען פאַר אים.

קלייבענדיג א פּיעסע, האָט קעסלער אַלץ געזוכט „עפּעס אַנדערש“,

און עס איז פאַר אים קיינמאָל ניט געווען קלאָר אין וואָס דער „עפּעס־אַנדערש״ זאָל זיך אויסדריקען.

הערענדיג אַ פּיעסע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ניט נאָר אויף דער ראָל, וואָס ער וועט דאַרפען שפּילען, נאָר אויך אויף אַנדערע ראָלען. אליין אַ מייסטער אין אויסאַרבייטען דעטאַלען ביים שפּילען, האָט ער ביים לייענען זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דעטאַלען, ער האָט זיי אָבער קיינמאָל ניט געקענט צונויפקלייבען אינאיינעם. ער האָט זיי אַלעמאָל געזען איינציגווייז...

ערשט ביים שפּילען פלעגט ער דערפילען די פּיעסע. אויף דער בינע פלעגט ער זי ערשט אָנהויבען פאַרשטיין. אינ׳ם פּראָצעס פון אייגענעם שאַפען האָט ער אויך דערפילט דאָס שעפערישע פונ׳ם שריפטשטעלער, און בלויז דאַן האָט ער געקענט צונויפקלייבען די גילדענע רינגעלאַך און מאַכען פון זיי איין קייט.

אַנדערש זיינען פאַר אים די גילדענע רינגעלאַך געווען צעוואָרפען און ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מען נעמט זיי צונויף.

און דערפאַר טאַקע פלעגט ער אַזוי אָפט אַריינפאַלען און אליין אויסקלייבען אַ שלעכטע פּיעסע, אין דער צייט ווען ער האָט פאַר־בראַקירט אַ גוטע און דערצו נאָך אַזאַ, וועלכע איז פאַר אים געווען ווי אָנגעמאָסטען.

אַלע מאָל ווען מען האָט פאַר אים געלייענט אַ פּיעסע און זי איז אים, געוויינלאַך, ניט געפעלען, האָט ער געהאַט אַ טבע צו געבען צו פאַרשטיין דעם פאַרפאַסער פאַרוואָס די פּיעסע טויג ניט און פאַר־וואָס מען דאַרף זי ניט אויפפירען. ער האָט אַלץ דערקלערט אויף זיין אייגענעם שטייגער, און אין זיינע דערקלערונגען איז ער שטענ־דיג געווען אָריגינעל, מערקווירדיג אָריגינעל, כאָטש אָפטמאָל איז אין אָנפאַנג געווען שווער אָנצוכאַפּען וואָס ער מיינט...

איינעם פון די פּאַטענטירטע פאַרפאַסער פון מעלאָדראַמעס, האָט ער אַמאָל געפּרוואווט געבען צו פאַרשטיין, אַז אַפילו אַ מעלאָדראַמע —

ווי שטאַרק באַמבאַסטיש זי זאָל ניט זיין — דאַרף אויך האָבען א זין, האָט ער אים געזאָגט אזוי:

— שטעלט אייך פאָר: א קליין שטעטעל... אינ'ם שטעטעל — א גוי... דער גוי האָט ליב צו שלאָגען אידען... זיין פאַרגעניגען!... ברעכט אוים א פּאָגראָם — דער גוי איז זיך מחיה... קען שלאָגען אידען וויפיל ער וויל... איז אויפ'ן זיבעטען הימעל... וואָס טוט אָבער דער גוי, ווען ס'איז ניט קיין פּאָגראָם?... גלאָט כאַפּען א אידען און אים שלאָגען? דאָס טויג ניט... מען מוז האָבען אַן אויסרייד... נעמט ער דעם לאַנגען גאַרטעל, טשעפּעט אָפּ דעם עק און לאָזט אים זיך נאָכשלעפּען אויף דער ערד... גייט ער אזוי... פאַרשטאַנען?... א גוי מיט א גאַרטעל, וואָס שלעפּט זיך נאָך אויף דער ערד... קומט אַן א איד, טרעט אַן דעם גוי אויפ'ן גאַרטעל... דער גוי דעם אידען — א זעץ אין די ציין... און מיט א טענה... „פאַרוואָס האָסטו מיר אָנגעטראָטען אויפ'ן גאַרטעל?"... אזוי איין אידען... א צווייטען... א דריטען, און א פערטען... און ער האָט א תירוץ... ער שלאָגט אידען ניט אומזיסט; זיי טרעטען אים אויפ'ן גאַרטעל... און אַזוי איז מיט א מעלאָדראַמע, עס דאַרף זיך איר נאָכשלעפּען אַ גאַרטעל און איטלעכער עס קומט דער זעץ, דאַרף איטיצער אָנטרעטען... עס זאָל ניט זיין גלאַט אזוי א זעץ... פאַרשטאַנען?... עס מוז האָבען א זין...

ביים דערקלערען דעם ענין, וואָס האָט א שייכות מיט טעאַטער, איז קעסלער זייער אָפט געווען שרעקלאַך אומבאַהאָלפען, ווייל עס האָבען אים פּשוט אויסגעפעלט די נויטיגע ווערטער און אמאָל האָט די פאַרשטעלונגס קראַפט ביי אים געאַרבייט אזוי שנעל און האַסטיג, אז ער האָט פּשוט ניט געקענט גלייך געפינען די נויטיגע ווערטער. ער איז אָבער געווען מערקווירדיג אינטערעסאַנט און מערקווירדיג אָריגינעל אין זיין אומבאַהאָלפענקייט.

אַליין א רעאַליסט דורך און דורך אויף דער בינע, איז ער אין ריידען געווען אַן אמת'ער אימפּרעסיאָניסט...

אָנגעוואָרפען ווערטער, וועלכע האָבען אָפּגעשפּיגעלט עפּעס אַן איינדרוק, עפּעס אַ שטריך, וואס איז אפשר פאר אים אַליין געווען ניט אינגאַנצען קלאָר...

עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט אין זיין ריידען געבויט אַ בנין, ווארפענדיג אַ ציגעל אויף אַ ציגעל אין גרוים איילעניש. ערשט ביים סוף, ווען ער האָט געענדיגט, האָט מען מיט אַמאָל דערזען פאַר זיך אַ גרויסען בנין.

אים האָט מען געקאָנט זאָגען דאָס זעלבע וואס וולאַדימיר קאָראַלענקא האָט אַמאָל געזאָגט גאָרקין: „איר טענה'ט זיך אוים ניט מיט ווערטער, נאָר מיט האמערס".

און די האמערס זיינע — די ווערטער — האָבען געקלאפּט ניט אויף איין אָרט, נאָר צוואווארפען; אַ קלאַפּ דאָ, א קלאַפּ דאָרטען, איז דער קלאַנג געווען פארשידען.

ריידענדיג מיט מיר איינמאָל וועגען דראמע אין אַלגעמיין, האָט ער — געדענק איך — געזאָגט:

— אַ „פּאַנטש" (אַ זעץ) דאָס איז וויכטיג... זייער וויכטיג... אַ פּיעסע אָן אַ „פּאַנטש" איז... איז גאָר ניט... אָבער, יו נאָו, עס מוז ניט זיין דוקא אַ זעץ מיט אַ דובינע איבער'ן קאָפּ... נאָו!... אַמאָל -- דוקא שטיל... דוקא איינגעהאַלטען... אַ פאַרשטיקטער זיפץ... אַ פאַרשטיקטער קרעכץ... אָבער — עס זאָל דורכלויפען אַ סקרוך איבער'ן לייב... עס זאָל ווארפען אין היץ און אין קעלט...

און כדי עס זאָל אַרויסקומען קלאָרער, האָט ער געגעבען אַ ביישפּיל:

— אין אַ פּיעסע — אַזאַ סצענע: אַ טאַטע... די קינדער — צעווארפען איבער דער גאַנצער וועלט... אַ זון אין אמעריקע... אַ טאָכטער אין ארגענטינע, בראַזיליען, פאַריז, שיקאַגאָ, פּאַסעיק, אויסלאַנד — אומעטום — קינדער... אין דער היים אָבער — קיינער ניט... פון אַלע קינדער — פּאָרטרעטען אויף די ווענט... פּאָרטרעטען... פּאַפּיר... קוקט דער טאַטע אַזוי איינמאָל אויף די פּאָרטרע-

טען... דאָס האַרץ איז אים פאַרביטערט, און ער שאָקלט מיט'ן קאָפּ: „קינדער... פּאַפּירענע קינדער... אויף די ווענט"...

— און איר פאַרשטייט, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — ביי אַזאַ סצענע דאַרף דער אַקטיאָר, וואָס שפּילט דעם טאַטען, ניט רעווען ווי אַן אָקס, ניט רויען נאָכ'ן קאָפּ... פאַרקערט, — שטיל, איינגע־האַלטען, מיט אַ טרער אין אויג, אָבער ניט אויף דער באַק... שטיל, און דאָך — אַ „פּאַנטש"...

דערנאָך האָט ער גערעדט וועגען פאַרשידענע אַנדערע זאַכען. ער האָט דערציילט נאָך און נאָך געשיכטעס, און דערציילענדיג אַזוי, האָט ער באַנוצט אַן אויסדרוק „אַסאָציאַציע פון געדאַנק".

דאָס שווערע וואָרט „אַסאָציאַציע" איז אים געווען אַביסעל פרעמדלאַך; ערגעץ האָט ער עס, אפנים, געהערט און איז אַליין ניט געווען זיכער, צי ער רעדט דאָס אַרויס ריכטיג, צי ניין. דעם מיין דערפון האָט ער אָבער פאַרשטאַנען, און לויט זיין אויסטיי־טשונג איז דאָס אַרויסגעקומען אַזוי:

„איר זעט אַ זאַך און דערמאָנט זיך אָן אַ פּאַסירונג... די זאַך פירט אייך אַרויף אויף אַ געדאַנק. איר דערמאָנט זיך אָן עפּעס... וואָס... אַ שטייגער — סיגאַרעטס".

און דאָ האָט ער מיר כמעט אָן פאַרבינדונגס ווערטער אָנ־געהויבען דערציילען אַ מעשה, וואס איך האָב אין אָנפאַנג אינגאַנ־צען ניט פאַרשטאַנען.

— סיגאַרעטס! — האָט ער געגעבען אַ זאָג, אוועקלייגענדיג די שווערע האַנט אויף דעם קעסטעלע פּאַפּיראָסען, וואָס איז לעבען אים אויפ'ן טיש געלעגען. — סיגאַרעטס!

און עס האָבען גענומען פאַלען ווערטער, ווי האַמערס:

מיט אַ דרייסיג יאָר צוריק, נאָך אין רומעניען. ער — אַ בחור, אַ ברען; אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, בלוט און מילך. און זי — אַ מויד ווי אַ צימעס.

„נו! איר פארשטייט דאָך — אַן אַקטיאָר. געשפּילט טעאַ־טער, אידיש טעאַטער.

„איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, — זי איז דאָ. אין טעאַ־טער, הייסט עס. און — קוקט אויף אים אַזוי... פרעסט אים מיט די אויגען...

„נו, — אַן אַקטיאָר! וואָס ארט דאָס אים?

„און — טאַקע, פאר וואָס ניט? אַ מענש איז דאָך — אַ מענש.

„באַקענט געוואָרען, — אַ וואָרט, אַ שמייכעל, — עס לאָזט זיך. עס גייט אַ גאַנג...

„אַזוי היינט, אַזוי מאָרגען, אַזוי איבערמאָרגען. — שמייכעלט אַלץ. זי — הייסט עס, — די מויד...

„איינמאָל זאָגט זי: קומט היינט אויף דער נאַכט צו אונז!

„אָט אַזוי, מיט די ווערטער.

„זיך ניט געלאָזט בעטען. געקומען. ער גיט אַ קוק — נישטאָ דער טאַטע, נישטאָ די מאַמע. זי — איינע אַליין אין שטוב...

„נו, — אַ שמייכעל אַהער, אַ שמייכעל אַהין. אַ קניפּ אַהער, אַ קניפּ אַהין —

„פאַרטיג... מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענש... עס גיט אַ קאָרטע... און — יו׳ נאָו...

„זיינען אַוועק דרייסיג יאָר. אָט אַזוי ביי דעם ערך.

„אין אַמעריקע שוין, ביי שטאַרק׳ן אין רעסטאָראַן, אויף סע־קאָנד עוועניו, דאָ ניט ווייט.

„עפענט זיך די טיר — אַ דאַמע. פאַרפּוצט. דימענטען און בריליאַנטען.

— קען איך זען דעם און דעם אַקטיאָר?

— יעס,מעם.

„צוגעגאַנגען.

— זיינט איר דער און דער?

— יעס, מעם.

„זיך אוועקגעזעצט. ביידע מיט די אויגען אַט אַזוי! קוקען.

„זי שמייכעלט. — ער שמייכעלט. וויל זיך אַן עפּעס דערמאָנען.

„און — זיך דערמאָנט! דאָס איז געווען דיזעלבע... די וואָס פון רומעניען...

„און ווייסט איר, ווער דאָס איז געווען? די מאַדאַם נ... די פרוי פון דעם גרויסען סיגאַרעט־פאַבריקאַנט...*)

מיט איין וואָרט האָט ער געקענט אָנוואַרפען אַ גאַנצע בילד, וואָס האָט זיך ערגעץ ביי אים אין דער פאָרשטעלונג געוועבט...

פאַר שרייבער מיט נעמען האָט ער געהאַט דרך ארץ. אָבער נתפּעל געוואָרען פאַר זיי איז ער קיינמאָל ניט. אפילו פאַר די גרעסטע.

פון שלום אש האָט ער שטאַרק געהאַלטען. ער פלעגט אַלץ זאָגען, אַז אַזאַ פּיעסע ווי „גאָט פון נקמה" שרייבט זיך אָן ניט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. ער האָט געגלויבט, אַז פון אש'ס פעדער קען מען דערוואַרטען נאָך אַ שטאַרקערע פּיעסע — אַזאַ, וואָס וועט מאַכען נאָך אַ גרעסערען רושם און ציען נאָך מער אויפמערקזאַמקייט, סיי צווישען אידען און סיי אויף דער וועלטלאַכער בינע. און פונ־דעסטוועגען, ווען אש'ס אַ פּיעסע איז אים גראָד ניט געפעלען, האָט ער דאָס אָפען ארויסגעוויזען; פּונקט דאַן ווען אש האָט פאַר אים די פּיעסע געלייענט, האָט ער אָנגעהויבען דרעמלען, און דערנאָך האָט ער זיך אנטשולדיגט אַזוי:

— וואָס קען איך זיך העלפען, אַז די פּיעסע איז גראָד אַזאַ, אַז ווען מען לייענט זי, דערפיל איך ווי עס ציען זיך מיר איבער הייטלאַך איבער די אויגען און איך דערזע פאַר זיך עפּעס אַזעלכע מאָדנע מענשעלאַך...

---

*) איך געפין דאָ פאַר נויטיג צו באַמערקען, אַז דיזעלבע געשיכטע האָב איך אויך איבערגעגעבען אין דעם זשורנאַל „טעאַטער און קונסט", אַפּריל, 1927, ניו יאָרק.

מען האָט פאַר אים איינמאָל געדאַרפט לייענען אַ פּיעסע פון אַ געוויסען שונד שרייבער, וועמען ער האָט זייער ניט ליב געהאַט. דער פאַרוואַלטער פונ'ם טעאַטער האָט געוואוסט, אַז ווען מען וועט קו־מען צו קעסלער'ן מיט אַ פּיעסע פון יענעם פאַרפאַסער, וועט ער ניט וועלען אויסהערען, וועט ער אים אַרויסטרייבען, און אַזוי ווי דער פאַר־וואַלטער איז געווען זיכער, אַז דאָס שטיק וועט שטאַרק אויסנעמען ביים פשוט'ען עולם, איז ער געפאַלען אויף אַזאַ המצאה:

ער האָט דערציילט קעסלער'ן אַ מעשה, אַז ער האָט אַ פּיעסע פון מאַקסים גאָרקי — אַ פּיעסע פון אידישען לעבען, און עס איז גאָר אַזוינס און אַזעלכעס!...

דער פאַרוואַלטער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט קעסלער'ן פאַרבלענדען די אויגען און ער וועט די פּיעסע אויסהערען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, ווייל קעסלער האָט פון גאָרקי'ן זייער שטאַרק געהאַלטען.

אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער אַנדערש.

די ערשטע עטלאַכע בלעטלאַך האָט קעסלער נאָך ווי עס איז אויסגעהערט. דער נאָמען גאָרקי האָט אויף אים דאָך געווירקט אַזוי, אַז ער האָט איינגעצוימט זיין טעמפּעראַמענט. אָבער באַלד האָט ער די געדולד פאַרלאָרען, און געבענדיג אַ קלאַפּ מיט'ן פויסט אי־בער'ן טיש, האָט ער אויסגעשריען:

— ממזרים, ניט גאָרקי האָט דאָס געשריבען!... אַ לאַפּאַצאַן האָט דאָס אָנגעשמירט!...

ווען ז. ליבין האָט פאַר אים געלייענט זיין פּיעסע „די ווילדע", האָט קעסלער געדרייט מיט דער נאָז. די ראָל פון דעם פשוט'ען פאַר־מער אין דער פּיעסע האָט צו אים עפּעס יאָ אַפּעלירט און ניט אַפּעל־לירט; ער האָט אַליין ניט געוואוסט צי ס'איז גוט, צי ס'איז ניט גוט. ער האָט דאָס ניט געקענט צוקייען. ער האָט אָבער די פּיעסע דאָך געקויפט, און שפּעטער, ווען ער האָט זי אויפגעפירט (אינ'ם

יאָר 1905, אין טאַליע טעאַטער), האָט ער מיט זיין שפּילען אַזוי אויסגענומען, אַז מען האָט אומעטום גערעדט פון אים.

„אין ליבין'ס נייע פּיעסע „די ווילדע", — האָט אב. קאַהאַן דאַן געשריבען, — נעמען אַנטייל בלויז זעקס פּערזאָן. קעסלער האָט אין איר פּאָרצושטעלען אַ כאַראַקטער־בילד אַזוי פול מיט לעבען און מיט לעבענס־הומאָר, אַזוי פריש און נײַ, און ער שטעלט דאָס פּאָר אַזוי לעבהאַפט און קרעפטיג, אַז ער מאַכט פּראָסט אַ פּוראָר — אַ רעש פון באַגייסטערונג און באַוואונדערונג. זיינען „פּאַטריאָטען" זייַנען פּאָריגען זונטאָג אַרומגעגאַנגען ווי אויפ'ן זיבעטען הימעל, און פאַר סתם מענשען, וועלכע האַלטען אים פאַר אַ גוטען שוישפּילער, איז ער אין דיזער ראָלע געוועזען אַזוי ווי אַן ענטדעקונג. דאָס איז אָן צווייפעל איינע פון די מערקווירדיגסטע ראָלען, וועלכע ווערען דיזען סעזאָן פאָרגעשטעלט אין ניו יאָרק, עס מאַכט ניט אויס אין וועלכער שפּראַך עס ווערט גערעדט אויף דער בינע."*)

אין דעם זעלבען זין האָבען אויך געשריבען די אַנדערע אידישע טעאַטער־קריטיקער פון יענער צייט.

ווען ער האָט זיך איינגעלעבט אין אַ ראָל, האָט ער אַלע דעטאַלען אין איר אויסגעאַרבייט אַזוי מייסטערהאַפט, אַז ס'איז אין איר אין ערגעץ קיין חלל ניט געבליבען. אַלעס איז געוועזען אויסגעפּילט. און דערפאַר איז פאַר אַן אַנדער אַקטיאָר נאָך ביז היינטיגען טאָג שווער צו שפּילען קעסלער'ס אַ ראָל. דערפאַר איז פאַר די צושויער שטענדיג געוועזען אַזוי שווער צו זען אַן אַנדער אַקטיאָר אין קעסלער'ס אַ ראָל. און ווען ער איז איינמאָל גאָר פּלוצלונג קראַנק געוואָרען און אַן אַנדער אַקטיאָר האָט געמוזט שפּילען זיין ראָל אין ליבין'ס פּיעסע „דער געבראָכענער נדר", האָט דער עולם אין טעאַטער געמאַכט אַ סקאַנדאַל און פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט געשרייען: „קעסלער!" „מיר ווילען זען קעסלער'ן!".

דער אַקטיאָר, וועלכער האָט קעסלער'ס ראָל געשפּילט, האָט זיך

*) „פאָרווערטס", נאָוועמבער 29טען, 1905.

געפילט אין אַ שרעקלאַכער פאַרלעגענהייט, און ווען ער האָט געזען, אַז דער טומעל אין טעאַטער ווערט אַלץ גרעסער, האָט ער אין מיט'ן שפּילען זיך געמוזט ווענדען צום עולם:

„האָכגעשעצטעס פּובּליקום! קעסלער איז קראַנק, מען האָט מיר געגעבען שפּילען זיין ראָל, און וואָס בין איך שולדיג, אַז איך בין ניט קיין קעסלער?"

און יענער אַקטיאָר איז זיכער ניט געווען שולדיג אין דעם, ווייל אַזעלכע אַקטיאָרען ווי דוד קעסלער ווערען ניט געבאָרען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

און פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך געקענט מאַכען אָנגעזען אין אַ גוטער ראָל, וואָס איז אים געווען צום האַרצען, אַזוי האָט ער זיך געקענט מאַכען נישטיג אין אַ שלעכטער ראָל, וואָס איז אים ניט געווען צום האַרצען.

אין שייקעוויטש'עס (שמר'ס) פּיעסע „גרינע", האָט מען אים געגעבען שפּילען די ראָל פון אַ קראַנקען, אַ טשאַכאַטאַטשניק, וואָס גייט קוים אַרום. די ראָל איז ניט געווען פאַר אים, פאַר דעם פול־בלוטיגען קינסטלער, האָט ער זיך אַלץ געבעטען, אַז מען זאָל אים פון דער ראָל באַפרייען.

— קוקט אויף מיינע באַקען! — האָט ער געזאָגט, — זעט אַ פּאָר וואַרגעס! וואָס פאַר אַ טשאַכאַטאַטשניק בין איך? וואָס פאַר אַ קרענק פעלט מיר? ווען איך וועל זיין אויף דער בינע, וועט דאָך אפילו דער גרעסטער אידיאָט ניט גלויבען, אַז איך בין קראַנק.

דערצו איז אים נאָך די פּיעסע ניט געפעלען און ער האָט אַלץ אויסגעבריעט, אַז מען קען דאָרטען אַרויסנעמען אַ ראָל, אָדער אַריינ־שטעלען אַ ראָל און עס וועט זיין אַלץ איינס... ער האָט געבעטען, אַז מען זאָל אים באַפרייען פון שפּילען די ראָל, ווייל מען קען זיך באַגיין אָן אים.

מען האָט אים אָבער פאָרט פון דער ראָל ניט געקענט, אָדער

ניט געוואָלט באַפּרייען, ווייל זיין נאָמען האָט דאָך צוגעצויגען אַן עולם, האָט ער איינמאָל אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצעל:

פאַר'ן לעצטען אַקט האָט ער זיך באַהאַלטען אין אַ קליידער־שראַנק, און ווענדענדיג זיך צו זיין גאַרדעראָבער האָט ער געזאָגט:

— בעני, ווען מען וועט מיך אַנהויבען זוכען, בין איך נישטאָ!... דו הערסט? נישטאָ!... און דו ווייסט ניט וואו איך בין... דו ווייסט ניט!... טאָמער וועסטו זיך אַרויסכאַפּען מיט איין וואָרט, וועל איך דיך דער'הרג'ענען...

ווען מען האָט געדאַרפט אָנהויבען שפּילען דעם לעצטען אַקט, האָט מען גענומען זוכען קעסלער'ן. אָבער — זוך אים היינט, זוך אים מאָרגען — ער איז נישטאָ...

— בעני, וואו איז קעסלער?

בעני ווייסט ניט...

— סטייטש, ער איז דאָך דאָ נאָר וואָס געווען!

בעני ענטפערט ניט.

ווי פאַר'סם'טע מייז איז מען אַרומגעלאָפען. געזוכט און גע־נישטערט אין אַלע ווינקעלאך — קעסלער איז נישטאָ!

ווי אין וואַסער אַריין...

וואָס טוט מען? וואָס הויבט מען אָן צו טאָן? וואָס קאָן דאָס זיין? ווי אַזוי איז דאָס געשען? אפשר עפּעס אַן אומגליק?!

און דאָ ווערט דער עולם אין טעאַטער אַלץ מער און מער אומגעדולדיג; מען קלאַפּט שוין מיט די פיס, מען פייפט, מען ליאַרעמט. מען קען דאָך ניט האַלטען די מענשען אין טעאַטער ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט!...

ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה, האָט מען אָפּגעשפּילט דעם לעצטען אַקט אָן קעסלער'ן.

און ביים עולם איז געווען רעכט אַזוי אויך. זיי האָבען אַפּלאָ־דירט און זיינען אַוועק אַהיים...

און דאַן איז קעסלער אַרויף אויף דער בינע, און ווענדענדיג זיך

צו די אַקטיארען, וועלכע האָבען אים פריער געוואָלט באַווייזען, אַז אָן אים און אָן זיין ראָל קען מען זיך אין דער פּיעסע ניט באַגיין, האָט ער, מיט אַ כלומר'שט תמ'עוואַטען טאָן און מיט אַ פאַרבאָרגענעם שמייכעל אויף די ליפּען, געפרעגט:

— נו, אימיצער האָט דאָ געפרעגט אויף מיר, האַ?...

און מיט אַ געלעכטער:

— איך אַ טשאַכאַטאַטשניק! כאַ־כאַ־כאַ!... נו, בין איך גע־שטאָרבען פאַר'ן לעצטען אַקט, און — פיו, אַפּגעמעקט!...

שפּיצלאָך אויף דער בינע האָט קעסלער געקענט אָפטאָן ניט נאָר ווען ער איז ניט געווען צופרידען פון אַ פּיעסע, נאָר אויך דאַן ווען ער איז ניט געווען צופרידען פון אַן אַקטיאָר, אָדער פון אַן אַקטריסע. דערמיט האָט ער אויסגעדריקט זיין נקמה און זיין חוזק צו טאַלאַנט־לאָזיגקייט. אָבער אַמאָל האָט זיך אין זיינע שפּיצלאָך אויך אויסגע־דריקט דער געפיל פון קנאה...

דאָס — מוז מען צוגעבען — האָט קעסלער פאַרמאָגט אין אַ גאַנץ היבשער מאָס. כאָטש ער איז אין דעם אויך געווען ערלאָך.

דערציילט ב. גאָרין אַזאַ פאַל:

די דריי שטערען פון דער אידישער בינע — קעסלער, אַדלער און טאָמאַשעווסקי, — האָבען זיך פאַראייניגט און באַשלאָסען צו שפּי־לען צוזאַמען אין טאַליע טעאַטער. מיט דער פולער זיכערקייט, אַז ביי אַזאַ אויסערגעוויינלאַכער קאָמבינאַציע פון קינסטלער איז שוין ניט וויכטיג וואָס מען וועט שפּילען, האָט מען אַרויסגענומען פון רעפּערטואַר יעקב גאָרדין'ס אַן אָפּגעשפּילטע פּיעסע „די געברידער לוריא” און איינגעטיילט די ראָלען צווישען די דריי שטערען.

„נאָר אויב קעסלער, — שרייבט גאָרין, — איז געווען גרייט צו מעסטען זיך מיט כוחות מיט אַדלער'ן, האָט ער בשום אופן ניט גע־וואָלט אַנערקענען טאָמאַשעווסקי'ן פאַר אַ גוטען אַקטיאָר. אַזוי גיך ווי דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען און אַלע דריי שטערען זיינען אַרויף אויף דער בינע, האָט קעסלער גענומען נאָכקרימען טאָ־

מאַשעווסקי׳ן. דאָס האָט דעם לעצטען נערוועז געמאַכט און ער איז אַרוים פון די כּלים. ער האָט געשפּילט די ראָל פון גדליה לוריא און אין דער סצענע געדאַרפט צעברעכען אַ טעלער, האָט ער שוין פאַר כעס צעבראָכען צוויי טעלער. קעסלער האָט ניט געשוויגען און זיך אויך גענומען ברעכען טעלער. דעם עולם איז די מעשה געפעלען געוואָרען, ניט מחמת ער האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז מען איז אים מכבד מיט מער שפּילען, ווי אים האָט געקומט, נאָר אים איז פּשוט געפעלען געוואָרען דער אַקט פון ברעכען טעלער און ער האָט וואַרים אַפּלאָדירט.*)

איז ניט וויכטיג מיט וואָס די דאָזיגע געשיכטע האָט זיך געענ־דיגט. וויכטיג איז נאָר דאָס, וואָס אפילו אין באַצוג צו אַזאַ אַנער־קענטען שוישפּילער ווי באַרים טאָמאַשעווסקי האָט קעסלער ניט גע־פונען פאַר נויטיג צו קרומען די נשמה; דענקענדיג, אַז עס דאַרף אים ניט אָנשטיין, אָדער אַז ס׳פּאַסט ניט פאַר אים זיך צו פאַרמעסטען אין כּוחות, האָט ער דאָס אָפען אַרויסגעוויזען.

כאָטש קעסלער האָט ניט געהאַט קיין טאָעריעס, איז פונדעסטוועגען דאָך געווען אויסגעהאַלטענקייט אין דעם שטייגער ווי אַזוי ער האָט אויפגעפאַסט אַ ראָל.

אין שלום אַש׳ס „גאָט פון נקמה" האָט ער די ראָל פון יאַנקעל שאַפּשאָוויטש אויפגעפאַסט אַזוי, אַז ביים קלימאַקס זאָל מען אין דעם ענטוישטען, צובראָכענעם מענשען דערזען דעם יאַנקעל שאַפּשאָ־וויטש, וואָס ער אַליין האָט פריער מיט אַלע כּוחות געהאַלטען פאַר־רוקט אין אַ ווינקעל.

אין זיין האַלטונג בעת עס קומען צו אים אין הויז דער רב און די אַנדערע בכבוד׳יגע בעלי־בתּים פון שטאָט, איז ניט געווען די הכנעה, די אונטערטעניגקייט פון אַ געפאַלענעם מענשען, נאָר גיכער

*) ב. גאָרין, „די געשיכטע פון אידישען טעאַטער", צווייטער באַנד, צוויי־טע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע. פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, ניו יאָרק, 1923, ז. 132-33.

דער פארלאנג זיך אליין צו דערהויבען צו דער מדרגה פון א לייטישען מענשען.

זיין אומבאהאָלפענקייט, זיין האלטען זיך אין א זייט, זיין שטיין אין א פּאָזע פון „גרייט צו דינען" יעדען מאָמענט — דאָס אלעס האָט אין קעסלער'ס אויפפאסונג אויסגעדריקט יאנקעל'ס דרך ארץ פאר די כשר'ע אידען, וועלכע קענען לערנען די הייליגע תורה. דרך ארץ, און ניט קיין קנעכטשאפט.

אין קעסלער'ס אויפפאסונג פון יענער ראָל האָט מען פאר זיך

דוד קעסלער אלס יאנקעל שאבשאָוויטש

געזען א י י ן מענשען, אין וועמען עס צאפּלען זיך צ ו ו י י נשמות.

דער יאנקעל שאפּשאָוויטש „אויבען", ביי זיך אין דער היים, האָט זיך געהאלטען אזוי ווי ער וואָלט פון זיך אינגאנצען אָפּגעטרייסעלט דעם יאנקעל שאפּשאָוויטש, וואָס קער זיך אָן מיט „אונטען", מיט'ן הייזעל. און „אונטען", אין הייזעל, האָט ער זיך געהאלטען אנדערש

— אזוי, אז אַט האָט מען אין אים געזען דעם ווילדען ברוט, און אַט — דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע... אַט האָט ער אין הייזעל גע־שפּאַנט מיט פעסטע און זיכערע טרים — דער שטרענגער בעל־הבית, וואָס וואַרפט אַרויף אַ מורא אויף אַלעמען. און אַט איז ער דאָר־טען דורכגעלאָפען שנעל, ווי איינער וואָס יאָגט זיך אַ דערשראָקענער צווישען פלאַמען פייער, טראָגענדיג מיט זיך אַ הייליגע זאַך, וואָס מען מוז ראַטעווען...

און ווען דער בראָך קומט, ווען יאַנקעל דערוויסט זיך, אַז אַלע זיינע האָפענונגען זיינען געוועזן אומזיסט, אַז זיין איינציגע טאָכטער רבקה׳לע איז דאָך אריין אין שמוץ, פון וועלכען ער האָט זי אַזוי אויסגעהיט!

קעסלער האָט אין דעם מאָמענט ניט געמאַכט קיין געוואַלדען, ער האָט ניט געשריגען מיט קיין באַנומענע קולות. אַ נידערגעשלאָגענער, אַ פאַרצווייפעלטער, אַ צובראָכענער — אַ מענש וואָס האָט שוין אַלע האָפענונגען פאַרלאָרען, אַ מענש פאַר וועמען די זון האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעלאָשען, איז ער געשטאַנען מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ, און שטיל, מיט אַ שטים, וואָס באָדט זיך אין בלוט און שטיקט זיך אין טרערען, האָט ער געמורמעלט:

„אוים ווייב, אוים שטוב, אוים טאָכטער! אַלעס אַראָפּ, אין הייזעל, אין הייזעל!״

און מען האָט פאַר זיך געזען אַ מענשען, וואָס שטייט ביי דער שוועל פון אַ טיפען אָפּגרונט. אַ מענשען, ביי וועמען דער מוח איז אַזוי צומישט, אַז ער געפינט זיך שוין ביים גרענעץ פון אינגאַנצען פאַרלירען דעם פאַרשטאַנד...

אין לעאָן קאָברין׳ס „יאַנקעל בוילע״ (דער דאָרפס יונג), האָט דוד קעסלער אויפגעפאַסט די ראָל אַזוי, אַז מען זאָל אין דעם ווילדען דאָרפס־יונג זען מער תמימות ווי צולאָזענקייט.

יאַנקעל בוילע וויל זיין גוט און פרום, אָבער ער קען ניט, ווייל עס קאָכט אין אים די יוכע און לאָזט אים ניט רוען.

ער וויל ליב האָבען דאָס אָרימע באשעפעניש חיה'קע, אָבער ער קען ניט, ווייל עס ציט אים פאָרט צו נאטאשע'ן.

ער וויל דאווגען, אָבער עס איז אים שווער, ווייל ער קען „זיך ניט מאָליען".

ער וואָלט אַליין געוואָלט זיך איינשרומפּען, זיך איינצוימען, אָבער די גבורה שפּאַרט פון אים אַרויס און ער קען זיך ניט העלפען.

אין דער ראָל פון יאַנקעל דער שמיד.

וואָס איז ער שולדיג אין דעם, וואָס ער איז אין קערפּער געזונט ווי א ריז, און אין גייסט שוואך ווי א לעמעלע?

פלאָנטערט ער זיך אין דער נעץ, אין וועלכער דאָס לעבען האָט אים אַריינגעדרייט.

פייניגט ער זיך און פייניגט אַנדערע אין דער צייט ווען ער וויל גאָר זיין גוט צו דער גאַנצער וועלט.

זוכט ער אַן אויסוועג און קען ניט געפינען.

און אין זיין אומבאַהאָלפענקייט בעט ער, וויינט ער, שרייט ער און שטעלט אַלץ דיזעלבע פראַגע:

„נו, וואָס זשע זאָל איך טאָן?... נו, וואָס זשע זאָל איך טאָן?"...

און אָט די פראַגע, וואָס האָט אויסגעדריקט יאַנקעל בוילע'ס גאַנצע אומבאַהאָלפענקייט, פלעגט דוד קעסלער אויסדריקען מיט אַזוי פיל האַרציגער תמימות, אַז אַ פרייד האָט אַזש אָנגעפילט דאָס האַרץ, און דער זעלבער צייט ווען אין די אויגען האָבען זיך געשטעלט טרערען פון רחמנות צו דעם אומגליקלאַכען און אומבאַהאָלפענעם מענשען.

אויף דעם זעלבען שטייגער האָט ער אויך אויפגעפאַסט די ראָל פון „יאַנקעל דער שמיד", פון דוד פינסקי, — מער אונטערגעשטראָכען די תמימות ווי די צולאָזענקייט.

אין יעקב גאָרדין'ס „גאָט, מענש און טייפעל", איז קעסלער'ן אין אָנפאַנג זייער שווער געווען זיך צוצופּאַסען צו דער ראָל פון הערשעלע דובראָווגער. ער האָט אין זיין חומר'דיגקייט ניט געקענט אַריינזאַפּען אין זיך דעם גייסט פון דעם פרומען דובראָווגער סופר, וועלכער איז כולו רוחניות. ספּעציעל אין ערשטען אַקט, איידער אוריאל מזיק באַקומט די שליטה איבער'ן הויז. דער גרויסער קינסטלער איז אָבער דאָך ביינעקומען דאָס חומר'דיגע אין זיך, און ער האָט — אפילו אין ערשטען אַקט — באַזעלט די ראָל מיט רוחניות. עס האָט געהייסען, אַז ער, דער דובראָווגער סופר, וועלכער האָט, על פּי שכל, אפשר געדאַרפט זיין אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, איז ניט שולדיג אין דעם וואָס דער רבונו של עולם האָט אים גראַד געבענשט מיט אַ געזונטען גוף. ער קוקט זיך סיי ווי סיי דאַרויף ניט אום.

אַ גייסט פון הייליגקייט האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון דער בינע, ווען דוד קעסלער האָט געזונגען „מזמור לדוד", און אין די אויערען פון טויזענטער און טויזענטער אידישע טעאַטער-גייער טראָגט זיך נאָך היינט דער אָפּקלאַנג פון דעם טאָן ווען קעסלער האָט מיט וויי אַרויסגעזונגען די ווערטער:

„גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע".

מיט פאַרמאַכטע אויגען פלעגט ער דאָס זינגען. די ברעמען זיי־נען ביי אים געווען אָנגעכמורעט, דאָס פנים פאר'דבקה'ט, און פול מיט גלויבען, פול מיט בטחון.

עס איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלען, אז דאָס איז דער זעל־

אין דער ראָל פון הערשעלע דובראָוונער.

בער יאנקעל שאבשאָוויטש פון „גאָט פון נקמה", דער זעלבער „יאנקעל בוילע", דער זעלבער „שלמה'קע שארלאטאן".

און אין די ווייטערדיגע אקטען, ווען דער דובראָוונער סופר ווערט

שוין א וועלטס־מענש, ווען ער פירט שוין געשעפטען אויף א גרויסען שטייגער, ווען ער געפינט זיך שוין אונטער דער שליטה פונ'ם טייפעל און רייסט זיך דאָך צו גאָט — דאַן האָט קעסלער זיך געוויזען אין זיין פולער גרויס און מען האָט געזען ווי דער מענש אין אים ווערט צוריסען צאַפּלענדיג זיך צווישען די צוויי — צווישען גאָט און טייפעל.

אין אַלגעמיין האָט דוד קעסלער געהאַט א נייגונג צו ראָלען פון מענשען, וועלכע שטייען אויף דער גרעניץ פון גוטס און שלעכטס, און וועלכע דאַרפען אָנפירען א מלחמה ניט נאָר מיט אַנדערע, נאָר דער עיקר'שט — מיט זיך אַליין.

א ראָל מיט אַזעלכע אינערלאַכע קאָנפליקטען האָט ווי א מאַגנעט געצויגען צו זיך קעסלער'ס גרויסען טאַלאַנט.

און דאָס איז געווען מערקווירדיג! אין לעבען — ניט אַלס שוישפּילער — האָט דוד קעסלער דוקא ניט געמאַכט דעם איינדרוק פון א מענשען מיט אינערלאַכע קאָנפליקטען. מ'האָט אין אים ניט געקענט באַמערקען די ספּעציפישע צוריסענקייט פון דער נשמה, וואָס וואַרפט זיך געוויינלאַך אין די אויגען ביי אַזעלכע מענשען, אָבער אויף דער בינע האָט עס אים געצויגען דוקא צו אַזעלכע ראָלען.

צווישען שוישפּילער איז דאָס ניט קיין זעלטענע ערשיינונג; א סך פון זיי האָבען די נייגונג צו שפּילען דוקא אַזעלכע כאַראַקטערס, וואָס זיינען אין עצם פּונקט דער היפּוך פון זייערע אייגענע.

און דאָ וועט זיין אינטערעסאַנט איבערצוגעבען זייער א כאַראַקטעריסטישען פאַל, וואָס האָט א נאָענטע שייכות מיט דעם דאָזיגען ענין:

וועגען דעם שוישפּילער פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אַלעקסאַנדער ווישנעווסקי איז ביי די מערסטע צושויער געשאַפען געוואָרען דער איינדרוק, אז ער מוז זיין א מענש מיט אַן אייזערנעם ווילען און מיט א מערקווירדיג פעסטען כאַראַקטער. געדרונגען האָט מען דאָס פון דעם, וואָס ער האָט אַזוי קינסטלעריש געלונגען אונטערגעשטראָכען די פעסטקייט אין כאַראַקטער און ווילען אין דער ראָל פון

באָריס גאָדונאָוו, אין אַלעקסעי טאָלסטאָי׳ס שטאַרקער דראַמע „צאַר פיאָדאָר יאָהאַנאָוויטש״, און אויך אין די מערסטע אַנדערע ראָלען, וואָס ער האָט געשפּילט.

אויף דעם גרונד איז ביי זייטיגע מענשען גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ווישנעווסקי אַליין מוז אויך זיין אַ מענש מיט זייער אַ פעסטען כאַראַקטער און אַז דערפאַר פּאַסט ער זיך אַזוי גוט צו צו אַזעלכע ראָלען.

דערציילט אָבער ווישנעווסקי אַליין וועגען דעם גאָר אַן אַנדער געשיכטע.

„איך האָב ליב צו שפּילען שטאַרקע מענשען, הערשענדע, אַזעלכע, וואָס דעקען צו זייער מאַכט מיט געלאַסענקייט,״ — שרייבט וויש־נעווסקי אין זיינע מעמוארען. — „כאָטש בטבע צייכען איך זיך ניט אויס מיט קיין שטאַרקען כאַראַקטער. דערפאַר וואָס איך בין בטבע אַ גוטער און געניוויגט צו טרערען, האָט מיר וולאַדימיר איוואַנאָוויטש (נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ) געגעבען אַ נאָמען „אַלעקסאַנדראַ לעאָני־דאָוונאַ״. און יוזשין האָט מיר איינמאָל געזאָגט אַזוי: „איר ווייסט, מיר דוכט זיך, אַז ווען איר וואָלט בטבע געווען אַן אַנדערער, וואָלט איר ניט געקענט שפּילען אַזוי גוט די ראָל פון באָריס גאָדונאָוו״. און ער האָט ווירקליך געטראָפען. דוקא דערפאַר וואָס איך בין בטבע ניט אַזאַ מענש, האָב איך ליב צו שפּילען ראָלען פון שטאַרקע מענשען.״*)

דער פאַרלאַנג צו זיין אַנדערש אויף דער בינע — דאָס איז איינע פון די ספּעציפישע נייגונגען ביי אַ שוישפּילער, וואָס קען שאַפען. און אַזאַ נייגונג האָט דוד קעסלער געהאַט אין אַ גרויסער מאָס.

אין דער ראָל פון „שלמה׳קע שאַרלאַטאַן״, יעקב גאָרדין׳ס אַ פּיעסע מיט דעם זעלבען נאָמען, האָט קעסלער באַוויזען דעם וואונ־דער צו נעמען אַ ניט־געראָטען שטיק און עם אַוועקשטעלען אויף אַ פּעדעסטאַל אינ׳ם רעפּערטואַר פון דער אידישער בינע. ער האָט די

*) אַ. ל. ווישנעווסקי, „ברעקלאַך פון מיין לעבען״ (רוסיש), ז. 46, לענינ־גראַד, 1928.

ראָל אויפגעפאסט אזוי, אז דער מענש שלמה׳קע שארלאטאן איז גע־
וואָרען א קונסט־ווערק פאר זיך אליין.

איבער דעם וואס מען איז אין אונזער וועלטעל געוואוינט אויף
אלץ ארויפצולייגען א בארג פון וויצען און וויצלאך, האט מען אין די
אידישע טעאטער־קרייזען דערציילט א געשיכטע, אז קעסלער׳ס אויפ־



דוד קעסלער אין זיינע יונגע יאָרען.

פאסונג פון דער ראָל „שלמה׳קע שארלאטאן" איז געקומען דורך א צו־
פאל. ער האט פשוט ניט געקענט די ראָל, — האט מען דערציילט,
— און דערפאר האט ער זיך גענומען פלאָנטערען אין די ווערטער,
און האט זיי איבערגעדרייט אויף זיין אייגענעם קונציגען שטייגער. דער

סופלער האָט אים אונטערגעזאָגט א וואָרט „יונגערמאַן“, האָט ער דאָס ניט דערהערט, האָט ער, אַנשטאָט „יונגערמאַן“ א זאָג געטאָן „יונגער־מאָן“ דערנאָך „יונגערמין“, און באַלד נאָכדעם — „יונגערמען“; און ווייל דאָס איז ביי אים אַרויסגעקומען זייער חנ'עוודיג און די צו־שויער האָבען דאָס זייער גוט אויפגענומען, איז ער שוין ווייטער אויך געגאַנגען אויף דעם זעלבען וועג און אַלע מאָל אַנגעהויבען ריידען אזוי ווי ער וואָלט זיך אין די אייגענע ווערטער געפּלאָנטערט — „אדיו, אדיע, אדיא, אדיעי, א רעוואואר!“

דאָס איז אָבער ניט ריכטיג.

ביי קעסלער'ן איז די אויפפאַסונג פון „שלמה'קע שארלאטאַן“ ארויסגעקומען ניט צופעליג. און אויב עס איז אפילו אמת, אז ער האָט ביי די ערשטע פאָרשטעלונגען ניט געקענט די ווערטער פון דער ראָל, האָט ער אָבער זיכער געקענט דעם כאַראַקטער פון דעם מענשען, וואָס ער האָט געדאַרפט פאָרשטעלען, — ווי איך האָב דאָס שוין פריער באַוויזען.

און ווייל דער כאַראַקטער פון „שלמה'קע שארלאטאַן“ איז פאַר אים קינסטלעריש געוועזען קלאָר, האָט ער אים אויסגעטייטשט אזוי, אז ס'איז אַרויסגעקומען א מענש, וואָס אפילו אין זיין געפּאַלענקייט קוקט ער מיט איראָניע אויף אַנדערע; א מענש, וואָס לאַכט בעת דאָס הארץ איז אים פאַרביטערט, א מענש וואָס וויינט אפשר בלויז דאַן ווען קיינער זעט ניט, ווייל ער איז זיכער, אז מענשען זיינען אזוי געמיין און פאַרדאָרבען, אז קיינער פון זיי פאַרדינט ניט, מען זאָל אים צולאָזען נאָענט צו זיך און אים געבען די געלעגענהייט אריינצוקוקען טיף אין דער נשמה...

אין קעסלער'ס אויפפאַסונג איז „שלמה'קע שארלאטאַן“ ארויס־געקומען דער וואַנדערער, וועלכער ווייסט, אז ער פאַרמאָגט אוצרות אין זיין נשמה, כאָטש עס קומט אים אַמאָל אויס אויסצושטרעקען די האַנט און בעטלען א גראָשען. אונטער דער מאַסקע פון פרייד

און שפּילעווודיגקייט האָט מען געקענט זען אַ טיפען אומעט און פאַר־ביסענעם ערנסט.

און דער עיקר'שט — מען האָט אויף דער בינע די גאַנצע צייט געזען ווי עס וואַקסט אויס די קינסטלערישע געשטאַלט פון אַ מענשען, וועלכער האָט אין זיך אַלע אייגענשאַפטען צו זיין גוט און ניצליך און וועלכער איז געוואָרען שלעכט און איבעריג דערפאַר וואס דאָס לעבען האָט אים געקריוודעט, דערפאַר וואָס מענשען זיינען געמיין און פאַר־דאָרבען...

דאָס איז געווען „שלמה'קע שאַרלאַטאַן” אין דער אויפפאַסונג פון דוד קעסלער.

און די אויפפאַסונג איז זיכער ניט געווען קיין צופעליגע, נאָר א קינסטלעריש פאַרטראַכטע, א קינסטלעריש אויסגעטאַקטע.

7

די לעצטע יאָרען.

קעסלער׳ס פערזענלאך לעבען איז די לעצטע יארען געווען ניט גאָר קיין גליקלאַכער. דערפאר האָט ער אַלץ געזוכט צו שטילען זיין געמיט אויף דער בינע.

ווען ער איז געווען אויף דער בינע, האָט ער מיט׳ן גאַנצען האר־צען געוואָלט — אויב עס איז נאָר געווען א גוטע פיעסע — זיך פארטיפען אין דעם שפילען און שלייפען קינסטלעריש יעדער שטריכעלע פון דעם כאראקטער, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט. דערביי האָט ער אָבער געוואָלט, אַז פונקט אַזוי ווי ער איז פארטיפט אין שאַפען, זאָל דער עולם אין טעאַטער אויך זיין פארטיפט אין דעם; זיי זאָלען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכפאָלגען דעם גאַנג פון דער פיעסע און זאָלען פילען דאָס פייער, וואָס ווארימט די הערצער פון די שוי־שפילער אויף דער בינע. אָן דעם האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי דאָס גאַנצע שפילען וואָלט געווען א מין ברכה לבטלה. און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אי אַ שארף אויג, אי א טיף־פילענדע הארץ, האָט ער אויף דער בינע גלייך באַמערקט און באַלד דערפילט ווען דער עולם אין טעאַטער איז ניט געווען אויפמערקזאם גענוג, און דאַן האָט ער שוין מער ניט געקענט שאַפען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, און דאָס האָט אים אַזוי וויי געטאָן, אַז ער איז געווען גרייט זיך אַליין צוצו־רייסען אויף שטיקער, און דאַן האָט ער געגעבען די פולע פרייהייט דעם צולהכעיס׳ניק אין זיך; ער, דער צולהכעיס׳ניק, זאָל זיך נוקם זיין אין עולם, זאָל זיך אָננעמען די קריוודע פון דעם באַליידיגטען קינסט־לער...

ווי פארטיפט ער איז ניט געווען אין א ראָל, האָט ער מיט׳ן אויג

געקענט אויפכאפּען ווי ערגעץ אין א ווינקעל זיצט אַ מענש און גע־ניצט און ווי אין אַן אַנדער ווינקעל זיצען מענשען און שושקען זיך.

— שוין, — פלעגט ער א זאָג טאָן אין אזא פאַל צו דעם אַק־טיאָר, אדער צו דער אַקטריסע, וואס איז גראָד געשטאַנען לעבען אים אויף דער בינע. — שוין. זיי זיינען שוין פאַרנומען מיט זיך...

האָט ער טאקע איינמאָל, אין א „ספּיטש" פאר די צושויער, גע־זאָגט אַזוי:

„לידיס ענד דזשענטעלמען! ביי לייטען — א פּובליקום אין טעאַטער, איז — אזא פּנים, אזא פּנים — מענשען... ביי אונז אָבער — א פּובליקום אין טעאַטער, איז — קיין פּנים... נאָר וועיסטלאַך (בלוזעס) און טאַים (שניפּסען)... וועיסטלאַך און טאַים"...

און געענדיגט אויף די שטיל מורמלענדיגע טענער:

„אינדיאַנער, וואָס איר זענט!"...

ער האָט אלע מאָל געגאַרט נאָך אַ גוטען, פאַרשטענדיגען און אויפמערקזאמען עולם. ווייל בלויז דאַן האָט ער געקענט שפּילען גוט, און בלויז אין דעם האָט ער געקענט געפינען אַ טרייסט אויף די צרות, וואָס ער האָט אין לעבען.

אָבער ניט אלע מאָל האָט ער אַזאַ עולם געקענט געפינען. ניט אַלע מאָל האָט ער צווישען עולם געקענט דערזען אַ פּאָר אויגען, וואס דריקען אויס געפילען, פאַרשטאַנד און איבערלעבונג. אנשטאָט דעם האָט ער גאָר געזען פּנים'ער, וואס בעטען זיך ממש, אז מען זאָל זיי פּיינט האָבען, און דאָס האָט אים געמאַכט ווילד.

יעדער קלייניגקייט האָט צושטערט זיין שטימונג, און ער האָט אָנ־געהויבען ארויסווייזען קאַפּריזען. אָדער בעסער געזאָגט: אַנדערע האָבען אין דעם געזען קאַפּריזען; פאַר אים אָבער איז דאָס געווען אַ טראַגעדיע, ווייל ער האָט אויף דער בינע געזוכט דאָס גליק און דעם פאַרגעניגען, וואָס ער האָט ניט געקענט האָבען אין זיין פּערזענ־לאַכען לעבען.

דער גליקלאַכסטער מאָמענט אין קעסלער'ס לעבען איז געווען

ווען מען האָט פאַר אים אויסגעבויט דעם „דוד קעסלער׳ס טעאַטער" אויף סעקאַנד עווניו.

דאָס איז געווען אין׳ם יאָר 1913, ווען קעסלער איז געקומען צוריק פון א רייזע איבער אייראָפּע, וואו ער האָט געגעבען גאַסט־פאָרשטעלונגען אין רוסלאַנד, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך און רו־מעניען.

פון די מודעות וואָס מען זעט אין די בלעטער פון יענער צייט, איז קלאָר, אז מען האָט זיך געגרייט צו פּראַוועון דעם חנוכת הבית פון יענעם טעאַטער מיט גרויס פּאַראַד. אַלע מודעות הויבען זיך אָן מיט די ווערטער „חנוכת הבית לדוד" — מיט גרויסע אותיות — און דערביי ווערט געזאָגט, אז דער גרויסער קינסטלער וועט אויפ־פירען „די בעסטע פּיעסען פון די בעסטע אידישע שרייבער".

קעסלער אַליין איז אויך געווען זיכער, אז אין זיין אייגענעם טעאַטער וועט ער אויפפירען „די בעסטע פּיעסען פון די בעסטע אי־דישע שרייבער". און אלס א באַווייז דאַרויף קען דינען דער פאַקט, וואס ווען ער האָט אָנגעהויבען דעם סעזאָן, דעם 29טען אויגוסט, 1913, — אין אַן אַנדער טעאַטער, ווייל זיין אייגענער איז נאָך ניט געווען פאַרטיג, האָט ער געשפּילט שלום אַש׳ס „גאָט פון נקמה", דוד פּינסקי׳ס „יאַנקעל דער שמיד", און יעקב גאָרדין׳ס „גאָט, מענש און טייפעל" און „שלמה׳קע שאַרלאַטאַן". שפּעטער, ווען דער טע־אַטער איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער אים געעפענט מיט יעקב גאָר־דין׳ס רעפּערטואַר, צוגרייטענדיג א נייע פּיעסע פון שלום אַש.

ער האָט זיך אַלץ געריסען צו שפּילען בעסערע פּיעסען. און נאָך מיט עטלאכע יאָר איידער מען האָט פאַר אים דעם טעאַטער אויסגע־בויט, האָט ער, אין א געשפּרעך מיט א פּאַרטרעטער פון א צייטונג, געזאָגט:

„אלס שוישפּילער וואָלט איך זייער געוואָלט שפּילען גוטע ראָ־לען אין גוטע ליטעראַרישע פּיעסען. ווען מיר קומט אוים צו שפּי־לען אין ביליגע פאָרשטעלונגען, איז דאָס פאַר מיר ערגער ווי „קאַס־

טאַר־אויל". איר קענט פרעגען די וואָס שפּילען מיט מיר צוזאמען, וועלען זיי אייך אַלע זאָגען, אז איך בעט זיך, זיי זאָלען מיר געבען סם צו טרינקען איידער אזא קלאָטשע צו קייען."*)

אין דער זעלבער דערקלערונג האָט ער ערנסט ארומגערעדט די פראגע וועגען ליטעראַרישע פּיעסען, דערציילט ווי אזוי די אומ־שטענדען צווינגען אים צו שפּילען ביליגע זאכען, וואָס האָבען ניט קיין טעם און קיין ריח, און אויסגעדריקט די מיינונג, אז דאָס פאָלק אליין, אָדער בעסער געזאָגט, די אינטעליגענץ פון פאָלק, וואָלט גע־דאַרפט גרינדען א טעאטער, וואו מען זאָל שפּילען בעסערע פּיעסען.

„אזא טעאטער, — האָט ער געזאָגט, — וועט האָבען א מאָראַ־לישען איינפלוס אויך אויף די איבעריגע טעאטערס און וועט זיי ברענגען דערצו, אז זיי זאָלען אָפטער אויפפירען גוטע פּיעסען אנ־שטאָט שונד־שטיק."

ביי אן אנדער געלעגענהייט האָט ער אין א געשפּרעך מיט א פאַרטרעטער פון א צייטונג זיך געקלאָגט דארויף וואָס אין אידישען טעאטער גרייט מען זיך ניט גענוג צו א נייער פאָרשטעלונג און אז די אומשטענדען זיינען אזעלכע, אז מען האָט קיין אנדער ברירה ניט און מען מוז אַלץ שפּילען אויף א כאַפּ־לאַפּ שטייגער.

האָט ער אַלץ געהאָפט, אז אין דעם נייעם טעאטער, וואָס מען האָט ספּעציעל פאַר אים אויסגעבויט, וועט ער האָבען מער מעגלאַכ־קייטען בייצוקומען די אומשטענדען און מער פארברייטערען זיין קינסטלערישע טעטיגקייט אלס שוישפּילער.

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזען ניט אינגאַנצען אזוי ווי ער האָט געדענקט. ער האָט אין דעם נייעם טעאטער אויך ניט געקענט ביי־קומען די אומשטענדען, און כאָטש ער האָט דאָרטען אויפגעפירט א גאַנץ היבשע צאָל גוטע און באַדייטענדע פּיעסען, האָט ער אָבער דאָרטען אויך אויפגעפירט א היבש ביסעל שלעכטע און נישטיגע פּיעסען.

---

*) „פאָרווערטס" דעם 25טען דעצעמבער, 1909.

קעסלער האָט איבער דעם שטאַרק געליטען אלס קינסטלער, און דאָס האָט אים געמאַכט נאָך בייזער ווי ער איז געווען, ווייל אין יענער צייט האָט ער שוין געהאַט דערגרייכט די עלטער, ווען א מענש פילט, אז אויב ער גייט ניט ווייטער אויף דעם וועג, וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכענט, בלייבט ער ניט נאָר שטיין אויף איין אָרט, נאָר ער הויבט אָן גיין צוריק...

דערצו זיינען נאָך צוגעקומען אינווייניגסטע רייסערייען אין טעאַ־טער גופא. די פאַרוואַלטונג פון טעאַטער האָט שטאַרק אינטריגירט געגען אים.

אין יענער צייט האָט מען אים שטענדיג געזען אָן אָנגעכמור־רעטען, א בייזען און פאַר׳מרה־שחורה׳טען.

די גוטמוטיגקייט האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעטאָן פון אים און די בייזקייט, וואָס ער האָט גע׳ירשנ׳ט פון זיין פאָטער, האָט זיך אָנגע־הויבען ארויסצואווייזען נאָך שאַרפער ווי פריער...

ביי איינינע געלעגענהייטען האָט ער ארויסגעוויזען אזא ווילדע נערוועזיטעט, אז די אייגענע מענשען אַרום אים האָבען זיך פשוט גע־שראָקען. ביי פּראָבע און אויך ביי די פאָרשטעלונגען האָט ער נאָך מער ווי פריער געביסען די פויסטען און די ליפּען ווען עפּעס איז אים ניט געפעלען, און אָפט מאָל האָט מען ביי אים געזען טרערען אין די אויגען...

וואָלט ער געווען פון די מענשען, וועלכע ריידען זיך אמאָל אויס דאָס האַרץ פאַר א גוטען פריינט, וואָלט מען איצט אפשר גע־פונען א סך מענשען, וועלכע וואָלטען געקענט דערציילען א סך וועגען דעם וואס קעסלער האָט אין יענער צייט איבערגעלעבט ביי זיך אין דער היים און אויך אין טעאַטער. איז קעסלער אָבער געווען פון די מענשען, וואס זיינען מערסטענטיילס פאַרשלאָסען אין זיך; דערצו האָט ער נאָך זיין אייגענעם ווייטאָג מיט קיין ווערטער ניט גע־קענט אויסדריקען, און ווען ס׳איז אים אויפ׳ן האַרצען געווען אזוי שווער, אז ער האָט דאָס שוין ניט געקענט אַריבערטראַגען, האָט ער

בלויז געקריצט מיט די ציין, און ווען גראַד אין אַזאַ מאָמענט איז אים אויסגעקומען זיך אָנצושטויסען אָן טאַלאַנטלאָזיגקייט אויף דער בינע, האָט ער געקענט געבען אַזאַ קוויטש, אַז אַלע אַרום אים זאָלען זיך דערשרעקען...

האָט אים טאַקע אַמאָל דער שוישפּילער יצחק קעשיר גע־בעטען, אַז ער זאָל צוליב זיך אַליין מער ניט אָנפאַלען אויף אַ געווי־סער אַקטריסע, וועמעס שפּילען עס געפעלט אים ניט.

— פאַרגעסט ניט, מיסטער קעסלער, — האָט ער אים געזאָגט, — אַז נאָך אַלעמען איז דאָס ניט שיין. צו אַ דאַמע טאָר מען אַזוי ניט ריידען. און חוץ דעם, איר ווייסט דאָך, אַז איר טאָרט זיך איצט ניט ערגערען. דאָס שאַדט אייך צום געזונט.

דאַן האָט קעסלער קעשיר׳ן געזאָגט, אַז ס׳וועט אים מער ניט אַרען ווי אַזוי יענע אַקטריסע מאַכט פּראָבע און ווי אַזוי זי שפּילט; ער וועט איר מער גאָר ניט זאָגען, ער וועט מער אויף איר ניט אָנפאַלען.

— אָבער איין זאַך בעט איך דיך, — האָט ער געזאָגט דעם אַקטיאָר, — ווען דו וועסט דערזען, אַז איך הויב זיך אָן ערגערען, אַז איך הויב אָן ווערען בייז אויף איר, זאָלסטו צו מיר געבען אַ מאַך מיט׳ן פינגער, און דאָס וועט זיין אַ סימן, אַז איך דאַרף זיך איינהאַלטען, אַז איך דאַרף ניט ווערען בייז... וועל איך ניט ריידען אַ וואָרט...

ווען ס׳איז געקומען צו פּראָבע און די אַקטריסע האָט געדאַרפט אָפּשפּילען איר ראָל, האָט זיך קעסלער שוין גענומען ערגערען אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר דערהערט דעם ערשטען טאָן, וואָס זי האָט גע־נומען. קעשיר האָט דאָס באַמערקט, האָט ער צו אים געגע־בען אַ מאַך מיט׳ן פינגער. דאַן האָט זיך קעסלער אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער אַקטריסע, און געהייסען האָט דאָס: „רעד ווי דו ווילסט, שפּיל ווי דו ווילסט, מיך אַרט דאָס ניט!” ער האָט אָבער פּאָרט ניט געקענט אַריבער־

טראגען די טענער פון דער אַקטריסע, און דאָ האָט ער זיך נאָך דער־מאָנט די אַלע צרות, וואָס ער לעבט איבער, האָט ער מיט אַמאָל אָנ־געהויבען קוויטשען:

— באַנדיטען, מילא, ריידען טאָר איך ניט, אָבער האַוקען ווי א הונט מעג איך דאָך!...

און ער האָט אָנגעהויבען האַוקען ווי א הונט, און דערביי האָ־בען זיך די קאַלירען ביי אים אין פּנים אַזוי געביטען, אַז עס איז געווען א שרעק צו קוקען אויף אים...

ער איז אין יענער צייט אָפּט מאָל ארומגעגאַנגען ווי א צומיש־טער און ניט געוואוסט אויף וואָס פאר א וועלט ער איז. און איינ־מאָל האָט ער די צומישטקייט טאַקע אַרויסגעוויזען אויף אַזאַ שטיי־גער, אַז די נאָענטע מענשען אַרום אים האָבען זיך ניט ווייניג דער־שראָקען, כאָטש זיי האָבען דערביי גאַנץ געשמאַק געלאַכט.

דאָס איז געווען נאָך א פּראָבע, ווען קעסלער איז ניט געווען צו־פרידען פון קיין זאַך, וואָס די אַקטיאָרען האָבען געטאָן; ער האָט אויף דער בינע געהאַלטען אין איין שרייען: „ניט אַזוי!״ און אַלץ געקריצט מיט די ציין. און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען, האָט ער דערזען א לויה ביים טעאַטער. אַן אַלטער איד מיט א גרויער באָרד איז אַן איינגעהויקערטער געשטאַנען אין מיטען גאַס און האַלטענדיג א פּושקע אין דער האַנט, האָט ער מיט א שוואַכער שטים ווידערהאָלט אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע:

„וצדקה תציל ממות!״... „וצדקה תציל ממות!״...

האָט קעסלער אויף דעם אַלטען אידען געגעבען א קוק א צו־טומעלטער און געבענדיג א כאַפּ ביי אים די פּושקע פון די הענט, האָט ער, קריצענדיג מיט די ציין, א ברום געטאָן: „ניט אַזוי!״ און אַליין אָנגעהויבען שרייען אויפ׳ן קול:

„וצדקה תציל ממות!״... „וצדקה תציל ממות!״...

אין זיין נאַאיוויטעט האָט זיך קעסלער אַלץ מער און מער גע־לאָזט אַריינפּלאָנטערען אין דער פּאָליטיק, וואָס האָט זיך געוועבט

ארום זיין טעאטער. די אינוויינינגסטע רייסערייען זיינען וואס אמאָל געווארען אלץ שאַרפער און שאַרפער; קריגערייען זיינען שוין ניט געוועזן גענוג און ס׳איז געקומען צו אַ געשלעג...

קעסלער׳ן איז דאָס געוועזן אי אַ ווייטאָג, אי אַ שאַנד, ווייל ער האָט געוואוסט, אז דער וואָס האָט אים דערלאַנגט דעם קלאַפּ, איז טאַקע איינער פון דער פאַמיליע...

עטלאַכע יאָר זיינען אוועק און אין קעסלער׳ס סעקאַנד עוועניו טעאַטער איז קעסלער׳ן געווארען אלץ ענגער און ענגער, ביז ער האָט שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגן און איז אינגאַנצען אוועק.

דאָס איז געוועזן פּונקט אין אַ צייט, ווען ער האָט געהאַלטען ביים אונטערציען דעם סך הכּל פון זיין קינסטלערישער טעטיגקייט.

ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה, האָט ער זיך אנגאַזשירט אין נעשאָנאַל טעאַטער, און דאָרטען האָט ער אלס קינסטלער געליטען נאָך מער ווי פריער, ווייל די פּיעסען, וואָס מען האָט דאָרט געשפּילט, זיי־נען זיכער ניט געוועזן פון דעם שניט, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ קינסט־לער ווי ער איז געוועזן. ער האָט געמוזט אויפטרעטען אין אָפּערעטען, וואָס ווערען צונויפגעשטשאָבעט כדי צופרידענצושטעלען דעם גראָ־בען געשמאַק פון דעם פּשוט׳ן עולם, און ער האָט מער ניט געהאַט קיין געלעגענהייט אויפצוטרעטען אין אַ נייער גוטער פּיעסע, וואו ער זאָל זיך קענען ווייזען אין דער גאַנצער גרויס פון זיין טאַלאַנט.

יעדער פאָרשטעלונג איז פאַר אים געוועזן אַן אָפּקומעניש; ער האָט שוין מער אפילו ניט געקענט טרוימען וועגען אַזאַ זאַך, ווי גע־פינען פארגעניגען אויף דער בינע; ער האָט זיך שוין מער גאָר ניט אינטערעסירט מיט דעם וואָס ער שפּילט און ווי אַזוי ער שפּילט; עס איז אים מער ניט אָנגעגאַנגען צי די אַנדערע אַקטיאָרען אויף דער בינע נעמען אַ ריכטיגען טאָן, צי ניין. ער האָט אָפּטמאָל אין דער פרי אַליין ניט געוואוסט, וואָס ער שפּילט אין אָוונט, און איינמאָל איז ער טאַקע בייטאָג אריינגעפאַלען אין טעאַטער אַ בייזער, אַן אָנ־געכמורעטער, און צולויפענדיג צו דעם געשעפטס־פאַרוואַלטער האָט

ער, ניט קוקענדיג יענעם אין די אויגען, ווי ער וואָלט זיך פאר אים געשעמט, געפרעגט:

— וואָס שפּיל איך היינט, א הונט, א אינדיק, א קאַטשקע, א גאַנער, א פּיפּערנאַטער, אָדער א שוויגער?

און שטייענדיג אויף דער בינע פלעגט ער אָפטמאָל בייסען די ליפּען און ריידען צו זיך אַליין:

„שלענג... עקדישען... יאַשטשערקעס... ווערים...״

ביי יעדער פאַרשטעלונג פון א צונויפגעשטשאַבעטער פּיעסע אין נעשאַנעל טעאַטער האָט ער זיך אויפגעגעסען א לעבעדיגער; ער האָט ניט געוואָלט, אז באַקאַנטע זאָלען אים זען שפּילען, און ווער ער פלעגט אַמאָל אין טעאַטער דערזען דאָס פּנים פון א באַקאַנטען, האָט ער זיך געפילט פּונקט ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי א פאַרברעכען...

איז איינמאָל ביי אזא פאַרשטעלונג ארויפגעקומען צו אים הינטער די קוליסען דער שוישפּילער לאַזאַר פריד, וועלכער איז אַלע מאָל געווען פאַרבונדען מיט דער באַוועגונג צו שאַפען א בעסער אידיש טעאַטער.

— מיסטער קעסלער, — האָט אים דער שוישפּילער געזאָגט גאַנץ אָפענהארציג, — עס רייסט מיר דאָס הארץ ווען איך זע אייך, דעם גרויסען קינסטלער דוד קעסלער, אין אזא נארישער, נישטיגער פּיעסע...

ווען קעסלער האָט דאָס דערהערט, האָבען זיך אים גלייך געשטעלט די טרערען אין די אויגען און אוועקרופענדיג פריד'ן אָן א זייט, האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע א בריף און געזאָגט: „נאַ, ליטוואַק, לייען!״

דאָס איז געווען א בריף פון א אידישען ארבייטער, וועלכער האָט פון קעסלער'ן שטארק געהאַלטען און קיינמאָל ניט פאַרפעלט אים צו זען אין א נייער פּיעסע. אין דעם בריף האָט דער ארבייטער פּשוט געזידעלט קעסלער'ן פאַר זיין שפּילען.

— זעסט, — האָט קעסלער געזאָגט, נאָכדעם ווי פריד האָט אי־בערגעלייענט דעם בריף, — זעסט, אָט דער בריף לאָזט מיך קיין

נעבעכ נישט שלאָפען... אָט דער בריף וועט מיך משוגע מאַכען... עס טרעפט, איך כאַפּ זיך אויף אין מיטען דער נאַכט און דערמאָן זיך אָן אָט דעם בריף, קען איך שוין מער ניט שלאָפען.. קען ניט... ער איז דאָך געווען א רוח אין זיין טאַטענס טאַטען!... איך מעג זיך שעמען!...

פון די אויגען האָבען זיך ביי אים געגאָסען טרערען און ער האָט פארשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט.

צו יענער צייט באַצייט זיך דער פאַל, וואָס לעאָן קאָברין דער־ציילט וועגען קעסלער'ן אין זיינע מעמוארען.

„איך דערמאָן זיך,“ — שרייבט קאָברין, — „עטליכע חדשים פאר זיין טויט טרעף איך אים ביי די אידישע אקטיארען. ער איז גע־זעסען ביי אַ טיש און גערויכערט א ציגאַר. ער האָט דאַן געשפּילט אין א געוויסען טעאַטער אין אַן אָפּערעטע.

„זעץ איך זיך אוועק לעבען אים און מיר צושמועסען זיך. דאַן פרעג איך אים:

— וואָס שפּילט איר איצט, קעסלער?

„קוקט ער מיך אָן מיט זיינע גרויסע, אויסדרוקספולע אויגען, אויף זיין באַזונדערען שטייגער גוטמוטיג־קאָמיש און מאַכט:

— וואָס איך שפּיל? איכ'ל אייך ווייזען.

„ער נעמט אַ „טוט־פּיק“ (ציין־העלצער) פונ'ם טיש, צעברעקעלט עס און לייגט אַ שטיקעלע אוועק לעבען זיך; דערנאָך געפינט ער א ברעקעל ברויט אויפ'ן טיש און רוקט עס צו צום שטיקעל טוט־פּיק; דאַן ווארפט ער נאָך צו צו דעם אַ גרייפּעלע פון א פארבייר־איקען טעלער, אַ שטיקעל אויסגעשמירט פּאַפּיר, וואָס ער הייבט אויף פונ'ם דיל, שיט צו צו דעם אביסעל זאַלץ, אביסעל פעפער, וואָס ער געפינט דאָ אויפ'ן טיש, שיט אויף דעם נאָך ארויף אַש פון אַ סי־גאַר, מישט דאָס אַלצדינג אוים מיט אַ פינגער, טוט אויף דעם, מחילה, אַ כראַקע מיט דער גאַנצער קראַפט, און מאַכט:

— דאָס שפּיל איך!

— וואָס איז דאָס?

— אונזערע אַן אַפּערעטעניו!*)

פאַרשלאָסען אין זיך, האָט קעסלער געשטיקט אַ גרויסע טראַ־געדיע אין הארצען און זיך אַרומגעטראָגען מיט געדאַנקען וועגען טויט...

דאָס איז קלאָר פון דעם וואָס פונקט אין יענער צייט האָט ער שטילערהייד פאַר זיך באַשטעלט אַ שטיקעל קרקע אויפ'ן בית עולם...

נאָך פריער האָט ער ביי איינינע געלעגענהייטען וועגען דעם פאַר־האַנדעלט, אָבער ער האָט דאָס אַלץ אָפּגעלעגט פון איין מאָל אויפ'ן אַנדערען, געזאָגט, אַז ער האָט נאָך צייט, געפּרואווט מאַכען שפּאַס פון דעם. אָבער איינמאָל, אין אַ מאָמענט, ווען ס'איז אים געווען זייער שווער אויפ'ן הארצען, איז ער אַוועק צו דעם מענשען, מיט וועלכען ער האָט וועגען קרקע פאַרהאַנדעלט, און ער האָט אים געזאָגט:

— האַלט פאַר מיר די קרקע... צוויי קברים... ווען איך וועל קומען צוריק פון דער פּראָווינץ, וועל איך פאַר דער קרקע באַצאָלען...

און דערביי האָט ער געבעטען:

— קיינער זאָל דערפון ניט וויסען! איך וויל ניט, אַז ס'זאָל אָנקומען צו מיין פרוי...

עפּעס ווי דאָס הארץ וואָלט אים געזאָגט, אַז דער סוף איז שוין נאָענט...

דער סעזאָן אין נעשאָנאַל טעאַטער, וואו ער האָט זיך געפילט ווי אַ פרעמדער און דערצו נאָך קיינמאָל ניט באַפרידיגט קינסטלעריש; דער ווייטאָג וואָס ער איז ווידער אַ נע־ונד'ניק אָן אַ היים, נאָכ־דעם ווי ער האָט אַזוי פיל יאָרען געהאָרעוועט און געטרוימט; פאַר־שידענערליי אַנדערע צרות, וואָס האָבען געטראָגען אַ ריין פּערזענלאַכען כאַראַקטער — אָט די אַלע זאַכען האָבען אים שרעקלאַך אויסגעמאַ־טערט און ער האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין רו.

---

*) לעאָן קאָברין, ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג, 1טער באַנד, ז. 223-24.

אָבער ער איז דאָך געווען געצוואונגען צו מאכען אלע נויטיגע פארבארייטונגען פאר א גאנצער ריי גאַסט־פארשטעלונגען אויף דער פּראָווינץ...

אים, דעם מענשען, וועלכער האָט שטענדיג געלעבט און געאָ־טעמט מיט טעאַטער, האָט זיך אויסגעוויזען, אז דוקא איצט, ווען ער פילט זיך אזוי שוואך, אזוי צובראָכען און אַזוי ענטוישט, טאָר ער ניט אויפהערען שפּילען. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אז דאָס וואָלט געווען א צוריקטריט ניט אויף א ווייל, נאָר אויף שטענדיג. ער האָט מורא געהאט, אז אזא צוריקטריט וועט אים נאָך פאררוקען אין א ווינקעל און ער וועט נאָך אפשר בלייבען א מין „לעבעדיגער מת" אויף דער אידישער בינע. צו א פּאָר פון זיינע נאָענטע פריינט האָט ער דאָן טאָקע געזאָגט, אז עס איז פאר אים קלאָר, אז אויב ער וועט איצט ווידער ניט א ר ו י ף, וועט ער זיכער א ר אָ פּ ביז ער וועט אינ־גאנצען פאלען. און פאר דעם האָט ער מורא געהאַט מער ווי פאר אלץ אין דער וועלט.

אומגעפער אין יענער צייט האָב איך אים איינמאָל געטראפען אין א קלוב אויף סעקאָנד עוועניו. דאָס איז געווען ביי אן אונ־טערהאלטונג פון אידישע שרייבער. איינינע אקטיארען האָבען גע־זונגען, אנדערע האָבען פּאָרגעלעזען, אלע זיינען געווען פריילאך. בלויז איין קעסלער איז געזעסען אין א ווינקעל אן אָנגעכמורעטער, א פאר־זאָרגטער, פּונקט ווי די גאנצע שמחה וואָלט אים גאָר ניט אנגעגאנגען. ערשט ווען מען איז צוגעשטאנען צו אים, ער זאָל אויך עפּעס פאָר־לעזען, אדער עפּעס זינגען, האָט ער זיך אין אָנפאנג געקוויינקעלט און דערנאָך האָט ער זיך עפּעס ווי ניט גערען אויפגעהויבען און אָנ־געהויבען זינגען זיין „מזמור לדוד".

„גם כי אלך בגיא צלמות לא — לא אירא רע".

און ביי אָט די ווערטער זיינען ביי אים די אויגען פול גע־ווארען מיט טרערען. מען האָט געזען, אז ער זינגט ניט צו אמור־

זירען אן עולם, נאָר אויסצודריקען א טיפען ווייטאָג, וואס שטיקט זיך אין זיין נשמה.

מען האָט אים שטארק אפּלאָדירט. אָבער אים איז דאָס ניט אנגעגאנגען. אויסוויישענדיג די אויגען האָט ער זיך צוריק אוועקגעזעצט אין א ווינקעל, ווידער אן אנגעכמורעטער, ווידער א פארזאָרגטער.

דאָנערשטאָג, דעם 6טען מאי, 1920, ווען דער טעאטער־סעזאָן אין ניו יארק איז שוין געווען געענדיגט, האָט דוד קעסלער אנגעהויבען שפּילען אין ברוקלינער ליריק טעאַטער. ער איז דאָרטען אנגאזשירט געווארען אויף צען פאָרשטעלונגען. אָנגעהויבען מיט יצחק זאלאטארעווסקי'ס א פּיעסע „אויף דער עלטער", און דאָס איבעריגע — יעקב גאָרדין'ס רעפּערטואר.

ביי דער פּראָבע פון „שלמה'קע שארלאטאַן" מיט די אַקטיאָרען פונ'ם ליריק טעאַטער, האָט לעאָן בלאנק איינמאָל געטראָפען קעסלער'ן הינטער די קוליסען. דערציילט בלאנק, אז ער האָט קעסלער'ן ניט דערקענט, אזוי חושך האָט ער אויסגעקוקט.

„עס איז מיר ניט גוט!... עס איז מיר נישט גוט!" — האָט קעסלער זיך געקלאָגט.

ער איז געווען בייז אויף די אַקטיארען, אויף אַלעמען, אויף דער גאנצער וועלט. און ער האָט זיך אַלץ געערגערט. זיך אַלץ אויפגעגעסען א לעבעדיגען.

דער פארזוך אים צו בארואיגען האָט ניט געהאָלפען. און ווען מען האָט אים געזאָגט, אז ער טאָר זיך ניט ערגערען, ווייל דער דאָקטאָר האָט דאָס אים פארווערט, האָט ער זיך גענומען קלאפּען מיט בײדע הענט איבער די קני.

— אָבער ווי אזוי קען מען דאָס? ווי אזוי קען מען זיך ניט ערגערען?...

דאָנערשטאָג בייטאָג, דעם 13טען מאי, האָט ער מיט די אַקטיארען געמאכט פּראָבע אין יעקב גאָרדין'ס „קרייצער סאָנאַטאַ". אין

מיטען דער פּראָבע איז ער אומגעפאלען און מען האָט אים גלייך געמוזט אוועקפירען אין אַ האָספּיטאל.

זיין אומפאלען אויף דער בינע האָט אויף די אקטיארען פונ׳ם ליריק טעאַטער געמאכט אַ שרעקלאכען איינדרוק.

אַ ריז איז געפאלען.

מיט דער זיכערקייט, אז קעסלער וועט שוין מער ניט קענען שפּילען, איז מען שוין געווען גרייט צו בייטען די פּראָגראַם און שטעלען אַן אַנדער פּיעסע. אָבער פארנאכט איז קעסלער געקומען אין טעאַטער און האָט געזאָגט, אז ער שפּילט היינט.

אין מיטען פונ׳ם פערטען אקט איז ער ווידער אומגעפאלען און מען האָט אים ווידער געמוזט אוועקפירען אין אַ האָספּיטאל.

די פאָרשטעלונג האָט מען געענדיגט אָן אים.

פרייטאָג אין דער פרי האָט מען אים אין האָספּיטאל געמאכט אַן אָפּעראַציע, און אין דעם זעלבען טאָג איז ער געשטאָרבען.

דאָס איז געווען דעם 14טען מאַי, 1920.

אַ לויה האָט ער געהאַט אַ גרויסע. איינע פון די גרעסטע לויות, וואָס מען האָט ווען געזען אין ניו יאָרק.

לויט די באַריכטען אין די צייטונגען זיינען ביי זיין לויה געווען אַ האלבער מיליאָן מענשען.

אָט ווי זיין לויה איז באשריבען געוואָרען אין אַ צייטונג:

„דאָס איז געווען די גרעסטע אידישע לויה, וואס ניו יאָרק האָט ווען געזען, און האָט געמאכט אַן איינדרוק, וואס וועט לאַנג בלייבען איינגעקריצט אין זכרון, וואס וועט קיינמאָל ניט פארגעסען ווערען.

„אַנגעפאַנגען האָט זיך די לויה עלף אזייגער אין דער פרי, ווען מען האָט ארויסגעטראגען דעם קערפּער פון דעם אקטיארען קלוב, און אים געפירט דורך דער ברייטער סעקאָנד עוועניו, אין דעם דוד קעסלער טעאַטער. אונאָפיציעל אָבער האָט זיך די לויה אנגעפאנגען פריער, אַ סך, אַ סך פריער, ווייל דער עולם איז געשטאַנען אין די גאסען פון גאַנץ פרי אָן צו זען ווי מען וועט זייער באַליבטען שוישפּי־

לער דורכפירען צו אָפּגעבען כבוד דעם, וואס האָט זיי פארשאפט אזוי פיל פארגעניגען.

„מען האָט געפירט דעם קערפּער איבער דער גאס און עס איז נאָכגעגאנגען די קאָמיטע פון אידישע שוישפּילער מיט בלומענקראנצען אין די הענט. עס זיינען אויך נאָכגעגאנגען די אידישע כאָריסטען. דער טעאטער איז שוין פון לאנג געווען פול איבערגעפּאקט — א גרויסער עולם איז געקומען צו דער לעצטער טראגעדיע, און ווען מען האָט דעם קערפּער אריינגעטראגען, האָבען די כאָריסטען אָנגעהויבען צו זינגען. דעם קערפּער האָט מען אריינגעטראגען דורך דער פּאָדערשטער טיר. דער זעלבער טעאטער, וואו קעסלער האָט אזוי לאנג געשפּילט, נאָר איצט איז ער געווען אן אנדערער, איצט האָט מען קעסלער׳ן אין טעאטער א ר י י נ ג ע ט ר אָ ג ע ן.

„די בינע — לייענען מיר ווייטער אין דעם זעלבען באַריכט, — איז געווען איינגעהילט אין שווארצען, און טרויער איז געלעגען אויף אַלעמענס פּנים׳ער. די כאָריסטען, אונטער דער לייטונג פון ה. בראָדי, האָבען ווידער געזונגען טרויעריגע שטיקער, פּאסיגע זאכען. ארום דעם אָרון, וועלכער איז געווען א געעפענטער, אזוי אז מען האָט ארויסגעזען דאָס געלע, איינגעפאלענע און איינגעדארטע פּנים פון דעם וואָס איז ערשט מיט עטלאכע טעג צוריק געווען א ריז, זיינען געשטאַנען די פאָרשטייער פון דער בינע: שוישפּילער, דראמאטורגען און דיריגענטען.

„יעקב פּ. אדלער האָט אָנגעהויבען ריידען. ער איז געווען דער ערשטער.

— דוד, חבר מיינער, דוד קעסלער, — האָט ער געזאָגט און האָט זיך צואווינט. — מיט צוויי און פערציג יאָר צוריק זיינען מירביידע געווען יונגע לייט. איך געדענק דיך זייט דאַן. דו האָסט געשטרעבט צו ווערען דאָס, וואָס דו ביזט שפּעטער געווארען. אָבער וויפיל צרות, וויפיל לײדען דו ביזט פון דאַן אָן ביז איצט אויסגעשטאַנען״.

ער האָט געזאָגט נאָך א פּאָר ווערטער וועגען קעסלער׳ס טאַ־

לאנט. ער האָט אָבער ניט געקענט ענדיגען. ער האָט זיך ווייטער צואוויינט און מען האָט אים געמוזט אפרייסען פונ'ם קאסטען.

דאַן האָט גערעדט שלום אַש. ער האָט גערעדט וועגען דער פאַמיליע פונ'ם טויטען און געזאָגט: „מיר קענען קעסלער'ן ניט אָפּדינען מיט קיין זאך, אָבער מיר זיינען א פאָלק, וואס פארגעסט ניט זיינע קינסטלער און ווען אין פאַלעסטינע וועט אויפגעבויט ווערען א אידישער טעאטער, וואו מען וועט לאָזען אויסקריצען די נעמען פון אלע גרויסע אידישע קינסטלער, וועלכע האָבען אויף דער וועלט ארומגעוואנדערט, ווי דאָס אידישע פאָלק אליין, דאַן וועלען מיר קעסלער'ן ניט פארגעסען און מיר וועלען דאָרט זיין נאָמען אויסקריצען".

אַזאַ נאַציאָנאַלער אידישער טעאַטער, וואו קעסלער'ס נאָמען זאָל זיין אויסגעקריצט צווישען די נעמען פון אַנדערע גרויסע אידישע קינסטלער, איז דערווייל נאָך אין ערגעץ ניט אויסגעבויט געוואָרען.

מוני ווייזענפריינד

מוני ווייזענפריינד

1

טאַלאַנט און כאַראַקטער.

עס איז אפשר נאָך צו פרי צו גיבען אַן אָפּשאַצונג פון מוני ווייזענפריינד'ס טאַלאַנט אַלס שוישפּילער.

מוני ווייזענפריינד איז נאָך זייער יונג; ער איז איצט אינ־גאַנצען נים מער ווי צוויי־און־דרייסיג יאָר אַלט; ער האַלט ערשט ביי דער סאַמע בליאונג פון זיין קאַריערע אַלס קינסטלער; פאַר אים זיינען איצטער אַ סך נייע וועגען אָפען און עס ווייזען זיך אים אַ סך נייע מעגלאַכקייטען פאַר דער ענטוויקלונג פון זיין טאַלאַנט.

און געוויינלאַך גיט מען אַן אָפּשאַצונג פון אַ קינסטלער ערשט דאַן ווען ס'ווערט אונטערגעצויגען די לעצטע שורה פון זיין אַר־טיסטישער ארבייט, ווען מען קען שוין פון אים קיין נייע, איבער־ראַשענדע זאַכען נים דערוואַרטען.

אין דעם פאַל אָבער דאַרף געמאַכט ווערען אַן אויסנאַם, ווייל מוני ווייזענפריינד האָט — איבער געוויסע אומשטענדען — אונטערגעצויגען די לעצטע שורה פון איין קאַפּיטעל אין זיין קאַ־ריערע און אויפגעמישט אַ נייעם בלאַט פון אַ נייעם קאַפּיטעל, ער האָט אויפגעהערט שפּילען אויף דער אידישע בינע און איז אַוועק אין די פילמס, וואו ער האָט מיט זיין ערשטען ארויסטריט — אין דעם פילם „דער מוטיגער" — באַגייסטערט די גאַנצע אמעריקאַ־נער ענגלישע קריטיק, וועלכע האָט אין איין קול צוגעגעבען, אַז אין זיין שפּילען איז פאַראַן „עפּעס אַזוינס", וואָס מען האָט נאָך ביז איצט אין די אַמעריקאַנער פילמס נים געזען.

עס איז זיכער נים זיין שולד וואָס ער איז פון דער אידישער

בינע אוועק. ער האָט די אידישע בינע אַלע מאָל ליב געהאַט; ער האָט אַמאָל אָן איר אַלע זיינע שענסטע טרוימען אָנגעהאנגען און אויף איר אַלע זיינע בעסטע האָפענונגען געבויט. אין די צען יאָר, וואָס ער האָט געשפּילט אין ניו יאָרק, האָט ער דער בעסערער אידישער בינע געדינט — קען מען זאָגן — געטריי און ערלאַך, אוועקגעבענדיג איר זיינע בעסטע כוחות און שאַפענדיג פאַר איר מיט אויפריכטיג קינסטלערישער התמדה.

עס זיינען אָבער געווען די ספּעציפישע אומשטענדען פון דער אידישער בינע אין אמעריקע, וואָס האָבען פאַר אים געשאַפען אַזאַ אַטמאָספערע, אַז ער האָט געמוזט דערפילען ווי ס'איז אים ענג, ווי די לופט שטיקט אים; און דאַן איז שוין געווען ניט מער ווי נאַ־טירלאַך, אַז דער קינסטלער אין אים זאָל זוכען אַן אויסוועג, אַז ער זאָל זיך ראַטעווען אַזוי שנעל ווי ער קען, און — עס איז געשען דאָס, וואָס ס'האָט געמוזט געשען: מוני ווייזענפריינד איז אַוועק אויף דער אַמעריקאַנער ענגלישער בינע, וואו די מעגלאַכקייטן זיינען זייער גרויס, און פון דאָרטען האָט מען אים אוועקגענומען אין די פּילמס, וואו די מעגלאַכקייטען זיינען נאָך גרעסער...

אין דעם צויבער־שטעטעל האָליוואָוד, וואָס אין דער זוניגער קאַליפאָרניע — אַ שטעטעל, וואוהין די אויגען פון טויזענטער און טויזענטער אַקטיאָרען איבער דער גאָרער וועלט, זיינען אָנגעשטעלט אַזוי שאַרף, איז מוני ווייזענפריינד — איצטער פּאָול מוני — איינער פון די גאָר אָנגעזעענע שוישפּילער אין די פּילמס.

געדענק איך ווי מיט עטלאַכע יאָר צוריק, ווען מען האָט אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע שטאַרק גענומען לויבען מוני ווייזענפריינד'ן אַלס זייער אַ טאַלאַנטפולען שוישפּילער, האָט ער, מיט דער סימפּאַטישער באַשיידענקייט, וואָס איז פאַר אים אַזוי כאַ־ראַקטעריסטיש, איינמאָל געזאָגט:

— איך גלויב ניט צי איך וועל אַמאָל האָבען אַ נאָמען אַלס אַקטיאָר... מיין נאָמען איז עפּעס אַזאַ פּשוט'ער, אַזאַ איינפאַכער,

אזא וואָכעדיגער, אַז ער פּאַסט זיך גאָר ניט פאַר אַן אַקטיאָר; מיט אַזאַ נאָמען קען מען פאַרקויפן שניפּסלאַך און אויבערשטע העמ־דער, וויבערשע מאַנטלען און מענערשע רעקלאַך, אָבער שפּילן אויף דער בינע מיט אזאַ נאָמען און נאָך ווערן באַרימט — דאָס איז אוממעגלאַך...

פאַר ווייזענפריינד'ן דעם אַנאַליטיקער, וועלכער האָט אַ טבע צו באַטראַכטען זיין אייגענעם טאַלאַנט דורך אַ גלאָז וואָס פאַרקלענערט זאַכען און ניט דורך אַ גלאָז, וואָס פאַרגרעסערט זיי, איז אַזאַ באַמער־קונג זייער כאַראַקטעריסטיש. פּונקט אַזוי ווי ער גריבעלט זיך אין זיין טאַלאַנט און באַציט זיך אָפּט צו אים מיט גרויס אומצוטרויען, אַזוי גריבעלט ער זיך אין זיינע געדאַנקען. און מיט דער באַמערקונג וועגן זיין אייגענעם נאָמען האָט ער ווירקליך אָנגערירט אַ גאַנץ וויכטיגען פּונקט.

אַ נאָמען פאַר אַן אַקטיאָר! — דאָס איז זייער אַ וויכטיגע זאַך.

אַ נאָמען פון אַן אַקטיאָר דאַרף ניט זיין גלאַט אַזוי אַ נאָמען; ער מוז אין זיך האָבען דעם קלאַנג, וואָס פּאַסט זיך פאַר טעאַטער, דעם חן, וואָס מאַכט אים קינסטלעריש־אייגנאַרטיג.

אויף דער רוסישער בינע האָט מען דאָס אַלע מאָל געפילט און ס'איז אפשר ניט בלויז אַ צופאַל, וואָס די נעמען פון די מערסטע אָנגעזעענע רוסישע אַקטיאָרען קלינגען אַזוי שיין, אַזוי טעאַטראַליש־חנ'עוודיג — אָרלעניעוו, קאַטשאַלאָוו, סטאַניסלאַווסקי, מאָסקווין, לעאָ־נידאָוו, וואַרלאַמאָוו — דאַכט זיך, אַז נאָר אַזוי מוזען הייסען דווקא אַקטיאָרען און ניט קיין אַנדערע מענשען.

און די וואָס האָבען געהייסען אַנדערש, די אין וועמעס נעמען עס האָט געפעלט דער טעאַטראַלישער קלאַנג, דער חן פון דער בינע, האָ־בען זייערע נעמען געביטען.

„מיט אַזאַ נאָמען וועט איר אויף דער בינע ווייט ניט אַוועק." — אַזוי האָט געזאָגט דער געניטער רוסישער טעאַטער־קענער אַלעקסעי סואוואָרין צו קאַטשאַלאָוו'ן, ווען ער האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט

דאָס ערשטע מאָל און אָנגעגעבען זיין אמת'ן נאָמען — וואסילי שווערובאָוויטש...

אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דער נאָמען מוני ווייזענ־פריינד האָט ניט אין זיך דעם ספּעציפיש טעאַטראַלישען קלאַנג, איז ער, אינ'ם משך פון א גאַנץ קורצער צייט, בעת ער האָט געשפּילט אויף דער אידישער בינע אין ניו יארק, געוואָרען ניט נאָר באַרימט, נאָר טאַקע באַליבט ביי דעם אידישען טעאַטער־פּובליקום, סיי ביי די, וואָס האָבען יאָ א חוש און א באַגריף פאַר אמת'ער טעאַ־טער־קונסט, און סיי ביי די, וואָס האָבען דאָס ניט.

און דאָס איז דערפאַר וואָס מוני ווייזענפריינד איז ניט נאָר א טאַלאַנטפולער אַקטיאָר, נאָר א גרויסער אַרטיסט, אַן אמת גאָט־געבענשטער קינסטלער. זיין שפּילען אויף דער בינע איז ניט נאָר גוט, נאָר איבערצייגענד — מען גלויבט אים.

אין אירע מעמוארען, וועלכע נעמען ארום א פּעריאָד פון זעקס און פופציג יאָר (1824־1870) אינ'ם לעבען פון דער רוסישער אינ־טעליגענץ, דערציילט אַוודאָטיא פּאַנאַיעוואַ, אַז ריידענדיג וועגען די צוויי רוסישע שוישפּילער, קאַראַטיגין און מאָטשאַלאָוו, האָט דער קריטיקער בעלינסקי געזאָגט:

„ווען מען זעט קאַראַטיגינ'ען אויף דער בינע, פאַרגעסט מען ניט קיין איין מינוט, אַז דאָס איז אַן אַקטיאָר; אין מאָטשאַלאָוו'ן אָבער שטעלט מען זיך פאָר דעם מענשען מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות.”*)

אין מוני ווייזענפריינד'ס שפּילען זעט מען אויך פריער פון אַלץ דעם מענשען מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיין לייד און פרייד; אַן דעם אַקטיאָר דערמאָנט מען זיך ערשט שפּעטער. און ווען ער, דער קינסטלער, רופט ארויס ביים צושויער א טרער דער־

*) אַוודאָטיא פּאַנאַיעוואַ (גאָלאָוואַטשאָווא), זכרונות, אונטער דער רע־דאַקציע און מיט באַמערקונגען פון קאָרני טשוקאָווסקי (רוסיש). זייט 93, לענינגראַד, 1927, פאַרלאַג „אַקאַדעמיע”.

מיט וואָס ער שאַפט אַ לײַדענדען מענשען אויף דער בינע, איז דאָס — באַוואוסט, אָדער אומבאַוואוסט — ניט נאָר אַן אויסדרוק פון מיטגעפיל צו דעם מענשען, וואָס לײַדעט, נאָר אויך אַן אויסדרוק פון פרייד און באַגייסטערונג פאַר ווייזענפריינד'ן דעם קענסטלער, וואָס שאַפט.

און דאָס הייסט אמת'ע שוישפּיל קונסט. דאָס איז טעאַטער.

וואָרים אין דעם אמת'ן קינסטלער דערפילט מען אַלע מאָל פריער פון אַלץ דעם מענשען, וואָס ער שאַפט אויף דער בינע, און ערשט דערנאָך דערמאָנט מען זיך אָן דעם אַקטיאָר. ווען מען דערפילט דעם מענשען, זיינע לײַדען, זיינע איבערלעבונגען, ווערט מען מיטגעריסען און עס שטעלט זיך אַ טרער אין אויג; אָט די טרער איז דער אויסדרוק פון מענשלאַכען מיטגעפיל; דאַן דערמאָנט מען זיך אָן דעם אַקטיאָר, און דיזעלבע טרער ווערט דער אויסדרוק פון פרייד און באַגייסטערונג פאַר דעם קינסטלער, וואָס שאַפט אַזעלכע וואונדער.

אַזאַ איבערצייגענדע שוישפּיל קונסט אויף דער בינע איז מוני ווייזענפריידנ'ס.

ער צערודערט דעם צושויער, ער צורייצט זיין פאַנטאַזיע, ער געווינט ביי אים אַזוי פיל צוטרויען, אַז יענער לאָזט זיך פירען אין גאָר אַן אַנדער וועלט; מיט דעטאַלען, וואָס ער אַרבייט אויס קינסטלעריש, אויספילענדיג וואו נאָר ערגעץ אַ חלל, קריצט ער שאַרף אַריין דעם געשאַפענעם העלד אינ'ם זכרון פונ'ם צושויער. און דערמיט דערקלערט זיך אפשר דער פאַקט, וואָס מען קען אַמאָל פאַרגעסען דעם נאָמען און אויך דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע, אין וועלכער מוני ווייזענפריינד האָט געשפּילט, אָבער מען וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם מענשען, וואָס ער האָט אין דער פּיעסע געשאַפען.

די טיפען, די געשטאַלטען, וואָס ער האָט אויף די ברעטער פון אונזער בינע אַרויפגעבראַכט אין די קנאַפּע צען יאָר, וואָס ער האָט געשפּילט אין ניו יאָרק, לעבען נאָך ביז היינטיגען טאָג אין דער פאַר־

שטעלונג פון די מענשען, וועלכע האָבען דעם יונגען קינסטלער גע־זען; זיי שוועבען נאָך איצט ווי לעבעדיגע פאַר די אויגען; זיי קען נען פון זינען ניט ארויס.

„איוואַן איוואַנאָוויטש", אין שלום־עליכם'ס „שווער צו זיין א איד"; „אָסיפּ", אין גאָגאָל'ס „רעוויזאָר"; „קאָפּעל", אין שלום־עליכם'ס „דאָס גרויסע געווינס"; „דער קאָמיקער", אין ניקאָלאַי יעוור־רעאינאָוו'ס „די הויפּטזאַך"; „דוד לייזער", אין לעאָניד אַנדרעיעוו'ס „אַנאַטעמע"; דער רעוואָלוציאָנער געשטימטער אריסטאָקראַט, אין ראָ־מעין ראָלאַן'ס „וועלף".

און נאָך און נאָך ראָלען, וואָס מוני ווייזענפריינד האָט ווי מאָנומענטאַל־אויסגעהאַקטע פיגורען איבערגעלאָזען אין איינעם פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אידיש טעאַטער אין אמע־ריקע. מען קען זיי ניט פאַרגעסען, און אַלע מאָל, ווען מען דער־מאָנט זיך אין זיי, ווערט דאָס הארץ אָנגעפילט מיט פרייד און ס'גלוסט זיך צו זען אין זיי ווייזענפריינד'ן — דוקא אים און ניט קיין אַנ־דער'ן — נאָך אמאָל און נאָך אמאָל.

אפילו אין שלעכטע פּיעסען האָט מוני ווייזענפריינד ניט גע־קענט שפּילען שלעכט. ווי אומגעלומפּערט און אומנאַטירלאַך א פאַ־טענטירטער דראַמען־פאַרפאַסער האָט ניט צונויפגעשטשאָבעט זיין „העלד" — ווען ווייזענפריינד האָט אים געשפּילט, איז ער ארויסגע־קומען נאַטירלאַך, מענשלאַך און סימפּאַטיש.

וואָרים מוני ווייזענפריינד דער קינסטלער האָט א חוש ניט נאָר פאַר קונסט, נאָר אויך פאַר מענשלאַכקייט...

ער מוז פריער פון אַלץ מאַכען א מ ע נ ש ע ן פון דעם העלד. וואָס ער שפּילט; ערשט דאַן הויבט ער אים אָן שאַפען קינסטלעריש.

די קלענסטע ראָל וואַקסט ביי אים אויס גרויס.

די אומוויכטיגסטע געשטאַלט מאַכט ער אויף דער בינע וויכטיג.

אין דעם אומסימפּאַטישסטען העלד, פון וועלכען אַלע ווייכען אין לעבען, קען ער, דער מייסטער פון דעטאַלען, וועלכער דערמאָנט

אין דעם פּרט דעם גרויסען שוישפּילער איוואַן מאָסקווין, געפינען און אַרויסברענגען אַזאַ שטריך, וואָס זאָל אַרויסרופען אַ וואַרימען געפיל צו דעם מענשען, וואָס איז אין גרונד פאַרדאַרבען.

ער איז פון דעם מין שוישפּילער, וועלכע כשופ׳ן אוים געשטאַל־טען אויף דער בינע.

ער איז דער קינסטלער, וואָס באַווייזט וואונדער מיט זיין גרוי־סען שוישפּילערישען טאַלאַנט.

„דער טעאַטער — דאָס איז דער אַקטיאָר. די טעאַטראַלישע קונסט — איז אַ בינען־קונסט" — פון אָט דעם כלל, וואָס ניקאָלאַי עפראָס האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין גרויסען בוך „דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער" און אין אַ סך אַנדערע אַרבייטען זיינע,*) האָט מוני ווייזענפריינד אַלע מאָל שטאַרק געהאַלטען. ער האָט אין דעם פּרט — פּונקט ווי נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ — געגלויבט, אַז דער אַקטיאָר דאַרף זיין דער ק ע נ י ג אויף דער בינע.

און פּונקט ווי די מערסטע גרויסע קינסטלער שעצט מוני ווייזענ־פריינד זיך אַליין ניט אָפּ גענוג; ער איז צו זיך אַליין דער שטרענג־סטער קריטיקער. און דאָס ברענגט אים דערצו, אַז ער זאָל אַלץ מער און מער אַרבייטען איבער זיך.

די נידעריגע זעלבסטאָפּשאַצונג הויבט אַלץ העכער זיין אַמבי־ציע...

וואָס ווייניגער ער גלויבט אין זיינע אייגענע כוחות, אַלץ גרע־סערע צילען שטעלט ער זיך.

ער האַלט אין איין פּרואווען און אויספּרואווען זיין טאַלאַנט. פּונקט ווי ער אַליין וואָלט זיך מיט אָט דעם טאַלאַנט ניט אָנגעקערט. נעמט ער און צייכענט אָן אַ ליניע — „אַנו, אַזוי ווייט וועסטו קענען גיין?... און וואָס וועט זיין אויב נאָך ווייטער און נאָך ווייטער?"...

*) זע זיין בוך „דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער" (1898-1923), אַרויס־געגעבען (רוסיש) פון רעגירונגס פאַרלאַג, אין 1924.

ער רוקט די אָנגעצייכענטע ליניע אַלץ ווייטער און מעסט אַלץ די כוחות פון זיין טאַלאַנט.

און אַפילו דאַן, ווען אַנדערע זיינען צופרידן פון די רעזולטאַטען, וואָס זיין פּרואוו ברענגט אַרויס, איז ער אַליין ניט צופרידען. ווען מען לויבט אים זייער שטאַרק, ווען מען שרייבט, אַז ער איז אין זיין

מוני וויזענפריינד, אין דער ראָל פון דזשעימס דאַיק (פילם).

ראָל געווען גלענצענד, אויסגעצייכענט, רוקט ער אַריין דאָס אַנאַליטישע שאַרפע מעסער אין דער אייגענער נשמה, און שניידענדיג שטיקער פון זיין אייגען געשאַפענער ראָל, באַווייזט ער אַז:

„ס'איז אַלץ ניט דאָס וואָס איך האָב געוואָלט... עס האָט גע־דאַרפט זיין בעסער... אַ סך בעסער"...

און אַמאָל איז ער זיך גאָר אינגאַנצען אַליין מבטל.

„וואָס, — זאָגט ער, — כאַפּט מען דאָס אַזאַ התפּעלות? אַלץ וואָס איך טו אויף דער בינע, איז דאָך ניט מער ווי קונצעלאַך... קונצעלאַך — דאָס אַלעס!"

אָדער:

„פאַר וואָס, מיינט איר, שפּיל איך מערסטענטיילס צוריקגע־האַלטען און שטיל? ווייל איך האָב אַ שוואַך האַרץ... ווען דאָס האַרץ וואָלט ביי מיר ניט געווען שוואַך, וואָלט איך אפשר ניט גע־שפּילט אַזוי צוריקגעהאַלטען און איך וואָלט זיך פאַרגונען צו מאַכען קולות... דער באַוואוסטזיין, אַז איך האָב אַ שוואַך האַרץ, האַלט מיך צוריק, צוימט מיך..."

און אַמאָל אַזוי:

„איר מיינט, אַז דער קריטיקער, וואָס האָט מיך געלויבט, איז טאַקע אויסען געווען מיך צו לויבען? עס קען דאָך גאָר זיין אַזוי אויך: אַ שרייבער — האָט ער געזוכט אַ גוטע טעמע אָנצוטשע־פּען אָן איר די געדאַנקען, וואָס האָבען אים געקאָרטעט, איז אים גראָד איינגעפאַלען, אַז איך בין דאָס די גוטע טעמע און אַז אָן דעם אופן פון מיין שפּילען וועט ער קענען אָנטשעפּען די געדאַנקען, וואָס ער וויל אַרויסזאָגען".

און דאָס איז ניט גלאַט אַזוי אַ „שוואַכקייט" זיך צו חנ'דלען. דאָס קומט גיכער פון דעם, וואָס מוני ווייזענפריינד שטעלט זיך אַליין גרויסע פאָדערונגען.

אַזוי איז ער ניט נאָר אַלס אַקטיאָר, נאָר אויך אַלס מענש. ער קען קיינמאָל ניט זיין אינגאַנצען צופרידען; אים פעלט אַלע מאָל עפּעס; ער געפינט פּגימות אפילו דאָרטען וואו זיי זיינען נישטאָ, אָדער וואו זיי זיינען אַזוי קליין, אַז קיינער באַמערקט זיי גאָר ניט.

און ווייל ער האַלט שטענדיג אין זוכען די גאַנצקייט, וואָס איז

אזוי שווער צו געפינען אין דער ווירקליכקייט, איז ער אָפּט מאָל אַ שווערער מענש. ווי די מערסטע קינסטלעריש־קאָמפּליצירטע נאַטורען.

אַליין דוקא אַ גוטער בטבע, מיט די אַלע נויטיגע מעלות, וואָס גוטע מענשען האָבען געוויינלאַך, איז ער אַמאָל אַ שלעכטער און אַ בייזער.

אָבער די שלעכטקייט און די בייזקייט זיינען ביי אים גיכער אַ שטימונג, ניט קיין איינגעבאָרענער געפיל.

ער האָט ליב גוטע מענשען, אָבער זיי לאַנגווײַלען אים צייטענ־ווייז, ווייל פּונקט ווי אין קונסט, אזוי האָט ער אויך אין לעבען ליב די פאַרשידענאַרטיגקייט אין שטריכען, די רייכקייט אין קאָלירען. און אין די מענשען, וועלכע זיינען אַלע מאָל גוט און קיינמאָל ניט שלעכט, זעט ער בלויז דעם שטריך פון גוטסקייט, וואָס וואַרפט זיך צופיל אין די אויגען, אָן אַ שאָטען פון אַן אַנדער שטריך, וואָס זאָל בייטען דאָס געשטאַלט.

ער גלויבט, אַז פּונקט ווי אין אַ ליטעראַריש ווערק פון אַ גרויסען מייסטער, אזוי האָט אויך אין לעבען יעדער מענש אַ סך שעהנ־קייט; אָבער די שעהנקייט קען זיך אויסדריקען ניט אין איינזייטיג־קייט, נאָר אין פילזייטיגקייט.

ער אורטיילט מענשען און קינסטלער ניט נאָר לויט זייערע מעשים, נאָר אויך לויט זייערע נייגונגען און כונות. און אַזוי ווי ער האָט אין אַלעם זיין אייגענעם קריטעריום, וואָס וועבט זיך אויס אין זיין קאַפּריזנעם מוח, איז דאַריבער צייטענווייז זייער שווער יוצא צו זיין פאַר אים, איז דאַריבער צייטענווייז זייער שווער אויסצוקומען מיט אים; האָט ער אַמאָל ליב די מענשען, וואָס טוען אים שלעכטס און פילט זיך מאָדנע אין דער געזעלשאַפט פון די מענשען, וואָס טוען אים גוטס.

דאָס ווענדט זיך ווי אַזוי דאָס גוטע, אָדער דאָס שלעכטע ווירקט אויף אים.

אויב דאָס גוטע האָט ניט אין זיך קיין עכטקייט, אויב עס דער־גייט ביז פריקרעקייט, איז דאָס אים ניט צום הארצען, און ער האָט ניט ליב דעם מענשען, וואָס טוט אים די טובות, און ער ווייזט דאָס אָפען ארויס אפילו דאן ווען ער דארף צו יענעם מענשען אָנקומען.

און אויב דאָס שלעכטע וואָס איינער טוט אים, האָט ניט אין זיך קיין קליינלאכע מאָטיווען, אויב יענער מענש ווייזט דערביי ארויס פעסטקייט אין כאראקטער, וועט ער אויף אים קיין שנאה ניט טראָגען, און אפילו דאן ווען ער וועט זיך געגען אים פארמעסטען, וועט ער אויך קוקען אויף אים מיט גרויס אכטונג און וועט אים באטראכטען ווי א ווירדיגען שונא.

ער האָט גאָר ניט ליב זיך צו טרעפען צו אָפט מיט די מענשען, וועלכע האָבען אים א סך ארויסגעהאָלפען אין זיין קאריערע אדאנק דעם וואָס זיי האָבען אלע מאָל זייער שטארק געהאלטען פון אים, ווייל אים דוכט זיך רק אויס, אז דערמיט אליין האָבען זיי אים פארפליכטעט צו זיך און אז ער וועט זיך אפשר איבער דעם אין זייער געזעלשאפט מוזען האלטען אזוי אז ער זאָל די דאָזיגע פארפליכטונג ארויסווייזען. ביי זיך אין הארצען איז ער זיי טאקע דאנקבאר; ביי זיך אין האר־צען גארט ער אפשר נאָך א געלעגענהייט די דאנקבארקייט אויסצור־דריקען. אָבער טרעפען זיך מיט זיי אָפט וויל ער פונדעסטוועגען ניט. און ווען ער טרעפט זיך יאָ מיט זיי, פילט ער זיך אין א פארלעגענ־הייט; און אזוי ווי ער איז זייער סענסיטיוו, טרייבט דאָס אים אריין אין א שלעכטער שטימונג און ער איז בייז, און אין אזא מאָמענט האנדעלט ער ניט אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט און אמאָל ניט אזוי ווי ער וואָלט געדארפט.

זאָל זיך מוני ווייזענפריינד טרעפען מיט א קריטיקער וואָס האָט אים שטארק געלויבט, וועט ער זיך פילען אין א שרעקלאכער פאר־לעגענהייט, וועט דאָס ביי אים זיין א מורא'דיגע אָפקומעניש.

דאנקען דעם קריטיקער?

פאר וואָס?

האָט דען יענער ניט אויסגעדריקט זיין אויפריכטיגע מיינונג?
איז דאָס דען געווען אַ פראַגע וועגען טאָן אַ טובה?

וועט דאָך יענער דעם דאַנק נאָך אפשר אָננעמען פאַר אַ באַ־לײדיגונג?

און אויב ער וועט דאָס ניט אָננעמען פאַר אַ באַליידיגונג, וועט דאָס דאַנקען גלאַט אַרויסקומען נאַריש.

און וואָס־וואָס — נאַריש האָט ווייזענפריינד זייער ניט ליב אויס־צוזען!

זאָל ער אפשר פּרואווען אַ זאָג טאָן דעם קריטיקער אין אַ גוט־מוטיגען טאָן, אַז ער האָט אים צופיל געלויבט, וועט נאָך יענער נעמען פּרואווען באַווייזען, אַז ס'איז ניט געווען צופיל, און דאָס וועט זיין נאָך ערגער.

און אַזוי איז דאָס ניט נאָר מיט קריטיקער, נאָר אויך מיט אַנ־דערע מענשען, וועלכע לויבען אים.

און ווייל מוני ווייזענפריינד שלאָגט זיך אָן אָן אַזעלכע פאַר־לעגענהייטען ביי געוויינלאַכע זאַכען, וואָס זיינען אַ טייל פון דעם לע־בען ביי אַקטיאָרען, ווייל זיין נאַטור איז אַזוי קאָמפּליצירט, אי אַלס קינסטלער, אי אַלס מענש, איז דאַריבער אַמאָל זייער שווער מיט אים אויסצוקומען, און אין די טעאַטער־קרייזען קען מען גאַנץ אָפט פון דעם און פון יענעם הערען אַזאַ באַמערקונג:

„מוני ווייזענפריינד — אַן אַקטיאָר איז ער, זאָל איך האָבען אַזאַ יאָר. אַ מענש אָבער איז ער, זאָלען מיינע שונאים האָבען אַזאַ יאָר!"

אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף, האָבען אים אַלע ליב; אפילו די וואָס האָבען אין דער פּראָפעסיע געהאַט צוזאַמענשטויסונגען מיט אים, אפילו די וואָס האָבען זיך מיט אים געקריגט, האָבען אים ליב און שע־צען הויך זיין טאַלאַנט.

2

בעסער טעאטער און — בעסערע טעאטער־געביידעס.

עס איז אויף מוני ווייזענפריינד'ס גורל אויסגעפאלען, אינ'ם משך פון קנאפע צען יאר, איבערצולעבען די בעסטע און אויך די ערגסטע צייט פונ'ם אידישען טעאטער אין אמעריקע. אין זיין וואקסען האט ער דורכגעמאכט די עליה און אויך די ירידה פון דער אידישער בינע. אנגעהויבען האט ער אין ניו יארק אין א צייט, ווען עס איז געווארען אן ערנסטע באוועגונג פאר דער בעסערער אידישער דראמע, און געענדיגט האט ער דארט אין א צייט, ווען עס איז געווארען א בהלה פאר בעסערע און שעהנערע טעאטער־געביידעס...

דער אפעטיט איז געקומען מיט'ן עסען. נאך די יארען פון שפע האט די צאל פון אידישע טעאטערס אין ניו יארק אנגעהויבען ווערען אלץ גרעסער און גרעסער; עס זיינען צום אידישען טעאטער צו־געשטאנען אזעלכע אונטערנעמער, וועלכע זיינען דער עיקר'שט אויסען געווען געשעפט און האבען זיך זייער ווייניג אינטערעסירט מיט דער ליטערארישער און קינסטלערישער זייט פון דעם פאך, און אזוי ווי מען האט געדארפט קאנקורירען מיט דער רייכער בראדוועי, האט מען גענומען נאכקרימען די אויסערלאכע זייט פון דער בראדווייער טעאטער־וועלט; עס איז געווארען א געיעג ווער וועמען עס וועט אי־בערשטייגען מיט א רייכערער און שענערער טעאטער־געביידע, מיט א רייכערער אויפפירונג. די אויסערלאכע זייט איז געווארען דער עיקר און די אינערלאכע זייט — דער טפל. בעזגראמאטנע דראמען־מאכער פון ביליגען שניט — בעלי מלאכות, וועלכע שטשאבען צו־נויף א „פיעסעלע" מיט תכריכים־שטעך, גנב'ענענדיג אן אינהאלט פון

א גראָשענדיגען פילם און סצענעס און סצענקאַלעך פון א פּאָר אַנ־דערע פילמס, זיינען געוואָרען די געשוואָרענע ליפעראַנטען פאַר דער אידישער בינע, און זיי האָבען ניט געהאַט קיין שוועריגקייטען אָפּ־צושטעקען זייערע „מייסטערווערקע“, ווייל די מערסטע בעלי בתים פון די טעאַטערס, אַליין פּשוט'ע מענשען מיט זייער וויניג וויסען און נאָך וויניגער טעאַטער־קענטעניש, האָבען אָנגעקוואָלען און גע־לעקט די פינגער פון די „שיינע מעשיות“, וואָס מען האָט פאַר זיי פאַרגעלעזען, און — עס איז אוועק א גאַנג פון טעאַטער־שטיק, וואָס זיינען געראָטען איינס אָן אַנדערען און שיידען זיך אויף א האָר ניט אונטער איינס פונ'ם אַנדערען.

אין יעדער פּיעסע איז אַ מיידעל — א כשר'ע אידישע טאָכ־טער, ס'פאַרשטייט זיך — פאַרפירט געוואָרען פון א גענגסטער, א באַנדיט, א ימח־שמו'ניק, און זי, די כשר'ע אידישע טאָכטער, האָט געוויינט און געקלאָגט און געבראָכען פּיסקעס דאַרויף, וואָס מען האָט ביי איר „גערויבט די ערע“, און דערביי האָט זי דערציילט דער גאַנ־צער וועלט, אַז זי טראָגט שוין די „פרוכט פון ליבע“ אונטער איר ברוסט.

אָן א „גערויבטער ערע“ האָט זיך קיין אידישע פּיעסע גאָר ניט אָנגעהויבען, און ביים שלום פון אַן אקט האָט געמוזט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קנאַקען — דער טאַטע זאָל וואַרפען דער מאַמע'ן א בענקעל אין קאָפּ, די פאַרפירטע טאָכטער זאָל זיך שיער־שיער ניט דערשיסען, און דער ברודער זאָל דער'הרג'ענען דעם פאַרפירער פון דער שוועסטער...

שיסען און הרג'ענען האָט מען זיך געמוזט.

און כדי אַלעס זאָל פאָרקומען אין א רייכער „אומגעבונג“ האָט מען דעם אינהאַלט צוגעטשעפּעט וואוהין מען האָט נאָר געקענט.

און אין דעם איז אויך פאָרגעקומען א גרויסע קאָנקורענץ, און איינער האָט דעם אַנדערען געפּרואווט איבערשטייגען אין „אויס־שטאַטונג“.

האָט זיך אין איין טעאַטער אָפּגעשפּילט די „דראַמע" אין אַ זאַל, וואו אַלעס שיינט און בלישטשעט מיט „פּראַכט און גלאַנץ", האָט מען אין אַן אַנדער טעאַטער שוין געזען, אַז די „דראַמע" זאָל זיך אָפּשפּילען אין אַ גאָרטען. און ווען איינער האָט געוואָלט נאָך מער איבעראַשען האָט ער אַרויפגעזעצט די „דראַמע" אויף אַ שיף און — זאָל זי זיך דאָרטען אָפּשפּילען!...

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע סדרה — לענדער. און נאָך וואָס פאַר לענדער! לענדער און מדינות. און אַלץ אַזעלכע, וואו מענשען טוען זיך אָן אין ראַשיגע קליידער מיט אַ סך קאָלירען.

האָט מען זיך אין איין טעאַטער אַנגעכאַפּט אָן קאַווקאַז, האָט מען זיך אין אַ צווייטען טעאַטער אַנגעכאַפּט אָן מעקסיקאָ.

האָט מען אין איין טעאַטער זיך צוגעטשעפּעט צו שפּאַניען, האָט מען זיך אין אַ צווייטען טעאַטער פלייסיג אַרויפגעוואָרפען אויף פּאַלעסטינע.

און וואָס איז מיט טיבעט? מיט אַלאַסקאַ? מיט די הרי חושך און מיט'ן סמבטיון?

עס איז נאָך געווען אַ גליק וואָס קיינער פון די פּאַטענטירטע „דראַמאַטורגען" און אימפּאָרטירטע „שטערן" איז קיינמאָל אין יענע מקומות ניט געווען און קיינמאָל וועגען יענע מקומות גאָר ניט געלייענט... ווען ניט דאָס וואָלט מען שוין ווי עס איז צוגעטשעפּעט עפּעס אַ „מייסטערווערקעל" אַהין אויך, און מען וואָלט דערווייל געהאַט אַ געלעגענהייט צו גיבען אַ „רייכע אויסשטאַטונג".

דעם בעסערען אידישען שוישפּילער האָט אָנגעהויבען ווערען ענג. די אַטמאָספערע האָט אָנגעהויבען שטיקען.

האָבען איינינע גענומען מאַכען פּשרות מיט זיך אַליין; כדי ניט צו פאַרוואַרפען די ציין אויף די באַנטעס און אינגאַנצען ניט אַרויסגעשטויסען ווערען, האָבען זיי פאַררוקט די אַמביציעס אָן אַ

זייט, זיך אָפּגעזאָגט פון די אַמאָליגע חלומות און זיך צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדען.

אַפילו אַזאַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר ווי לודוויג זאַץ האָט — אפשר מיט אַ פאַרדרוס אין הארצען — פּאַררוקט זיינע קינסטלע־רישע אַמביציעס אָן אַ זייט און זיך אַריינגעוואָרפען אין דער בהלה פון כאַפּ־לאַפּ שפּיל, און ווען מען זעט ווי זיין טאַלאַנט שיינט אַרויס אַפילו אין אַזאַ שפּיל, פאַרדריסט נאָך מער.

דאָס איינציגע ווינקעלע, וואָס איז דאַן געבליבען פאַר דעם בע־סערען אידישען אַקטיאָר איז געוועזן מאָריס שוואַרץ'ס אידישער קונסט־טעאַטער.

זיינען אָבער אין אַמעריקע די אומשטענדען אַזעלכע, אַז מאָריס שוואַרץ קען זיך ניט האַלטען ביי דער טראַדיציע, אַז אַ קונסט־טעאַטער דאַרף איינבירגערען די אַקטיאָרען אין זיך און וואַקסען צוזאַמען מיט זיי. בייט ער אַלע מאָל דעם פּערסאָנאַל פון זיין טרופּע, און עס איז שוין קיין נייס ניט, אַז מען זאָל אין זיין טעאַטער גאָר פּלוצלונג דערזען אַזאַ אַקטיאָר, אָדער אַזאַ אַקטריסע, וואָס איז גאָר אַלע יאָרען געווען פאַרבונדען מיט אַזעלכע טעאַטערס, וואו מען האָט אויפגעפירט פּיעסען, וועלכע האָבען ניט די מינדסטע שייכות מיט קונסט, און דוקא די אַקטיאָרען, וועלכע פּאַסען זיך פאַר זיין טעאַטער, זאָלען שפּילען ערגעץ אַנדערש.

האָט טאַקע מוני וויזענפריינד, אין די עטליכע יאָר, וואָס ער איז געווען אויף דער אידישער בינע אין ניו יאָרק, געוואַנדערט פון איין אידיש טעאַטער אין אַנדערען; ער האָט איין סעזאָן אַפילו געפּרואווט זיינע כוחות אין אָן אָפּערעטע, אין וועלכער ער האָט געשפּילט עפּעס אַ באַראָן; ער האָט אויך געשפּילט אין אוירווינג־פּלעיס און אין נעשאָנאַל טעאַטערס און אויך ביי מאַקס גאַביל, וואו מען שפּילט גע־ווינלאַך פּיעסען פון דעם שניט, וואָס דער פאַרשטאָרבענער דוד קעסלער פלעגט אָנרופען „טראַך־טאַראַ־ראַך פּיעסען". ער האָט זיך אָבער אַלע מאָל געטוליעט צום אידישען קונסט־טעאַטער, וואו

ער האָט געקענט זיין דער ריכטיגער אקטיאָר אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ.

די אומשטענדען זיינען אָבער ניט אַלע מאָל געווען גינסטיגע, און ווען מוני ווייזענפריינד האָט דערפילט, אז ס'ווערט אים צו־ענג אויף דער אידישער בינע, איז ער פון איר אוועק, ווארימענדיג, אפשר, אין דער נשמה דעם וואונש זיך אומצוקערען צו איר צוריק, ווען די אומשטענדען וועלען זיין מער גינסטיג...

אָבער זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען אין די קנאַפּע צען יאָר אין ניו יארק האָבען אים אויפגעהויבען אזוי הויך, אַז אין דער גע־שיכטע פון אידישען טעאטער אין אַמעריקע וועט ער פארנעמען זייער אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ; מען וועט זיך אויף אים אָפּשטעלען ווי אויף אַ ליכטיגער דערשיינונג אין דער אידישער טעאטער־קונסט, און אַלע מאָל, ווען מען וועט שרייבען וועגען גרויסע אידישע שוישפּילער, וועט מען מוני ווייזענפריינד'ס נאָמען אוועקשטעלען אין דער ערשטער ריי.

די צען יאָר אין ניו יארק זיינען געווען די ענטשיידענדע אין דער קאַריערע פון דעם יונגען קינסטלער, און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס דער ענטשיידענדער קאַפּיטעל אין זיין קאַריערע איז געקומען דורך אַ צופאַל, אויף וועלכען ער אַליין האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט גערעכנט.

אָבער איידער איך גיב איבער ווי אַזוי דער צופאַל איז געשען וועל איך זיך אָפּשטעלען אויף איינינע ביאָגראַפישע איינצעלהייטען.

3

אַ קינד אין ראָלען פון אַלטע לייט.

מוני (משולם מאיר) וויזענפריינד איז געבאָרען געוואָרען אין לעמבערג, אין סעפּטעמבער, 1897. זיין פאָטער, פיליפ (נחום פייוועל) וויזענפריינד, איז געוועזן איינער פון די ערשטע אידישע אַקטיאָרען אין גאַליציען, און פּונקט ווי אַ סך אַנדערע אידישע אַקטיאָרען אין יענער צייט, איז ער געקומען צו דער בינע פון׳ם חזנ׳ישען עמוד. געבאָרען (אין 1860) אין נאַדוואָרנא, דעם באַרימטען צענטער פון חסידות, ביי אַ פאָטער, וועלכער איז געוועזן אַ פרומער איד, אַ חסיד, און אַ גאַנץ פאַרמעגלאַכער סוחר, האָט נחום פייוועל געקראָגען אַ פיינע אידישע ערציאונג, און זיינע עלטערען האָבען געהאָפט, אַז ער וועט אויסוואַקסען אַ למדן, אַ פרומער איד און וועט ניט נאָר גיין אין די וועגען פונ׳ם פאָטער, נאָר ער וועט אים נאָך אַריבערשטייגען, ווייל ער וועט אודאי זיין אַ רב ערגעץ אין אַ אידישער קהלה. נחום פייוועל וויזענפריינד האָט אָבער פון קליינערהייד אָן אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע ניי־גונג צו נגינה, און ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגעל איז ער געוואָרען אַ משורר ביי אַ חזן.

דער פאָטער איז ניט געווען זייער שטאַרק צופרידען דערפון; פאַר אים איז דאָס געווען ניט קיין קליינע ענטוישונג; זיין מיי־נונג איז געווען, אַז אויב דער זון וועט ניט אויסוואַקסען קיין רב, אויב ער וועט ניט זיין קיין למדן, זאָל ער שוין בעסער אויסוואַקסען אַ סוחר, אָבי ניט קיין חזן, וואָס דאַרף אָנקומען צו דער לאַסקע פון די בעלי בתים אין שטעדטעל. די מוטער אָבער האָט אַנדערש גע־קוקט דאַרויף; איר האָט עס דוקא הנאה געטאָן וואָס פייוועלע איז

א משורר, און אין א יום טוב, ווען זי האָט אין שול געזען ווי אַלע קוועלען אָן פון פּיוועל׳ס שטימעלע, האָט זי געפילט ווי דאָס האַרץ באָדט זיך איר ממש אין נחת און זי האָט געקענט זען בחוש ווי אַלע ווייבער זיינען זי מקנא.

פּיוועל ווייזענפריינד איז אָבער ביים עמוד ניט געבליבען. עס האָט אים אָנגעהויבען ציען צו דער בינע, איז ער שפּעטער אריין צו טרייטלער׳ן אין דער טרופּע אַלס א כאָריסט און נאָכדעם איז ער געוואָרען אַן אַקטיאָר.

אויך מוני׳ס מוטער — סאַלטשע ווייזענפריינד — איז געווען פארבונדען מיט דער אידישער בינע נאָך אין יענע יאָרען ווען דאָס אידישע טעאַטער איז געווען צוּוואָרפען איבער דער גאַנצער וועלט און אין ערגעץ קיין ריכטיגע היים ניט געהאַט. ביידע, אי דער פאָטער, אי די מוטער, האָבען געשפּילט אין די וואנדערענדע טרופּעס, וועלכע זיינען אין די נײַנציגער יאָרען ארומגעפאָרען איבער גאַליציען.*)

אין אמעריקע האָט דאָס אידישע טעאַטער שוין דאַן געהאַלטען אין דער אַזוי־גערופענער בליאונגס־עפּאָכע. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען מען האָט שוין געהאַלטען ווייט אין דעם יעקב גאָרדין־רעפּערטואַר און די גרויסע אידישע שוישפּילער, די שטערען פון דער בינע, האָבען זיך שוין געהאַט פארגונען צו שפּילען שעקספּיר׳ס פּיעסען אויך. אמת טאַקע — אין א שלעכטער איבערזעצונג, אָדער גאָר אין א צוקאַליעטשעטער „באַארבייטונג", אָבער דער פאַרנעם איז דאָך געווען גרויס. אין דער לופט האָבען זיך שוין געהאַט אָנגעהויבען טראָגען נייע ווינטען און עס האָבען זיך גענומען באַווייזען נייע פּנים׳ער, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרען באַרימט אַלס די שרייבער פון בעסערע פּיעסען. עס האָבען זיך אויך גענומען ווייזען סימנים פון א מער ערענסטער טעאַטער־קריטיק. אַלעס איז געגאַנגען אויף אַזאַ וועג, אַז מען האָט געקענט דערוואַרטען אַלץ בעסערס און בעסערס.

*) זע זלמן זילבערצווייג׳ס „לעקסיקאָן פון אידישען טעאַטער".

אזוי איז געווען די לאַגע אין אמעריקע.

אין גאַליציען אָבער איז די לאַגע געווען אַנדערש.

דאָרטען האָט מען פון קיין פיעסען דאַן נאָך ניט געוואוסט. דאָרטען האָט מען נאָך אַלץ געשפּילט די אַלטע שטיקער פון דעם

סאַלטשע ווייזענפריינד.

„פּראָפעסאָר" משה איש הורוויץ הלוי, לאַטיינער און שייקעוויטש.*) דאָרטען האָט מען נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט אויף אַ נס, אַז אימיצער זאָל פון אַמעריקע אַריבערפּעקלען עפּעס אַ נייע פּיעסע, וואו עס פעלען גאַנצע שטיקער, און ווען גאָט האָט געהאָלפען און אַזאַ נס איז געשען, האָט מען זיך אויף דער צוקאַרעדאַשעטער פּיעסע אַרויפגעוואָרפען ווי די אויסגעהונגערטע וועלף און מען האָט זי נאָך מער צוקאַרעדאַשעט.

*) זע ב. גאָרין'ס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער", באַנד 2, זייט 149.

אָפּשטעלען זיך ערגעץ אויף אַ לענגערער צייט האָט מען ניט גע־קענט; מער ווי עטלאַכע געציילטע פאַרשטעלונגען אין אַ שטאָדט האָט מען ניט געקענט געבען; מען האָט שטענדיג געמוזט זוכען אַלץ נייע געגענדען, אַלץ נייע לענדער, און אַזוי האָט מען זיך ארומ־געשלעפּט פון שטאָדט צו שטעדטעל מיט האַק און פּאַק, ביז מען איז אויסגעפאָרען גאַנץ עסטרייך־אונגארן, דערנאָך האָט מען זיך אריבער־געכאַפּט קיין האָלאַנד, קיין רומעניען, קיין בעלגיען און שפּעטער — קיין ענגלאַנד.

אַ קינד פון וואַנדערענדע אידישע אַקטיאָרען, האָט מוני ווייזענ־פריינד פון קליינערהייד אָן אויף זיינע פּלייצעס אריבערגעטראַגען די גאַנצע שווערינקייט פון דעם געמוטשעטען לעבען, וואָס אידישע אַק־טיאָרען האָבען געהאַט אין יענער צייט. ווען ער איז אַלט געווען פיר יאָר, איז ער שוין געהאַט אויסגעווען אַ וועלט; ער האָט אין ערגעץ קיין היים ניט געהאַט און אומעטום איז זיין היים געווען; ער האָט זיך אויף קיין איין זאַך ניט געקענט אָנקוקען, און האָט דאָך אַזוי פיל זאַכען געזען; ער האָט קיין איין איינדרוק ניט געקענט ווי געהעריג אָנוואָרימען אין דער נשמה, און האָט דאָך אַזוי פיל איינ־דרוקען געהאַט; אַ פּאָר וואָכען אין איין שטאָדט, און אַ פּאָר חדשים — אין אַ צווייטער; אָט אין איין לאַנד, און אָט — אין אַ צוויי־טען, און אומעטום — טאַטע־מאַמע מיט אַ שטענדיגער זוכעניש, מיט אַ שטענדיגער יאָגעניש און מיט אַ נאָגענדיגער ניט־זיכערקייט אין דעם וואָס דער מאָרגען וועט ברענגען...

אויף דעם קינד מוני ווייזענפריינד האָט דאָס וואַנדערענדע לעבען פון יענער צייט, קענטיג, אַ טיפען איינדרוק איבערגעלאָזען. אַליין אַ טיף־פילענדער, האָט ער פון קליינערהייט אָן איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון יענער נאָגענדיגער ניט־זיכערקייט. און אַזוי ווי שפּע־טער זיינען אין זיין לעבען צוגעקומען נאָך אַנדערע זאַכען, וועלכע האָבען אין אים אָט די איינגעזאַפּטע נאָך מער ענטוויקעלט, האָט ער זיך אַליין דערפירט צו אַזאַ מדרגה, אַז אין מאָמענטען, ווען ער איז

מיט זיך אליין, שניידט, ער פון זיך פּאַסען און ער איז אין קיין זאַך ניט זיכער.

ניט זיכער צי מען מיינט עס טאַקע ערנסט ווען מען לויבט אים...

ניט זיכער צי ער איז אין דער ראָל טאַקע געווען אַזוי גוט ווי מען מיינט...

„עס איז עפּעס אַלץ ניט דאָס וואָס איך וואָלט געוואָלט!" — האַלט ער זיך אין איין קלאָגען.

אַ קינד פון פיר און אַ האַלב יאָר איז מוני ווייזענפריינד געווען ווען זיינע עלטערען זיינען מיט אים אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. דאָרטען זיינען זיי מיט אים געווען ניט מער ווי אַנדערטהאַלבען יאָר און דער־נאָך זיינען זיי מיט אים געקומען קיין אַמעריקע, וואוהין עס האָבען זיך שוין אין יענער צייט געצויגען אַלע אידישע שוישפּילער פון דער גאָרער וועלט.

אין אַמעריקע האָט מוני ווייזענפריינד געקראָגען די ערציאונג, וואָס עס קריגען געוויינלאַך קינדער פון ניט פּאַרמעגלאַכע עלטערען; געלערענט אין „פּאָבליק־סקול", געענדיגט, זיך פאַראינטערעסירט אין „פּראַיז־פּאַיטס", אין „בעיז־באָל" און אין אַנדערע „ספּאָרטס", און אַזוי איז ער ביסלעכווייז געוואָרען אַן עכטער „אַמעריקאַנער באָי", און קיין אַנדער שפּראַך ווי ענגליש כמעט קיינמאָל ניט גערעדט.

דאָס ביסעל אידיש, וואָס ער האָט געקענט, האָט ער אָנגעהויבען פאַרגעסען; מען האָט צו אים גערעדט אידיש און ער האָט געענט־פערט אויף ענגליש. ווי די מערסטע אידישע קינדער אין אַמע־ריקע. און ס'קען זייער זיין, אַז ווען זיינע עלטערען וואָלטען ניט געווען קיין אידישע אַקטיאָרען, וואָלט ער אינגאַנצען אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג און וואָלט גאָר קיינמאָל צו דער אידישער בינע ניט געקומען. ווייל חוץ דעם וואָס „ספּאָרט" האָט אים אין יענער צייט אינטערעסירט אַ סך מער ווי טעאַטער, איז ער נאָך דערצו געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין שפּילען אויפ'ן פידעל און ער האָט זיך אַרומ־

געטראָגען מיט'ן געדאנק, אז מיט דער צייט וועט ער אודאי ווערען גאָר א גרויסער פידעל־שפּילער — א מישא עלמאן...

אין אַלגעמיין איז מוזיק געווען א אידעאַל אין דער ווייזענפריינד פאַמיליע, און מוני'ס עלטערע צוויי ברידער האָבען טאקע געמאכט א קאַריערע אויף אַט דעם געביט. און זיי זיינען נאָך איצט מוזיקאַנ־טען אין א אָרקעסטער.

מוני וואָלט אפשר אויך געווען געוואָרען א מוזיקאַנט און ער וואָלט זיך אפשר אין דעם אויך אויסגעצייכענט, ווייל ער האָט פון סאמע אָנפאַנג אָן ארויסגעוויזען גאַנץ באדייטענדע פּיאיגקייטען אין שפּילען אויפ'ן פידעל; ער האָט אויך געהאַט גרויס חשק דערצו און אַלע מאָל גערן געפּראַקטיצירט. אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע פון זיינע עלטערן איז דאַן געווען ניט זייער קיין גלענצענדע און זיי האָ־בען מער ניט געקענט האַלטען פאַר אים קיין לערער פון מוזיק.

א תכלית פאַר אים האָט מען דאָך געמוזט געפינען. וואָרים ווי לאָזט מען דאָס א אינגעל ארומגיין פּוסט און פּאַס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין? וואָס וועט פון אים ווערען? מען קען דאָך אים ניט לאָזען וואַקסען אין סטאָבער אריין! האָט מען אים ארויפ־גענומען אויף דער בינע און ער האָט זיך אָנגעהויבען שניידען אויף אַן אַקטיאָר.

און מערקווירדיג! זיין וועג אויף דער אידישער בינע איז פון סאמע אָנפאַנג אָן ניט געווען דער פאַרטיג־אויסגעטראָטענער, אויף וועלכען אַנדערע זיינען געגאַנגען. אַנדערע אין זיין גלייכען האָבען גע־ווינלאַך אָנגעהויבען פון קינדער־ראָלען. ער אָבער איז ביי זיין ערשטען אויפטריט ארויף אויף דער בינע אַלס אַן אַלטער איד מיט א באָרד, אין דער צייט ווען ער אליין איז נאָך א קינד געווען...

דאָס איז געווען אין קליוולאַנד. אינ'ם „פּערי־טעאַטער" האָט מען דאַן אויפגעפירט דעם „אידישען גלח" און אין דער טרופּע האָ־בען אויסגעפעלט אַקטיאָרען, האָט מען מוני'ן אָנגעקלעפּט א באָרד

און פאות, אים אָנגעטאָן א לאַנגע קאַפּאָטע און אים ארויסגעשיקט אויף דער בינע צו שפּילען א קליין ראָלעכל פון א פּאָר ווערטער.

דאָס איז געווען זיין ערשטער אויפטריט אַלס אידישער אַקטיאָר. צוזאמען מיט אים איז דאַן אויך אויפגעטראָטען צום ערשטען מאָל אוירווינג גראָסמאַן, וועלכער האָט זיך שפּעטער געמאַכט א נאָמען אַלס ליבהאָבער־זינגער אויף דער אידישער בינע.

און אינגאַנצען איז מוני דאַן אַלט געווען ניט מער ווי צען יאָר...

עס קומט, אַלזאָ, אויס, אז כאָטש מוני וויזענפריינד איז איצטער אינגאַנצען צוויי־און־דרייסיג יאָר אַלט, איז ער שוין אַן „אַלטער אַקטיאָר" און שפּילט שוין צוויי־און־צוואַנציג יאָר אויף דער בינע.

זיין ערשטער אויפטריט איז געווען געראָטען, האָט מען אים שוין דערנאָך געגעבען נאָך ראָלען צו שפּילען. אין א „סקעטש", וואָס האָט געהייסען „צוויי מתים עסען ברעקפעסט", האָט ער געשפּילט די ראָל פון א „ברודער פּרעזידענט" אין א סאָסייעטי. דאָס איז געווען איינע פון זיינע „יונגע" ראָלען, ווייל דער „ברודער פּרעזידענט" איז אינגאַנצען אַלט געווען ניט מער ווי פופציג יאָר, און מוני וויזענפריינד איז שוין דאַן געווען געוואוינט צו שפּילען א סך עלטערע ראָלען; אין קאָמישע וואָדעוויל־אַקטען, וואָס קיינער ווייסט ניט ביז היינטיגען טאָג ווער עס האָט זיי געשריבען און ווי אַזוי מען האָט זיי צונויפגעשטעלט, האָט ער אַלץ געשפּילט אַלטע אידען, זקנים מיט גרייז־גרויע בערד.

קיין יונגע ראָלען האָבען אים ניט געצייצט. ער האָט אויף דער בינע אַלץ געוואָלט זיין ניט דאָס, וואָס ער איז, נאָר אַן אַנדערער. אויסערלאַך און אינערלאַך אַן אַנדערער. ער האָט שוין דאַן בחוש געפילט דעם סוד און דעם געהיימען כשוף פון טעאַטער, וואָס דאַרף אויף דער בינע שאַפען ניט נאָר לעבען, נאָר אויך די אילוזיע פון לעבען. און ס'איז א פאַקט, אז ביז דער עלטער פון נייַנצען־צוואַנציג יאָר האָט ער קיין איין מאָל ניט געשפּילט קיין ראָל אָן א באָרד.

ער איז קיינמאָל ניט געווען פּאַר א ראָל „פּונקט דער טיפּ" —

ווי מ'ען דריקט זיך געוויינלאך אוים אין האליוואוד — דערפאר וואס ער האט דוקא אזא פנים, נאר דערפאר וואס ער האט אזא טאלאנט.

ער איזווירקליך געווארען אן אקטיאר ניט ווייל ער האט געוואלט קענען „שלאפען שפעט", ניט דערפאר וואס ער האט גראד געהאט אזא פנים וואס פאסט זיך פאר געוויסע טיפען אויף דער בינע, נאר דערפאר וואס ער איז געבארען געווארען מיט שוישפילעריען טאלאנט, געבארען געווארען א קינסטלער.

און ס'איז דאריבער ניט בלויז א צופאל וואס נאך אלס קינד האט ער שוין געשפילט אלטע ראלען.

אויף שוד־רעדלאך, ווי א כוואטסקער איינגעל א ברען, פלעגט ער ווי א וויכער קומען צופליען אין טעאטער, און מיט עטלאכע מינוטען שפעטער איז ער שוין געווען אויף דער בינע אין דער ראל פון אן אלטען אידען מיט א גרייז־גרויער בארד.

און איינמאל האט פאסירט אזא קאמישער פאל:

צווישען די אקטען איז מוני — דאן א איינגעל פון דרייצען יאר — געזעסען אין גארדעראבען־צימער, פארגרימירט אלס אן אלטער איד פון א יאר אכטציג. מיט דעם ווילען זיך איינצולעבען אין דער ראל, איז ער געזעסען אן איינגעהויקערטער, אן איינגעקארטשעטער, און קוקענדיג אין שפיגעל האט ער זיך אויפ'ן פנים געמאכט נאך א קנייטש און נאך א קנייטש. מיט אמאל אבער האט ער דורכ'ן פענסטער דערזען ווי א גאנצע כאפטע איינגלאך, זיינע חברים, פארען פארשייט אויף „סקעיטס" (שוד־רעדלאך) און קערען א וועלט. איינזיצען רואיג אויף אן ארט האט ער שוין ניט געקענט; עס האט אים געצויגען צו די איינגלאך, די ווייסע־חברה'ניקעס אין גאס, האט ער קיין סך ניט געטראכט, שנעל אנגעטאן די שוד־רעדלאך אויף די פיס, ארויסגעשפרונגען דורכ'ן פענסטער, און אין איין אויגענבליק איז ער שוין געווען אין קאן מיט אלע ווייסע־חברה'ניקעס, יאגענדיג זיך ווי א וויכער אויף די רעדלאך איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון דער גאס. ער האט גאר אינגאנצען פארגעסען אן דעם, אז

ער איז איצט אַן אַלטער איד מיט אַ גרייז־גרויער באָרד. ווי פּיל אוים'ן בויגען איז ער אויף די רעדלאַך געפלויגען, און אַלע ווייסע־חברה'ניקעס נאָך אים. דערמאָנט אַן דעם האָט ער זיך ערשט, ווען זייטיגע מענשען, פאַרבייגייער, האָבען זיך, פאַרוואונדערטע, אפּגע־שטעלט, און געטייטעלט אויף אים מיט די פינגער:

— אַזאַ אַלטער איד! האָט גאָר קיין בושה ניט... שעמען האָט איר זיך געמעגט!...

באַציענדיג זיך ערנסט, קינדעריש ערנסט, צו די ראָלען וואָס ער האָט געשפּילט אין פאַרשידענערליי קאָמישע וואָדעוויל־אַקטען, האָט מוני וויזענפריינד זיך דאָך באַצויגען צום ענין טעאַטער ווי צו אַ שפּיל, און אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר און דער קליינער מוני, וועמען דער שיקזאַל האָט באַשטימט צו זיין אַ גרויסער אַקטיאָר, האָט אַלץ געשפּילט אַלטע אידען.

און ווער ווייסט וויפיל לעבעדיגע מענשען ער האָט נאָך דאַן אין יענע „סקעטשעס" אויף דער בינע געשאַפען, און קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט און קיינער האָט זיך דארויף ניט אומגעקוקט!

אין דעם פּריוואַטען ארכיוו, וואו מוני וויזענפריינד האַלט פאַר־שידענערליי זאַכען אַלס אַן אָנדענק פון יענער צייט, האָב איך ביי אים אַמאָל געפונען אַ פּאָר פאָטאָגראַפישע בילדער פון אייניגע ראָלען, וואָס ער האָט דעמאָלט געשפּילט. אויף איין בילד איז ער אין דער ראָל פון אַ שניידערעל, וואָס האַלט זייער שטאַרק פון זיך. זעט מען פאַר זיך אַזוי לעבעדיג יענעם אַמאָליגען טיפּ שניידערעל, וואָס איז זיכער, אַז שניידעריי איז ניט נאָר אַ מלאכה, נאָר אַ קונסט; אַ מענ־שעל, וואָס נעמט אייך דורך און דורך מיט זיינע שאַרפע אויגלאַך און וועלכער האַלט אייך פאַר אַ „יאָלד" און אַ „טאַרטאַר", ווייל עס איז ביי אים גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די גאַנצע חכמה שטעקט ביי אים, און די גאַנצע קונסט — אין שניידעריי...

אין יענער בילד זעט מען שוין די אָנגעצייכענטע ליניען פון די לעבעדיגע, שאַרף אונטערגעשטראָכענע און בולט ארויסגעבראַכטע טי־

פען, וואָס מוני ווייזענפריינד האָט שפּעטער געשאַפען אויף דער אי־
דישער און אויך אויף דער ענגלישער בינע.

און אינגאַנצען איז ער דאַן אַלט געווען ניט מער ווי פופצען
יאָר!

4

אויפֿן עולם התוהו, זוכענדיג אַ תּיקון.

דעם 2טען יוני, 1913, איז אין דער עלטער פֿון 53 יאָר געשטאָר־בען פֿיליפּ ווייזענפריינד, און דאָן איז אין מוני'ס לעבען געקומען אַ מאָמענט, ווען ער האָט דערפֿילט ווי מען וואָלט מיט אמאָל מיט אַ שאַרף מעסער אָפּגעשניטען דאָס בעסטע, וואָס אַ מענש פֿאַרמאָגט אין לעבען — די יאָרען, ווען מען האָט נאָך ניט קיין דאגות און קיין זאָר־גען.

מוני האָט זיין פֿאָטער זייער ליב געהאַט, און דערצו האָט ער נאָך געהאַלטען פֿון אים אַלס אַקטיאָר, כאָטש ער, דער פֿאָטער, האָט אויף דער אידישער בינע קיין אָנגעזען אָרט ניט פֿאַרנומען.

איינגאַנצען איז מוני דאָן אַלט געווען זעכצען יאָר, קיין אמת־גרויסע אַקטיארען אויף דער בינע האָט ער דאמאָלט נאָך ניט געהאַט געזען, און חוץ דעם האָט ער זיך נאָך ניט געקענט ריכטיג פֿונאַנדער־קלייבען אין דעם אונטערשיד צווישען גוטען און שלעכטען שפּילען. ער האָט שוין אָבער דאָן געהאַט די איינגעשאַפּט צו ד ע ר פֿ י ל ע ן עכטקייט אין טאַלאַנט, און אין זיין פֿאָטער'ס שפּילען האָט ער ג ע־פֿ י ל ט עכטקייט.

מיר איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען אויף דער בינע מוני ווייזענפריינד'ס פֿאָטער. איך האָב פֿון אים אויך זייער ווייניג געהערט אין די ניו יארקער אידישע טעאַטער־קרייזען. אָבער אויב מען זאָל אָנ־נעמען, אַז דאָס וואָס אַן אייגענער זון אַן אַקטיאָר זאָגט וועגען זיין פֿאָטער דעם אַקטיאָר, איז ריכטיג, דאָן איז דער אַלטער פֿיליפּ ווייזענ־פֿריינד זיכער געווען איינער פֿון די טאַלאַנטען, וועלכע זיינען פֿאַר־

נאכלעסיגט געוואָרען דערפאַר וואס עס האָט זיי געפעלט די פייאיג־קייט און דער מוט זיך צו שטופּען מיט די עלענבויגענס אין דער ברייט, ווען ס׳איז נויטיג.

אַ סך שטילע אַקטיאָרען מיט באַדייטענדען טאַלאַנט זיינען אויף אַזאַ׳ן אופן פארשוויגען געווארען. ווי פאַרוואָגעלטע נשמות האָבען זיי אויפ׳ן עולם התוהו — אין דער פּראָווינץ — געבלאָנדזשעט אַלע

פיליפּ ווייזענפריינד.

זייערע יארען, און קיינמאָל ניט געפונען זייער תיקון אין ניו יארק. און דער אַלטער פיליפּ ווייזענפריינד איז אפשר אויך געווען איינער פון יענע פאַרוואָגעלטע נשמות, וועלכע האָבען קיינמאָל זייער תיקון ניט געפונען.

מוני אַליין זאָגט וועגען אים:

„דאָס איז געווען אַ פיינער אַקטיאָר, אַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר, און אין זיין שפּילען האָט זיך אַלע מאָל געפילט עכטקייט, נאַטירלאַכקייט. אַלע מאָל, ווען איך האָב אים געזען אויף דער בינע, האָב איך געפילט, אַז ער רעדט צו מיין האַרץ, צו מיין נשמה, אַז ער שטעלט פאַר אַ לעבעדיגען מענשען, וועמען מען קען ליב האָבען".

אין אַלגעמיין האָט דער אַלטער פיליפּ ווייזענפריינד, סיי אַלס מענש און סיי אַלס אַקטיאָר, אין אַלעמען געזוכט פריער ווי אַלץ די מעלות און ערשט דערנאָך די חסרונות. אפילו אויף שלעכטע מענשען האָט ער ליב געהאַט צו געפינען אַ זכות.

„אפשר איז ער גאָר ניט אַזוי שלעכט? אפשר איז ער בלויז פאַרביטערט?"

אַזוי פלעגט ער ריידען וועגען שלעכטע מענשען אין לעבען און וועגען אומסימפּאַטישע טיפּען אויף דער בינע.

און איינמאָל איז געשען אַזאַ פאַל:

ווען מוני איז אַלט געווען אַ יאָר פופצען האָט מען אים געגעבען שפּילען די ראָל פון פּאַפּוס. פאַר דער דאָזיגער ראָל איז שוין ביי אַלע אַקטיאָרען געווען אַ פאַרטיג אויסגעאַרבייטער נוסח; מען האָט שוין געוואוסט, אַז מען דאַרף פּאַפּוס'ן פאָרשטעלען ווי אַ פאַרזעעניש און אויך ווי אַן אינטריגאַנט, וואָס זוכט נקמה, ווייל —

„די נקמה, די נקמה
איז מיין לעבען, מיין נשמה".

דער אַלטער ווייזענפריינד האָט אָבער פּאַפּוס'ן אַנדערש פאַרשטאַנען, און ער האָט ניט געוואָלט, אַז מוני זאָל שפּילען די ראָל אַזוי ווי אַלע שפּילען זי. האָט ער אים אָוועקגערופען אין אַ זייט און פאַרפירענדיג מיט אים אַ געשפּרעך וועגען דעם ווי אַזוי מען דאַרף אויפפאַסען די ראָל פון פּאַפּוס, האָט ער געזאָגט:

— מוני, דו זאָלסט די ראָל שפּילען ניט אַזוי ווי אַלע שפּילען זי, נאָר אַנדערש.

— ווי אזוי אנדערש? — האָט דאָס איננעל געפרעגט, וועלענדיג תופס זיין וואס דער טאטע זאָגט.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט פארשטיין, — האָט דער אַלטער ווייזענפריינד ווייטער גערעדט. — איך וויל, מיין קינד, אַז דו זאָלסט פארשטיין, אַז פּאַפּוס איז אייגענטלאך ניט קיין שלעכטער מענש, נאָר גיכער אַן אומגליקלאכער מענש. ער וואָלט אפשר אַליין געוואָלט זיין גוט, אָבער ער קען ניט, ווייל ער איז פארביטערט. מענשען האָבען אים אין לעבען אַ סך ווי געטאָן, איז דערפאַר דאָס הארץ ביי אים שטענדיג פול מיט גאַל. אין גרונד אָבער איז ער אפשר גאָר ניט קיין שלעכטער מענש... דו פארשטייסט, מיין קינד, ער איז ניט קיין שלעכטער, נאָר אַן אומגליקלאכער, און אומגליקלאכע מענשען זיינען פארביטערט אפילו דאַן ווען זיי ווילען דאָס ניט...

און נאָכדעם האָט שוין מוני, ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט אין יענער צייט, אויפגעפאַסט די ראָל פון פּאַפּוס אין דעם גייסט ווי דער פאָטער האָט זי אים דערקלערט.

אין אַלגעמיין האָבען דעם פאָטער׳ס אָנווייזונגען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף מוני׳ן. ניט נאָר אויף זיין טאַלאַנט, נאָר אויך אויף זיין כאַראַקטער. ביידע, דער פאָטער און דער זון, זיינען געוועזען פונקט ווי צוויי חברים; ווען דער פאָטער איז געווען אויף דער בינע, האָט דער זון די גאַנצע צייט געקוקט אויף אים מיט ברייט־צועפענטע אויגען, און דערביי האָט ער געפילט אַן אנגענעמע וואַרימקייט אויף דער נשמה, און ווען דער זון איז געווען אויף דער בינע, האָט דער פאָטער געקוקט אויף אים מיט פארגאַפטע בליקען און געשעפּט נחת. און אין פרייע מינוטען, ווען דער פאָטער האָט גערעדט מיט׳ן זון וועגען אידיש טעאַטער און וועגען אידישע אַקטיאָרען, דערציילענדיג אים וועגען די וואָגלענישען אין אייראָפּע און וועגען די ערשטע בויער פון דער אידישער בינע, האָט ער אים זייער אָפט געזאָגט אַזוי:

— מען איז אַ סך אויסגעשטאַנען. זייער אַ סך. נאָך מער ווי

איצט. אָבער מיט עקשנות און פעסטקייט און גלויבען האָט מען מויערען געבראָכען...

און וועגען אַקטיארען פלעגט ער זאָגען אַזוי:

— אויף דער אידישער בינע, מיין קינד, האָבען מיר ניט ווייניג גוטע אַקטיארען, אָבער די גרעסטע קינסטלער אונזערע זיינען דריי: דוד קעסלער, זעליג מאָגולעסקאָ און בינאַ אַמראַמאָוויטש. ווען דו וועסט זיי אַמאָל זען אויף דער בינע, זאָלסטו פון זיי די אויגען ניט אַראָפּנעמען. פון זיי קענסטו לערנען אַ סך, זייער אַ סך.

מוני האָט דעם פאָטער זייער שטאַרק רעספּעקטירט און ליב געהאַט. ער איז צו אים געווען אַזוי צוגעבונדען, אַז ער האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען ווי אַזוי ער וואָלט אַמאָל ערגעץ געקענט זיין אָן אים. און דערפאַר האָט ער זיך געפילט אַזוי שטאַרק געטראָפען ווען דער פאָטער איז געשטאָרבען, דערפאַר האָט ער אין יענעם טאָג, — דעם 2טען יוני, 1913 — אַזוי שאַרף דערפילט ווי עלענד ער איז געבליבען אָן אַ טאַטען.

דער באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ יתום, אַז ער האָט שוין מער ניט קיין טאַטען, האָט אים מיט אַמאָל געמאַכט אַ ל ט — ניט נאָר אויף דער בינע, נאָר אויך אין לעבען. ער האָט זיך דערפילט זייער עלענד, און די אויפטריטען אויף דער בינע האָבען שוין ביי אים מער ניט געקענט זיין קיין שפּיל, נאָר אַ פ ל י כ ט, אַ מיטעל צו מאַכען אַ לעבען פאַר זיך. דאַן האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אָן אַ טרופּע, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט שפּילען אידיש טעאַטער אין די קלענערע שטעט פון דער וועסט און מיטעל־וועסט פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

צוזאַמען מיט דער טרופּע האָט ער זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט און געשפּילט וואָס ס'האָט זיך נאָר געמאַכט. קיין גאָר גרויסען צוטרויען האָט מען אין יענער צייט צו די וואַנדערענדיגע אידישע טרופּעס ניט געהאַט און ניט געקענט האָבען; ווייט פון ניו יאָרק, האָט אין די אידישע וואַנדערענדיגע טרופּעס פון יענער צייט געהערשט אַ גייסט פון הפקר'דיגער באַציאונג צו דעם וואָס מען שפּילט

און ווי אזוי מען שפילט; מען האָט דעם אידישען עולם אין יענע מקומות געשטאָפּט מיט שטיקלאך און ברעקלאך, וואס מען האָט אָנ־געכאפּט דאָ און דאָרט; האָט מען טאקע דאריבער קיין געוואלדיגע געשעפטען ניט געמאכט, און דעם יונגען מוני ווייזענפריינד איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הונגערען, ניט איין מאָל אויסגעקומען צו שלאָפען אין דרויסען א הונגעריגער, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין געלט צו קויפען א שטיקעל ברויט, ניט געהאַט קיין געלט צו דינקען א צימער איבערצונעכטיגען.

חוץ וואָדעוויל־אַקטען און גלאַט „טעאַטעראַיקעס", וואָס ווערען אויף שנעל צונויפגעשטשאָבעט, האָט די וואַנדערענדיגע טרופּע, מיט וועלכער מוני ווייזענפריינד האָט זיך ווי א ציגיינער ארומגעשלעפּט, אויך געשפּילט דריי־אַקטיגע און פיר־אַקטיגע פּיעסען. דאָס האָט זיך געווענדט אָן אומשטענדען, און — ס'פארשטייט זיך — אָן דעם „פאר־לאַנג פון דעם „האָכגעשעצטען פּובליקום". און מיט די גרעסערע פּיע־סען איז אַלע מאָל געווען צרות, ווייל אין דער טרופּע איז געווען א מאַנגעל אין מענשען.

מערסטענטיילס איז אויסגעקומען אזוי, אז ס'האָט אויסגעפעלט א פרוי, און אזוי ווי מוני ווייזענפריינד איז געווען א יונגער בחור'ל, איז געפאַלען אויף זיין גורל צו שפּילען די ראָל פון דער פרוי.

אין אָמאהא, נעבראסקא, האָט די וואַנדערענדי טרופּע איינמאָל געשטעלט יעקב גאָרדין'ס „קרייצער סאָנאַטאַ", און מוני ווייזענפריינד האָט געשפּילט די ראָל פון אפרים דעם כלי זמר'ס ווייב — ב י י ל ע.

איז דערביי פּאָרגעקומען זייער א טשיקאַווע זאך:

ביי דער סצענע, וואו אפרים דער כלי־זמר דאַרף באַווייזען וואָס פאר א גרויסער ווירטואָז ער איז אויפ'ן פידעל, אז ער קען שפּילען א סך בעסער ווי זיין זון גרעגואַר, וועלכער האַלט זיך פאר גאָר א גרויסען קינסטלער, איז דער אַקטיאָר, וועלכער האָט געשפּילט אפרים דעם כלי־זמר, געפאַלען אויף א שכל, און אָנשטאָט צו זאָגען: „איך וועל דיר ווייזען, אז איך קען שפּילען אויפ'ן פידעל בעסער פון דיר",

האָט ער אַ זאָג געטאָן אַזוי: „איך וועל דיר ווייזען, אַז אַפילו זי, די מאַמע, קען שפּילען אויפ'ן פידעל בעסער פון דיר".

ער האָט דאָס געזאָגט, ווייל ער אַליין האָט טאַקע אויפ'ן פידעל ניט געקענט שפּילען, און ער האָט זיך גלאָט געוואָלט אַרויסדרייען פון אַן אַפּקומעניש אויף דער בינע. ווארים וואָס קען ווירקלאַך זיין נאָך אַן ערגערע אַפּקומעניש אויף דער בינע ווי מאַכען אַן אָנשטעל, אַז מען שפּילט אויף אַ פידעל, אין דער צייט ווען הינטער די קוליסען שטייט גאָר אַן אמת'ער קלעזמער און סקריפּעט מיט'ן סמיטשיק!

מוני האָט דאָך אָבער יאָ געקענט שפּילען אויפ'ן פידעל, האָט ער געשפּילט.

וואָס ער האָט געשפּילט? עס פאַרשטייט זיך קלאַסישע מוזיק... דאָס וואָס ער האָט געלערענט ווען ער איז נאָך גאָר אַ קליין אינגעל געוועזן. איז דער עפעקט טאַקע געווען אַ געוואַלדיגער — ב י י ל ע שפּילט אויפ'ן פידעל!...

ביים שפּילען אין אַ פּיעסע פון יעקב גאָרדין, אָדער פון אַן אַנדער באַקאַנטען שרייבער, וועמעס שטיק עס האָט שטאַרק אויסגענומען אין ניו יאָרק, איז אין יענער וואַנדערענדיגער טרופּע געווען ניט איין קוריאָז, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די וואַנדערענדיגע אידי־שע טרופּעס, וועלכע האָבען זיך אין יענער צייט אַרומגעשלעפּט איבער אַמעריקע. אָפט מאָל האָט דער טרופּע אויסגעפעלט איין קלייניגקייט — דער טעקסט פון דער פּיעסע. ניט מער און ניט ווייניגער...

די עלטערע אַקטיאָרען האָבען זיך שוין געקענט אויסדרייען ווי עס איז; זיי האָבען געזאָגט, אַז זיי זיינען שוין אין יענע פּיעסען „געשפּילטע", האָבען זיי אויף אויסענווייניג גערעדט די „פּראָזע", וואָס זיי האָבען נאָך געדענקט. פּונקט ווי די אַמאָליגע אידישע קאַנ־טאָניסטען אין ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס צייטען האָבען יום כפור אויף אויסענווייניג געזאָגט וואָס זיי האָבען נאָר געדענקט — אַ פּסוק פון „איכה ישבה", אַ שטיקעל פון „שיר השירים" און אַ ברעקעל פון „מודה אני".

מוני ווייזענפריינד אָבער איז אין יענע פּיעסען ניט געווען קיין „געשפּילטער", ער האָט זיי גאָר קיינמאָל ניט געזען, און ניט האָבענדיג קיין אנדער ברירה, האָט ער געמוזט „האַקען אייגענע פּראָזע", וואס ס'איז אים נאָר געקומען אויף דער צונג...

אין אזא פאַל פלעגט אים דער „דירעקטאָר" — אליין א געוואלדיגער „גראַמאַטעי" און גאָר א וואַזשנער „טעאַטראַל" — געוויינטלאך זאָגען אזוי:

„דו קומסט אריין, גיסטו דער שנור אן ארגומענט. דערנאָך, ווען יענער קומט אריין, הויבסטו אָן שרייען און טרייבסט אים ארויס. און ווען ער האָט צו דיר טענות — סטייטש, אזוי און אזוי! ווערסטו נאָך מער אין כעס, זאָגסטו אים דעם גאַנצען אמת וואָס דו דענקסט וועגען אים און דו קלאַפּסט מיט די פויסטען אָן טיש".

קלאָר און דייטלאך.

און מיט אַזעלכע „דירעקטאָרען" און אַקטיארען האָט זיך מוני ווייזענפריינד יאָרען ארומגעשלעפּט איבער צענדליגער שטעט און שטעטלאך אין אמעריקע. ער האָט אומעטום געשפּילט וואָדעוויל־אַקטען און אויך „רעגעלע" פּיעסעס. אָבער קיינער האָט פון אים ניט געוואוסט און זעלטען ווער עס האָט זיין נאָמען ריכטיג געקענט ארויסריידען...

5

אויף דער שוועל פון ניו יארק.

וועגען שפּילען אין ניו יארק האָט מוני וויזענפריינד ניט געהאט קיין מוט צו טרוימען.

אליין א גרויסער צווייפלער, האָט ער אלץ געמיינט, אז ער איז נאָך ניט דערוואקסען צו שפּילען אין ניו יאָרק, וואו עס זיינען פאַראַן גרויסע אידישע שוישפּילער, וואו עס איז פאראן אַן איינפלוס־רייכע אידישע פּרעסע מיט קריטיקער, וואָס האלטען אויפ׳ן אויג יעדען אקטיאר, ווען ער טרעט אויף אין אַ נייער ראָל.

דערצו איז געווען נאָך אַן אָפּהאלט — זיין כאראקטער.

מוני איז בטבע אַ שטאָלצער מענש. ניט קיין גדלן, נאָר אַ שטאָל־צע נאַטור. ער וועט קיינעם, אפילו דעם גרעסטען, ניט פארשווייגען, ווען יענער זאָגט אים אַזאַ וואָרט, וואָס קען אויסגעטייטשט ווערען ווי אַ באַליידיגונג.

דעם דאָזיגען שטריך האָט ער גע׳ירשנ׳ט פון זיין פאָטער, וועל־כער האָט זיך אין זיין קאַריערע אלס אקטיאר שטענדיג געהאלטען אָן אַ זייט און אויסגעמיידט צו קומען אין נאָענטער בארירונג מיט אַנדע־רע אקטיארען, וועלכע האָבען געהאט גאָר גרויסע נעמען, ווייל ער האָט געוואוסט, אז אויב זיי וועלען אים באהאנדלען ניט אזוי ווי אים געפעלט, וועט ער זיי דאָס ניט פארשווייגען און וועט זיך איינ־שטעלען פאר זיין כבוד.

דאָס זעלבע איז געווען מיט מוני וויזענפריינד. ער האָט מורא געהאט פאר ניו יאָרק, ווייל ער האָט ניט איין מאָל געהערט, אז די גרויסע אקטיארען, וועלכע האָבען אייגענע טעאַטערס, לייגען ניט קיין כבוד אויף די קלענערע; און ער האָט גוט געוואוסט, אז אויב אי־

מיצער פון זיי זאָל אים א זאָג טאָן עפּעס א קרום וואָרט, וועט ער זי־בער ניט פארשווייגען...

און אז ער האָט געהאַט א גרונד זיך צו רעכענען מיט זיין כאַ־ראקטער אין דעם פּרט, קען מען זען פון א פאל, וואָס איז פאָרגע־קומען שפּעטער, ווען ער האָט שוין אויף דער אידישער בינע געהאַט א גרויסען נאָמען.

געשען איז דער פאל אין איינעם פון די ניו יארקער אידישע טעאַטערס. ביים אָנפאנג פון א סעזאָן, ווען די געשעפטען זיינען גע־גאנגען ניט זייער גלענצענד, איז דער דירעקטאָר געפאלען אויף א פּלאַן אוועקצושטעלען א נייע פּיעסע מיט מוני ווייזענפריינד אין דער הויפּט־ראָל. אפשר וועט דאָס ברענגען געלט? און איילעניש האָט מען געגעבען א שטעל אוועק א עפּעס א פּיעסע, וואס האָט די מינד־סטע ווערט ניט געהאַט, אנאָנסירט אין די צייטונגען ניט מער ווי א צוויי־דריי טעג און — זיך אוועקגעזעצט וואַרטען, אז דער עולם זאָל קומען „אין מאַסען".

איז דער עולם דוקא ניט געקומען...

דער „שטערן", וועלכער האָט אין יענעם סעזאָן געשפּילט די הויפּט ראָלען אינ׳ם טעאַטער, האָט זיך אודאי געפילט שטאַרק גע־שמייכעלט פון דעם. דער דורכפאל פון א פּיעסע, וואָס ווערט גע־שפּילט אָן אים, האָט אים אודאי פארשאַפט פארגעניגען, איז ער נאָכ׳ן ערשטען אקט אריינגעגאנגען צו ווייזענפריינד׳ן אין גאַרדעראָבען־צימער און זיך באַגריסט מיט אים:

— העלאָ, ווייזענפריינד!

ווייזענפריינד׳ן האָט זיך אָבער אויסגעוויזען — און אפשר האָט ער דאָס טאַקע ריכטיג דערפילט — אז דער „שטערען" קוקט אויף אים מיט נצחון, אז ער פרייט זיך מיט׳ן דורכפאל, האָט ער אויף אים שארף די אויגען אָנגעשטעלט און געזאָגט:

— הערט זיך איין, איר זאָגט מיר „העלאָ, ווייזענפריינד" און ווילען ווילט איר דאָך זאָגען אזוי: „נו, גרויסער העלד, אָט האָט מען

אוועקגעשטעלט אַ פּיעסע מיט דיר אין דער הויפּט־ראָל, און וואָס איז געוואָרען, האַ? ווער איז דיך געקומען זען, האַ?"... אָט דאָס האָט איר דאָך געוואָלט זאָגען? זאָג איך אייך, אַז איך לאַך זיך אויס פון אייך, אַז אייער מיינונג אינטערעסירט מיך ווי דער פאַראַיאָריגער שניי, און — גייט שוין אַרוים פון דאַנען!...

איז זיין שטאָלצער כאַראַקטער טאַקע געווען ניט ווייניג אָפּהאַלט פאַר אים אַליין צו קומען קיין ניו יאָרק.

ער איז אָבער דאָך געקומען.

דאָס איז געווען אין אַ זומער, ווען אַלע אידישע אַקטיאָרען פון דער פּראָווינץ פאָרען זיך צונויף אין דעם גרויסען אידישען טעאַטער־צענטער און קוקען אַרוים, אַז אַ ניו יאָרקער דירעקטאָר זאָל זיי ענגאַזשירען.

אין יענער צייט איז מוני ווייזענפריינד, אינגאַנצען אַן אומבאַקאַנטער דעם ניו יאָרקער פּובליקום, געזעסען יעדען טאָג אין דער טעאַטער־קאַפע און אַרויסגעקוקט אויף אַ נס.

טרוימען וועגען אַ סעזאָן־אַנגאַזשמאַ אין אַ גרויסען ניו יאָרקער טעאַטער האָט ער קיין מוט ניט געהאַט. איז ער גלאַט אַזוי געזעסען און זיך צוגעקוקט צו דעם טעאַטער־יאַריד, און געטראַכט האָט ער, אַז עס וואָלט געווען גוט ווען ער וואָלט געקראָגען אַרבייט אויף עטלאַכע וואָכען אין אַ זומער־טעאַטער; דאָס וואָלט אים שטאַרק צוניץ געקומען, ווייל ער נויטיגט זיך זייער אין געלט.

ווי ער איז איינמאָל אַזוי געזעסען אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרזאָרגטער, איז צו אים צוגעגאַנגען סעם לאַנפיעלד, וועלכער האָט דאַן געהאַלטען דעם „רוף־גאַרדען" אויפ'ן סעקאָנד עוועניו טעאַטער, און באַטראַכטענדיג אים פונ'ם קאָפּ ביז די פיס, האָט ער אַ זאָג געטאָן, קנייטשענדיג זיך דערביי:

— איך וואָלט אייך אַנגאַזשירט צו שפּילען ביי מיר אויפ'ן „רוף גאַרדען", אָבער...

— אָבער וואָס?

— אָבער, מען דאַרף ניט...

— מען דאַרף ניט, דאַרף מען ניט.

מיט עטלאַכע מינוטען שפּעטער ווידער דאָס זעלבע:

— איך וואָלט אייך אַנגאַזשירט צו שפּילען ביי מיר אויפ'ן „רוף גאַרדען", אָבער...

— אָבער וואָס?

— אָבער, מען דאַרף ניט...

אַזוי עטלאַכע מאָל.

ווייזענפריינד'ן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסען, און ער איז געוואָרען אין כעס:

— וואָס זיינען דאָס פאַר שטיק? — האָט ער אַ זאָג געטאָן בייז, — אָדער מען דאַרף, אָדער מען דאַרף ניט!...

— כ'וויים... — האָט זיך לאַנפּיעלד אָנגערופען, — ווען איר וואָלט גענומען אַזאַ פּרייז, אַז עס זאָל זיך מיר לוינען, וואָלט איך אייך אַנגאַזשירט אויף עטלאַכע וואָכען... אַלזאָ, וויפיל ווילט איר?

— פינף־און־דרייסיג דאָלער אַ וואָך, — האָט מוני ווייזענפריינד געזאָגט.

— וואָס?! — האָט זיך לאַנפּיעלד דערשראָקען און זיך אַזש גענומען רייבען די נאָז פון גרויס אויפרעגונג, — פ י נ ף א ו ן ד ר י י ס י ג ט ו ל ע ר א ו ו אָ ך! פאַר אַזאַ פּרייז קען איך קריגען אַ „סטאַר".

און כדי צו מאַכען זיין אַרגומענט נאָך שטאַרקער, האָט ער צוגעגעבען:

— ט ו כ ב אַ נ ד, — ער קריגט ביי מיר ניט מער ווי אַכט־און־צוואַנציג דאָלער אַ וואָך...

ווען מוני ווייזענפריינד האָט דאָס דערהערט, איז ער טאַקע געבליבען אַ צוטומעלטער. נו, ווירקליך, אַז ט ו כ ב אַ נ ד קריגט אַכט־און־צוואַנציג דאָלער אַ וואָך, טאָ, וויפיל זשע דאַרף ער קריגען? ער — אַן אַקטיאָר, וועמען קיינער קען גאָר ניט!...

ביידע צדדים האָבען זיך אָנגעהויבען דינגען, ביז מען האָט זיך אויסגעגליכען אויף אַ פּרייז — צוויי־און־צוואַנציג דאָלער אַ וואָך.

אין די זעקס וואָכען וואָס מוני ווייזענפריינד האָט געשפּילט אויפ׳ן „רוף־גאַרדען" האָט מען אים זייער ווייניג אויפמערקזאַמקייט געשענקט, ווייל די פאָרשטעלונג אויפ׳ן „רוף־גאַרדען" האָט מען ניט גענומען ערנסט און קיין טעאַטער־קריטיקער איז אַהין קיינמאָל ניט אַרויפגעקומען זיי זען. דער דירעקטאָר אַליין פלעגט גאָר בעטען די קריטיקער, אַז זיי זאָלען צו די פאָרשטעלונגען ניט קומען. „דאָס שפּילט מען טעאַטער, — פלעגט ער זאָגען, — ניט פאַר דער פּרעסע, נאָר גלאַט אַזוי".

האָט אָבער דוד קעסלער איינמאָל אין אַ הייסען זומער־אָוונט פאַרבלאָנדזשעט אויפ׳ן „רוף־גאַרדען", אַרויפגעקומען אַהין גלאַט אַזוי זיך, צו דער׳הרג׳ענען אַ פּאָר שטונדען און האָבען אַביסעל שפּאַס, און ווען ער האָט דערזען ווייזענפריינד׳ן אויף דער בינע, האָבען זיך ביי אים די גרויסע אויגען ברייט פונאַנדערגעעפענט און ער האָט אַ פאַר־גאַפּטער געפרעגט:

„דזשי, הו איז דהאַט מען?"

און ווען מען האָט אים געזאָגט ווער דאָס איז, האָט ער גע־נומען בייסען די ליפּען:

„אָה, גאָד, דהיז מען העז טעלענט!"

איין גרויסער טאַלאַנט האָט דערפילט דעם אַנדערען.

דערזען, און — גלייך דערפילט.

אין יענער צייט האָט שוין דוד קעסלער קיין אייגענעם טעאַ־טער ניט געהאַט. איז ער אַוועק צו יוסף עדעלשטיין, אַז ער זאָל אַנגאַזשירען „דעם יונגען מאַן" צו שפּילען אין פּיפּעלס־טעאַטער. און ס׳איז געוועזן מערקווירדיג! דוד קעסלער, דער שטרענגער און בייזער דוד קעסלער, וועלכער איז געוועזן אַזוי קאַרג אויף קאָמפּלימענטען און אַזוי ווייניג געהאַלטען פון אַנדערע שוישפּילער; דוד קעסלער, פאַר וועמען די מערסטע אַקטיאָרען האָבען מורא געהאַט, ווייל ער האָט

אויף דער בינע געקענט ווערען ווילד ווי א טיגער און באליידיגען, שלאגען און ממית'ן דערפאר וואס מען האט אין ריידען גענומען א פאלשען טאן, אדער א „טענדעל", ווי ער פלעגט דאס אנרופען; דוד קעסלער, וועמעס נאמען עס האט אויף ווייזענפריינד'ן נאך פון דער ווייטענס ארויפגעווארפען א מורא, ווייל ער האט געהערט ווי ווילד ער, דער גרויסער שוישפילער, קען ווערען ווען עס געפעלט אים ניט אן אקטיאר — דער זעלבער דוד קעסלער איז גאר עפעס ווי צונג'כשופ'ט געווארען צו „דעם יונגען מאן", וואס ער האט צופעליג געזען אין עפעס א פיעסע אויפ'ן „רוף גארדען"; ער האט מיט אלעמען גערעדט וועגען אים און אליץ געגאפט:

„דזשי, דהאט יאנג מען העז טעלענט!"

איז שוין דערנאך מארים שווארץ אויך געקומען זען ווייזענפריינד'ן און ער איז אויך איבערראשט געווארען.

— הערט א מעשה, — האט ער געטשמאקעט מיט די ליפען, — א פיינער אקטיאר, אבער טאקע גאר־גאר א פיינער אקטיאר!

אויף דער אידישער טעאטער־גאס האט מען אנגעהויבען ריידען וועגען מוני ווייזענפריינד.

אבער צו קיין טאלק איז דאס ניט געקומען.

קיינער האט אין ניו יארק ווייזענפריינד'ן ניט אנגאזשירט, און נאכדעם ווי ער האט אפגעשפילט די עטלאכע וואכען אויפ'ן „רוף־גארדען", איז ער אוועקגעפארען קיין באסטאן.

דער דירעקטאר פונ'ם אידישען טעאטער אין באסטאן איז דאן געווען יעקב קאליך, מאלי פיקאנ'ס מאן. ביים צונויפשטעלען די טרופע האט ער געזוכט יונגע און פייאיגע אקטיארען, און ער האט אנגאזשירט ווייזענפריינד'ן.

אין יענעם ווינטער זיינען די געשעפטען אין די טעאטערס איבער גאנץ אמעריקע געווען זייער שלעכט. א מגפה פון אינפלוענציע האט זיך צובושעוועט איבער'ן גאנצען לאנד, און דאקטוירים האבען געווא־רענט, אז מען זאל זיך היטען פון אזעלכע פלעצער, וואו א סך מענ־

שען קומען זיך צונויף. דאָן האָבען זיך א סך טעאַטערס געשלאָסען, און יעקב קאַליך'ס טעאַטער אין באָסטאָן איז ניט געוועזן קיין אויסנאַם.

מוני ווייזענפריינד איז געבליבען אָן ארבייט, האָט ער זיך א שטיק צייט ארומגעדרייט אין באָסטאָן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. גאַנצע טעג פלעגט ער ארומגיין איבער די גאַסען, אָדער זיצען אין דער היים שטונדען לאַנג און לייענען. זיין לאַגע איז געווען אזא, אז ער האָט זיך ניט געקענט פארגינען ארומצוגיין ליידיג א לענגערע צייט, איז אים איינגעפאַלען אוועקצופאָרען קיין פילאַדעלפיע און דאָרטען פרואווען זיין מזל. אפשר וועט ער דאָרט עפּעס געפינען?

די אינפלוענציע־מגפה איז שוין דאַן געווען שוואַכער, און מוני ווייזענפריינד איז אנגאַזשירט געוואָרען צו שפּילען אין א אידישען וואָדעוויל־טעאַטער.

אויפ'ן הארצען איז אים דאַמאָלט געווען שווער — ווידער אין א וואָדעוויל־טעאַטער!... ווידער נודנע טעג און שווערע אָוועגטען פון ביליגע פאַרשטעלענישען און שפּילערייען, וועלכע גיבען גאָר ניט דער נשמה און לאָזען איבער פוסט דאָס הארץ!... ווידער קייען ווערטער, וואָס קלינגען פאַלש, זען פּנים'ער, וואָס דריקען גאָר ניט אויס און הערען געלעכטערס, וואָס גרילצען אין די אויערען!... אַלץ וואָדעוויל און וואָדעוויל!... ער וועט שוין, אפּנים, אייביג בלייבען א וואָדעוויל־אַקטיאָר... און דער שווערער געפיל, וואָס נאָגט אזוי דאָס הארץ, וועט שוין אזוי נאָגען און נאָגען, און קיין גליק וועט קיינמאָל ניט זיין... קיינמאָל ניט!

און איינמאָל, ווען ער איז אזוי געזעסען אין א דושנעם גאַרדעראָבען־צימער, א פאַרזאָרגטער, א פאַראומערטער, מיט א מורא'דיג שווער געמיט, און זיך געקלעפּט א באָרד פאַר עפּעס א ראָל אין עפּעס א וואָדעוויל־אַקט, איז צו אים פלוצלונג אריינגעקומען דער אַקטיאָר לואיס גילראָד, אלס א ספּעציעלער שליח פון ניו יאָרק, געשיקט פון

מאָרים שוואַרץ, וועלכער האָט שוין דאַן געפּלאַנעוועט צו מאַכען פון זיין טעאַטער אַ אידישען קונסט־טעאַטער.

— העלאָ, מוני!

— העלאָ, גילראָד, ווי קומסטו עפּעס קיין פילאַדעלפיע?

— איך בין געקומען אַהער דיך אַנגאַזשירען פאַר׳ן „אוירווינג פּלעים־טעאַטער", צו שפּילען ביי שוואַרץ׳ן.

— וואַ־אַ־אַ־ם?! — האָט מוני ווייזענפריינד אַ קוק געטאָן אויף אים אַ פאַרוואונדערטער און אַ איבעררעשטער. — מאַכסט חוזק פון מיר?

— קיין חוזק. זאָג, וויפיל ווילסטו אַ וואָך?

— איך וויל גאָר ניט. — האָט זיך מוני אַ כאַפּ געטאָן. — ביי שוואַרץ׳ן שפּיל איך אומזיסט.

— מאַך זיך ניט נאַריש און זאָג אַ פּרייז.

לאַנג דינגען האָט מען זיך ניט געדאַרפט, און מוני ווייזענפריינד איז אַנגאַזשירט געוואָרען צו שפּילען דעם קומענדיגען סעזאָן ביי שוואַרץ׳ן אין טעאַטער פאַר פערציג דאָלער אַ וואָך — א י ן נ י ו י אָ ר ק.

פון איין זייט האָט ער זיך געפרייט און פון דער אַנדערער זייט האָט ער זיך געשראָקען...

שטאַרק געשראָקען.

וואָרים וואָס וועט זיין אויב ער וועט דורכפאַלען?...

וואָס וועט זיין אויב די ניו יאָרקער אידישע טעאַטער־קריטיקער וועלען פון אים גאָר חוזק מאַכען?...

און פאַר וואָס עפּעס בלויז די קריטיקער?... אַלע וועלען פון אים חוזק מאַכען...

מען וועט לאַכען דאָס גרעסטע געלעכטער: — „אַ חוצפה אַבי־פּעל! אַ וואָדעוויל־אַקטיאָר — אַנדערש פּאַסט אים ניט, נאָר שפּילען ביי שוואַרץ׳ן אין טעאַטער!"...

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט זיך מוני ווייזענפריינד אַרומגעטראָ־

גען א שטיק צייט און זיך אליין געהאלטען אין איין מוטשען, אלץ קוקענדיג מיט אָנגעשטרענגטע, ביז ווייטאָג אָנגעשטרענגטע בליקען, אין א צוקונפט, וואָס איז נאָך פאר אים פינסטער...

דער אָנקומענדיגער סעזאָן איז שוין געווען ניט ווייט; די אידי־שע טעאַטער־דירעקטאָרען אין ניו יארק האָבען געפּרואווט אריבער־שטייגען איינער דעם אנדערען אין פאָרבערייטונגען; אין די צייטונגען האָט מען שוין געלאָזט וויסען וואָס פאר פּיעסען מען וועט אויפפירען



מוני וויזענפריינד (ווען ער איז ענגאַזשירט געוואָרען אין ניו יאָרק)

און וועלכע טרופּעס עם זיינען שוין צונויפגעשטעלט געוואָרען. און דאָן האָט מאָרים שווארץ אויך געלאָזט וויסען דורך די צייטונגען, אז ער וועט אויפפירען די ווערק פון די בעסטע אידישע שרייבער, און בתוכם האָט ער אויך געמעלדעט, אז אין זיין טרופּע וועט ער האָבען א יונגען אקטיאָר, איינעם א מוני וויזענפריינד, וועלכער וועט זיכער אויפרודערען ניו יארק.

אין די ליטעראַרישע קרייזען אין ניו יארק האָט מען נאָך דאָן

ווענען מוני ווייזענפריינד'ן גאָר ניט געוואוסט; זיין נאָמען איז געווען אינגאַנצען אומבאַקאַנט, האָט מען זיך דאָרט דאַריבער צו שוואַרץ'ס מעלדונג אין די צייטונגען וועגען דעם יונגען שוישפּילער באַצויגען מיט ניט ווייניג צווייפעל; מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער אַל־טער געוויינלאַכער מיטעל „אַנצוציען" דעם עולם, ער זאָל ערוואַרטען איבערראַשונגען. ביי שוואַרץ'ן איז אָבער גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ווייזענפריינד'ן שטייט פּאָר גאָר אַ גרויסע צוקונפט אויף דער בינע; ער האָט אין דעם געגלויבט באמונה שלמה, איז ער אַליין אוועק אין די רעדאַקציעס, גערעדט מיט די מענשען, וועלכע שרייבען וועגען טעאַטער, אַנגעשטעקט אַלעמען מיט זיין גלויבען און אַלץ גע־טענה'ט, אַז מען מוז שרייבען און שרייבען וועגען דעם יונגען אַק־טיאָר מוני ווייזענפריינד, וועלכער וועט קומענדיגען סעזאָן שפּילען ביי אים אין טעאַטער.

„איך זאָג אייך, אַז דאָס וואַקסט אַ זשעני!" — האָט שוואַרץ פאַרזיכערט די שרייבער פון די צייטונגען. — „ער וועט זיכער אויפ־רודערען ניו יאָרק".

ווען מוני ווייזענפריינד האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, איז ער געקומען צולויפען צו שוואַרץ'ן מיט אַ טענה.

— מיסטער שוואַרץ, — האָט ער געזאָגט, — איר דער'הרג'ט מיך. וואָס הייסט עפּעס, איר מעלדעט אין די צייטונגען, אַז איך וועל אויפ־רודערען ניו יאָרק? דאָס טאָר מען ניט טאָן. בשום אופן ניט! וואָרים וואָס וועט זיין, אַז איך וועל ניט אויפרודערען? און איך וויל בפירוש, אַז איר זאָלט מיר געבען קליינע, גאָר קליינע ראָלען. ניט קיין גרויסע. איך האָב מורא...

שוואַרץ האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. דאָס ערשטע מאָל זעט ער, אַז אַן אַקטיאָר זאָל ווערען דוקא קליינע ראָלען!...

מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, מיט שטילע האָפענונגען און גרויסער מורא האָט מוני ווייזענפריינד אָנגעהויבען שפּילען ביי שוואַרץ'ן, אין

אוירווינג פּלעיס, וואו עס איז אין יאָר 1918 געלעגט געוואָרען דער גרונד פאַר א אידישען קונסט־טעאַטער אין אמעריקע.

דאָס איז געווען אינ׳ם יאָר 1919.

א קדשי קדשים איז ביי וויזענפריינד׳ן געווען שוואַרץ׳ס טעאַטער, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז יעדער אַקטיאָר, וואָס שפּילט דאָרטען, איז א כהן גדול אין א טעמפּעל, וואו עס שוועבט שטענדיג דער רוח הקודש.

ער האָט נאָך אין זיך געהאַט די נאַאיוו־פּראָווינציעלע הייליגע באַציאונג צו אלעס, וואָס ס׳שאַפט זיך אין ניו יאָרק, און דאַריבער איז געווען ניט מער ווי נאַטירלאַך, אז ער זאָל זיך די ערשטע צייט פילען אביסעל ענטוישט, קומענדיג אין נאָענטער באַרירונג מיט דער הינטער־קוליסענדיגער וואָכעדיגקייט, פון וועלכער קיין טעאַטער איז ניט אינגאַנצען ריין.

ווי ס׳טרעפט זיך געוויינטליך הינטער די קוליסען, וואו קליינינגקייטען צוזוואַקסען זיך גרויס און וואו פּראָפעסיאָנעלע קנאה כשר׳ט אלע מיטלען, האָט זיך באַלד געפונען אַן אַקטיאָר, און דווקא איינער פון די גאָר איינפלוסרייכע אין טעאַטער, און ער האָט אָנגעהויבען אָפּטאָן וויזענפריינד׳ן שפּיצלאַך, כלומר׳שט אומשולדיגע שפּיצלאַך, אָבער אַזעלכע, וואָס טוען וויי איינעם וואָס האָט אַן עדעלע, טיףפילענדיגע נשמה.

ביי א פאָרשטעלונג פון שלום־עליכם׳ס „טוביה דער מילכיגער", וואו וויזענפריינד — אין דער ראָל פון א שרייבערל אין א דאָרף — האָט געדאַרפט אַרויסזאָגען עטלאַכע ווערטער אויף רוסיש, האָט אים יענער אַקטיאָר — לויט דער אָנווייזונג פונ׳ם רעזשיסער — געדאַרפט איבערשלאָגען די רייד. איז זיך מישב יענער אַקטיאָר און שלאָגט אים ניט איבער די רייד... און דערביי קוקט ער אים ממזר׳ישגאַליג אריין אין די אויגען, ווי איינער רעדט: „נו, גרויסער קנאַקער, וואָס דאַרף אויפרודערען ניו יאָרק, לאָמיר זען ווי אַזוי דו וועסט זיך

אויסדרייען פון א פארלעגענהייט אויף דער בינע! לאָמיר זען, וואָס פאַר אַן אַקטיאָר דו ביזט!"

וואָלט מוני ווייזענפריינד געקענט רוסיש, וואָלט ער זיך שוין ווי עס איז אַרויסגעדרייט; ער וואָלט צוגעקלעפּט אייגענע ווערטער, וועל־כע וואָלטען זיך שוין ווי ס'איז צוגעפּאַסט צום תוך און עס וואָלט אַזוי אויך געווען רעכט. האָט ער דאָך אָבער קיין רוסיש ניט געקענט, איז ער געבליבען שטיין א צוטומעלטער און ניט געוואוסט וואָס ווייּ־טער צו טאָן...

און דאָ שטייט יענער ווי אַ זיגער און קוקט אויף אים ממזר'יש־גאַליג און נעמט אים דורך און דורך מיט זיינע בליקען.

ווייזענפריינד'ן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסען. און חוץ דעם האָט דאָס אים ווײ געטאָן אויך. אָט אַזוי באַציט מען זיך צו קונסט?! אַזעלכע שטיק פּראָוועט מען ביי שוואַרץ'ן אין טעאַטער אויך?!...

אין איין אויגענבליק איז אים איינגעפאַלען, אַז ער זאָל איצט, אויס נקמה, אַרויסוואַרפען עפּעס אַזאַ וואָדעוויל־שפּיצעל, וואָס זאָל צושטערען דעם גאַנצען גאַנג פון דער פאָרשטעלונג — אָנהויבען טאַנ־צען אַ „קאָזאַטשאָק", אָדער זיך גאָר איבערקערען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף...

אָבער ער האָט זיך קאָנטראָלירט, און כדי זיך אויסצודרייען ווי עס איז פון דער פאַרלעגענהייט, אין וועלכער יענער אַקטיאָר האָט אים געשטעלט, האָט ער דיזעלבע רוסישע ווערטער אָנגעהויבען אי־בער'חזר'ן נאָך אַמאָל, מאַכענדיג אַן אָנשטעל פון איינעם, וואָס איז שכור און פּלאָנטערט זיך אין די אייגענע רייד, און דערביי האָט ער זיך כלומר'שט פאַרניסט — אַפּציו!...

נאָכדעם האָט ער הינטער די קוליסען געמאַכט אַ גרויסען טומעל איבער דעם וואָס אין אַזאַ טעאַטער איז מען ניט ערלאַך און מען פּראָוווט אונטערשטעלען פיסלאַך איינער דעם אַנדערען. פּונקט דאַן, ווען יענער אַקטיאָר האָט אויף דער בינע געהאַט אַ שטילע, אָבער זייער דראַמאַטישע סצענע, האָט ווייזענפריינד, אַ בייזער און אַן אויפּ־

נערעגטער, הינטער די קוליסען געהאַלטען אין איין שרייען אויף די העכסטע טענער:

— אַזאַ . . . דאָ, אין דעם טעאַטער פּראָוועט ער וואָדעוויל־קונצען!... אויב וואָדעוויל — קען איך די מלאכה בעסער פאַר אים!... איך וועל דאָס אים ווייזן!... אַזאַ... איך וועל אים דעם קאָפּ צושפּאַלטען!...

און ביי ווייזענפריינד'ן איז שוין דאַמאָלט געווען אַלץ אָפּגעמאַכט: יענער אַקטיאָר וועט ענדיגען די סצענע און וועט אַריינקומען הינטער די קוליסען, וועט ער אים אָנהויבען זידלען און באַליידיגען מיט די ערגסטע ווערטער; יענער וועט דאָך זיכער ניט שווייגען און ענט־פערען אַנטקעגען, וועט ער כאַפּען וואָס עס וועט זיך אים נאָר מאַכען אונטער דער האַנד און וועט אים דערלאַנגען איבער'ן קאָפּ; עס וועט ווערען אַ געשלעג, אַ סקאַנדאַל; און נאָכדעם וועט ער געבען אַ שפּיי אויף אַלץ, וועט אַוועק פון ניו יארק וואוהין די אויגען וועלען אים טראָגען, און מער וועט ער שוין אַהין קיינמאָל ניט קומען... אָבער טאַקע קיינמאָל ניט!...

און אַזוי וואָלט טאַקע אפשר געווען. מוני ווייזענפריינד וואָלט פון ניו יארק אוועק, און פון ענטוישונג און פאַרדרוס וואָלט ער ווי־דער געשפּילט וואָדעוויל ערגעץ אין שטעדט און שטעדטלאַך איבער אמעריקע. צום גליק אָבער איז יענער אַקטיאָר דאָך געווען אַ מענש מיט טאַקט און זעלבסט־קאָנטראָל, און ווען ער האָט דערזען ווי ווייזענפריינד קאָכט זיך אַזוי, האָט ער אים מיט גוטע רייד איינגענומען און איבערגעבעטען.

מוני ווייזענפריינד איז געבליבען אין ניו יארק. און אינ'ם משך פון די צען יאָר וואָס ער האָט אין ניו יארק געשפּילט, האָט ער זיין תיקון געפונען.

6

די ערשטע צוויי יאָר אין אידישען קונסט־טעאַטער.

ווייזענפריינד איז אין ניו יארק געוואקסען אויף אזא שטייגער, אז מען האָט איבער אים ניט געדארפט ציטערען ווי מען ציטערט געווינלאך איבער יענע יונגע קינסטלער, וועלכע איבערראשען מיט אמאָל, אָדער וועלכע קענען איבערראשען בלויז אין געוויסע ראָלען, וואס זיינען פאר זיי צוגעפּאסט. נאָכפאָלגענדיג זיין שטייגען אויף דער בינע, האָט מען ניט געדארפט מורא האָבען, אז ער זאָל זיך נאָך מיט אמאָל ניט געבען אזא הויב אין דער הויך, אז ער זאָל דערנאָך מוזען געבען אַ פאַל ארונטער. ער איז געוואקסען בהדרגה'דיג, אָבער זיכער. און דערביי האָט זיך זיין טאלאַנט מיט אזא רייכקייט פארשידענארטיג צואצווייגט און זיך אזוי סאָליד אין דעם טעאַטער־באָדען איינגעוואָרצעלט, אז עס איז גאָר געווארען אונמעגליך אים צוצורעבענען צו יענעם מין „גוטע” שוישפּילער, וועלכע צייכענען זיך אוים בלויז אין געוויסע ראָלען, און ניט אין קיין אנדערע.

די ערשטע צייט זיינען די טעאַטער־קריטיקער געווען זייער פאָרזיכטיג, שרייבענדיג וועגען אים. זיין ערשטע ראָל (דער וואָלאָסטנאָי שרייבער), אין שלום עליכם'ס „טוביה דער מילכיגער” איז פאר די מערסטע קריטיקער געווען אַן ענטוישונג; איינער פון זיי, גאָר אַן אָנגעזעענער קריטיקער, האָט זיך אפילו אויסגעדריקט פּריוואט, אז „דער יונגער מאַן איז גאָר קיין אַקטיאָר ניט”. ווייזענפריינד אַליין איז פון זיין ערשטער ראָל אין שווארץ'ס טעאַטער אויך געווען ניט ווייניג ענטוישט. ער האָט דאָס געפילט ביים מאַכען פּראָבע און אויך ביים שפּילען. ער האָט נאָך דאַן אַליין געבלאָנדזשעט, אַליין ניט געוואוסט דעם ריכטיגען וועג.

ווען ער איז אויפגעטראָטען אין דער פּיעסע „די ווייסע ליליע", האָט הלל ראָגאָף וועגען איהם געשריבען:

„ווייזענפריינד האָט ניט קיין באַזונדערס גוטע שטימע (צום זינ־גען), אָבער דערפאַר באַזיצט ער אַ ספּעציעלען חן און דערפאַר נעמט ער אַזוי שטאַרק אוים אין אַ פּאָר אינטערעסאַנטע סצענען. זיין זינגען און טאַנצען מיט די כאָריסטקעס אין צווייטען אַקט איז אייגענטלאַך דער גרעסטער היט פון דער פּיעסע".*)

דער „ספּעציעלער חן" אין ווייזענפריינד'ן איז אין אָנפאַנג געווען דער עיקר, וואָס האָט אַלעמען צוגעצויגען, און וועגען דעם האָט מען גערעדט, וועגען דעם האָט מען אַמאָל געשריבען ביי אַ פּאַסיגער גע־לעגענהייט. וועגען קיין ספּעציעלען טאַלאַנט אָבער האָט מען נאָך ניט גערעדט. און דערביי איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אין יענער צייט האָט מען ווייזענפריינד'ן געהאַלטען פאַר אַ קאָמיקער און ער איז אָנגעשטעלט געוואָרען אין טעאַטער צו שפּילען קאָמישע ראָלען.

דער וועג פאַר אַ קאָמיקער איז אויף דער אידישער בינע דער גליטשיגסטער, און ניט איין טאַלאַנטפולער שוישפּילער איז שוין ביי אונז אויף אָט דעם וועג געשטרויכעלט געוואָרען. דער קאָמיקער אויף אונזער בינע מוז דאָס זיין דער, וואָס דאַרף אַלע מאָל וועקען דעם עולם און אים צושטרייען; ער דאַרף דאָס שאַפען די שטימונג, וואָס וועט זיין נויטיג שפּעטער, ווען דער דראַמאַטישער שוישפּילער וועט אַרויסקומען אויף דער בינע; זיין פליכט איז צו האַלטען דעם עולם אין אַזאַ „לעבעדיגער אַטמאָספערע", אַז ער זאָל זיך קענען צוהערען אויפמערקזאַם צו די שווער דראַמאַטישע סצענעס פון דער פאָרשטעלונג; ער דאַרף מיט זיין שפּילען באַדינען די גאַנצע פּיעסע; ער דאַרף זיין דער שמש, וואָס וועקט צו סליחות; ער דאַרף אַפּעלירען צום פּשוט'ען געשמאַק און מוז ניט נאָר שפּילען, נאָר איבערשפּילען. און אַזוי ווי זייער ווייניג קאָמיקער אונ־זערע זיינען געבענשט מיט דעם חוש, וואָס דערפילט די ליניע

*) הלל ראָגאָף, „פאָרווערטס", מאַי 7, 1920.

צווישען דעם שיינעם און דעם מיאוס'ן, כאפען זיי אריבער די מאָס און שפּרינגען אריין אין אזא תחום, וואָס האָט ניט די מינדסטע שייכות מיט קונסט; זיי ווערען פּאיאַצען און קונצענמאַכער, און ווען זיי זעען, אז דאָס נעמט שטאַרק אוים ביים פּשוט'ען עולם און עס העלפט נאָך דערצו אין דער קאַריערע אויך, פארלירען זיי דעם גאנצען דרך ארץ פאר'ן שרייבער און ערלויבען זיך צו האַקען און בראָקען ווערטער און ווערטלאַך, וואָס האָבען מיט דער פּיעסע די מינדסטע שייכות ניט...

און וואָלט מוני ווייזענפריינד דאַן ביי זיך געווען אָפּגעמאַכט, אז ער דאַרף זיין אַ קאָמיקער אויף דער אידישער בינע, ווייל מען האָט אים אויף אזא זשאַנר אָנגעשטעלט; ווען ער וואָלט זיך אַליין ניט געווען געפילט; ווען ער וואָלט זיין אייגענעם טאַלאַנט ניט אָפּ־געהיט ווי אַן אוצר, וואָס אַן אַנדערער האָט אים פאַרטרויט, גלויבענ־דיג אין זיין אָרענטליכקייט, וואָלט ער זיכער אויך געשטרויכעלט גע־ווארען, וואָלט ער זיכער אויך אוועק אויף דעם זעלבען וועג וואָס אַנדערע טאַלאַנטפולע קאָמיקער אונזערע זיינען אוועק.

איז אָבער מוני ווייזענפריינד אַלע מאָל צו זיין אייגענעם טאַ־לאַנט געווען מער פאַראַנטוואָרטליך ווי צו די שאַבלאָנע שטעמפּ־לען, וואָס מען לייגט געוויינליך ארויף אויף אַ שוישפּילער; די אַפּ־לאָדיסמענטען פון דעם פּשוט'ען עולם האָבען פאַר אים ניט געהאַט דעם רייץ וואָס פאַר אַנדערע, און ער איז זיך אוועק זיין אייגענעם וועג.

עס זיינען אָבער די ערשטע צייט דאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָ־בען מורא געהאַט, אַז מוני ווייזענפריינד זאָל נאָך אויך ניט געשטרוי־כעלט ווערען איבער דעם וואָס ער דאַרף שפּילען דעם קאָמיקער. איי־נער פון די, וואָס האָבען מורא געהאַט, איז געווען יואל ענטין. אין זיין קריטיק איבער י. ל. פּרץ'ס „די גאָלדענע קייט", וואָס שווארץ האָט, אין יאר 1920, אויפגעפירט אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, האָט ענטין געשריבען:

„אַן אויסגעצייכענטען רושם, אַ רושם פון פיינער כאַראַקטער־צייכענונג און הומאָר ווייזט אויך אַרויס דער הער ווייזענפריינד, אין פערטען אַקט, אַלס אַ פלאַקס־סוחר, וואָס קומט ביים רבי׳ן פרעגען אַן עצה. דער הער ווייזענפריינד אַמוזירט ערליך דעם עולם. נאָר אָבער שטייט ער שוין אין געפאַר פון זעלבען עולם פאַרפירט צו ווערען אין איבערטרייבונג אַריין און אויך ער דאַרף זיך היטען.*)

און דער טעאַטער־קריטיקער ישראל דער יענקי (י. פרידמאַן) האָט אין „טאַגעבלאַט" געשריבען:

„מוני ווייזענפריינד אַלס דער „סוחר" איז אַ שטיק לעבען פון „היימישען" אידען — דיזער גאַנצער מין לעבען שפּיגעלט זיך אָפּ אין ווייזענפריינד׳ס יעדע מינע און באַוועגונג — אַ גליק וואָס ער איז נ י ט קיין קאָמיקער, ווער ווייסט אין וויפיל איבערטרייבונגען ער וואָלט דאַן אַריינגעפאַלען".

די גאַנצע ראָל פון דעם „סוחר" איז באַשטאַנען פון עטליכע געציילטע ווערטער; אַ איד קומט צום רבי׳ן פרעגען אַן עצה צי ער זאָל קויפען פלאַקס, אָדער קאָרן; ער האָט אין דעם רבי׳ן גרויס בטחון; ער האָט פאַר אים אויך גרויס דרך ארץ און ער וויל ביי אים קיין איבעריגע צייט ניט צונעמען; פרעגט ער אים בלויז צי ער זאָל קויפען פלאַקס, אָדער קאָרן, און ווי דער רבי וועט אים הייסען, אַזוי וועט ער טאָן. אַ ראָל, וואָס ווערט געוויינליך געשפּילט פון אַן אומבאַדייטענדען אַקטיאָר, אָדער גאָר פון אַ סטאַטיסט — האָט מוני ווייזענפריינד פון דעם געמאַכט אַ פּעריל, האָט ער פון דעם גע־שאַפען אַ קינסטלערישע געשטאַלט, און מען האָט פאַר זיך געזען אַ לעבעדיגען מענשען פון אַ דור, וואָס האָט געהאַט טראַדיציעס —

*) דעם אַרטיקעל, פון וועלכען איך ברענג דאָ דעם אויסצוג, האָט יואל ענטין פאַרעפענטלאַכט אין אַ ניו יאָרקער אידישער צייטונג. צום באַדויערן האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען פעסטצושטעלען דעם נאָמען פון דער צייטונג און אויך ניט דעם דאַטום, וויל אין דעם פּריוואַטען אַרכיוו, מיט וועלכען איך האָב זיך באַנוצט אין מיין אַרבייט, פעהלען אויף אַ סך אויסצוגען די נעמען פון די צייטונגען און די דאַטומס.

א שיינעם אידען, א פארגלויבטען, און אין דער זעלבער צייט — אן אומבאהאלפענעם.

כאָטש מוני ווייזענפריינד האָט דאָס ערשטע יאָר אין שווארץ׳ס טעאטער געשפּילט בלויז קליינע ראָלען, האָט מען שוין פונדעסטוועגען געקענט זען די גרויסקייט פון זיין טאַלאַנט. מיט זיין שפּילען אין אומבאַדייטענדע ראָלען און אין עפּיזאָדען־סצענעס, וועלכע זיינען ניט ענג פארבונדען מיט דער פּיעסע, האָט ער באַשטעטיגט דעם כּלל, אז א גוטען אַקטיאָר אויף דער בינע דערקענט מען ניט דאַן ווען ער רעדט, נאָר דאַן ווען ער שווייגט.

אין דעם טעאַטער, וואו מוני ווייזענפריינד האָט געשפּילט דעם ערשטען סעזאָן אין ניו יארק, זיינען געווען שוישפּילער מיט גרויסע נעמען; חוץ שווארץ׳ן האָט דאמאָלט דאָרט געשפּילט די באַוואוס־טע דייטשע אַקטריסע זשעני וואַליער, וועלכע איז אין דער צייט פון דער מלחמה איבערגעגאנגען אויף דער אידישער בינע. זי האָט דאַן געצויגען גרויס אויפמערקזאמקייט, און עס וואָלט דאריבער געווען ניט מער ווי נאַטירליך, אז זי און אויך די אַנדערע באַוואוסטע שוישפּי־לער פון דער טרופּע זאָלען אָוועקציען די אויפמערקזאמקייט פון דעם יונגען קינסטלער, וועלכער איז דאַן נאָך געווען א פּנים חדשות אויף דער אידישער בינע אין ניו יארק. עס איז אָבער ניט געווען אינ־גאַנצען אַזוי; דער טאַלאַנט פון דעם יונגען קינסטלער האָט אַרויס־געשיינט אפילו אין די קלענסטע, אין די אומבאַדייטענדסטע ראָלען.

און כאָטש מען האָט שוין וועגען אים דאמאָלט אויך א סך גע־שריבען, האָבען אַלע דאָך געהאַט דעם איינדרוק און דאָס געפיל, אַז דאָס איז נאָך ניט גענוג, אז מען האָט אים פארזען איבער דעם וואָס מען האָט זיך צופיל אָפּגעשטעלט אויף די אַנדערע.

„צוליב דעם, וואָס מאדאם וואַליער האָט פארנומען די גאַנצע אויפמערקזאמקייט, — האָט דער דיכטער זישא לאַנדוי דאַן געשריבען, — איז פארזען געוואָרען א נייער אַקטיאָר, וואָס האָט דעם יאָר אָנ־געהויבען שפּילען אין „אירווינג פּלעיס טעאַטער״. דאָס איז דער

יונגער מוני ווייזענפריינד. מוני ווייזענפריינד שטאמט פון אַן אַק־טיאָרען־פאַמיליע, ער איז פאַרבונדען מיט'ן טעאַטער פון זיין פרי־סטער יוגענד, אָבער דער סעזאָן איז געווען דער ערשטער, וואָס ער האָט געשפּילט אין אַ גרויס ניו יאָרקער טעאַטער. ער איז אַ פּער־פעקטער שוישפּילער, האָט פיל טאַקט, גרימירט זיך אויסגעצייכענט און מאַכט זייער אַן אַנגענעמען איינדרוק. זיין קאַריערע איז פאַר אים. פון די פּאָר קליינע ראָלען, וואָס ער האָט דעם סעזאָן גע־שפּילט, קען מען אָבער שוין מיט באַשטימטקייט זאָגען, אַז מיר האָ־בען צוגעקראָגען אַ באַדייטענדען טאַלאַנט"

געלאַסען אָבער זיכער איז זיך ווייזענפריינד געגאַנגען זיין וועג און מיט יעדער נייער ראָל, וואָס ער האָט געשאַפען, האָט ער אוועק־געשטעלט אַ מאָנומענטאַל אויסגעהאַקטע פיגור אין דער קונסט־גאַלע־ריע פון'ם אידישען טעאַטער אין אַמעריקע. און מערקווירדיג, דוקא אין די קליינע ראָלען, וואָס ער האָט געשפּילט אין די ערשטע פּאָר יאָר, האָט מען געקענט זען די גרויסקייט פון זיין טאַלאַנט

אין 1920 האָט מען אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער אויפגעפירט פּ. בימקאָ'ס פּיעסע „גנבים". אין דער פּיעסע האָט ווייזענפריינד געהאַט אַ קליינע ראָל פון אַ גנב, וועמען אַלע רופען „לעפּאַק", האָט ער די קליינע ראָל געשפּילט אַזוי גוט, אַז מען האָט זיך אויף אים געמוזט אָפּשטעלען מער ווי אויף די אַנדערע, וועלכע האָבען געהאַט די גרויסע ראָלען.

שרייבענדיג וועגען דעם ווי אַזוי די פּיעסע איז געשפּילט גע־וואָרען, האָט אוריאל מזיק (אַלטער עפּשטיין) זיך אויסגעדריקט אַזוי:

„אָבער אַמשטאַרקסטען האָט זיך אויסגעצייכענט דער יונגער אָבער זייער טאַלאַנטפולער שוישפּילער מוני ווייזענפריינד. דאָס איז געווען אַן אויטאָריטעטע פיגור, וואס ער האָט ארויסגעבראַכט. מען האָט פאַר זיך געזען אַ געניטען מענשען אין זיין פאַך, וועמען מען מוז רעספּעקטירען, און געטאָן האָט ער עס רואיג, געלאַסען אָבער שאַרף און שטאַרק".

אַ סצענע פון „שווער צו זיין א איד". דער ערשטער, רעכטס (זיצענדיג) איז מוני אין דער ראָל פון איוואַנאָוו. לעבען איהם (שטעהענדיג), מישאַ גערמאַן. אין צענטער, ביים טיש, מאָריס שוואַרץ. די ערשטע, לינקס, איז בערטאַ גערסטאַן.

אין דעם זעלבען יאָר — 1920 — האָט מאָריס שווארץ אויפ־געפירט שלום־עליכם׳ס „שווער צו זיין א איד״, און דאַן האָט מען דערזען ווייזענפריינד׳ס טאַלאַנט אין דער פולער גרויס. דער יונ־גער קינסטלער, וועלכער איז דאַן אינגאַנצען אַלט געווען דריי און צוואַנציג יאָר, האָט אין דער פיעסע געשפּילט די ראָל פון דעם רו־סישען סטודענט איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, וועלכער נעמט זיך אונטער צו באַווייזען זיין אידישען חבר, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שווער צו זיין אַ איד. האָט ווייזענפריינד פאר דער ראָל זיך שטאַרק געשראָקען, אַלץ מורא געהאַט, אַז זי איז פאַר אים צו גרויס, און צו נאָהענטער פריינד האָט ער געזאָגט:

„איך וועל אין דער ראָל זיכער דורכפאַלען״.

און אַ סך מענשען אין די אידישע טעאַטער־קרייזען האָבען טאַקע געגלויבט, אַז ער וועט אין דער ראָל פון דעם רוסישען סטו־דענט דורכפאַלען, ווייל דער טיפּ פון איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַ־נאָוו איז אים אינגאַנצען פרעמד; ער איז דאָך קיינמאָל אין זיין לעבען אין רוסלאַנד ניט געווען; ער האָט דאָך קיינמאָל אין זיין לעבען אַזאַ סטודענט ניט געזען.

ביי זיך אין הארצען איז ווייזענפריינד דער קינסטלער אפשר געווען זיכער, אַז ער וועט די ראָל פון איוואַנאָוו׳ן אַנכאַפּען אינ־טואיטיוו, ער האָט אָבער פונדעסטוועגען מורא געהאַט צו זיין זי־כער, און זיצענדיג ביי זיך אין גאַרדעראָבען־צימער פאר דער ערש־טער פאָרשטעלונג, איז ער געווען אַזוי נערוועז, אַז עס איז אונ־מעגליך געווען אויסצורעדען אַ וואָרט צו אים; אַלע מאָל האָט ער געכאַפּט א קוק אין שפּיגעל און באַטראַכט זיין אייגען פּנים; אַלע מאָל האָט ער געכאַפּט אַ קוק אין דער ראָל און זיך פארטראַכט ביי־טענדיג די ליפּען דערביי; ער האָט זיך אַלץ געשראָקען, אַז די ראָל איז צו גרויס פאר אים, און ער האָט חושד געווען, אַז דאָס האָט מען אים אפשר גאָר אומיסטען אַזאַ גרויסע ראָל געגעבען,

כדי ער זאָל דורכפאַלען און מען זאָל זען, אז ער קען שפּילען בלויז קליינע ראָלען, אָבער ניט קיין גרויסע.

אויפ'ן הארצען איז ווייזענפריינד'ן דאן געווען זייער שווער. און ווען מען וואָלט אים דאמאָלט געזאָגט, אַז דוקא אָט די ראָל, פאר וועלכער ער שרעקט זיך אַזוי, וועט אוועקשטעלען זיין נאָמען אין דער ערשטער ריי פון די גרעסטע אידישע בינען־קינסטלער, וואָלט ער זיכער חושד געווען, אז דאָס מאכט מען חוזק פון אים.

אָבער עס איז דאָך אויסגעקומען אזוי, אז אָט די ראָל האָט אים ווירקליך גרויס געמאכט. און אַלע אידישע טעאַטער־קריטיקער האָבען וועגען אים אָנגעהויבען שרייבען מיט דער גרעסטער באַ־גייסטערונג.

„די אינטערעסאַנטסטע ראָלע אין דער פּיעסע, — האָט אב. קאהאַן דאן געשריבען אין „פאָרווערטס", — איז די ראָלע פון דעם קריסט. דאָס איז איינע פון די פיקאַנטסטע ראָלען אין דער דראַ־מאַטישער ליטעראַטור אויף דער אידישער שפּראַך. דיזע ראָלע שפּילט מוני ווייזענפריינד, איינער פון די אינגסטע שוישפּילער אויף דער אידישער בינע. שוין איבער א יאָר ווי מען הערט, אַז דיזער יונגערמאן האָט טאַלאַנט. איך האָב אים געזען אין עטליכע פּיע־סען, אָבער אין דער ערשטער פּיעסע (אויך אין שלום־עליכם'ס ווערק — „טוביה דער מילכיגער") האָט ער זיין ראָלע שטארק איבערגע־שפּילט. אין די אַנדערע פּיעסען האָב איך געקענט באַמערקען, אז דאָס איז אַ שוישפּילער מיט אַן אייגענער פּערזענליכקייט, אזוי צו זאָגען, אַ שוישפּילער וועלכער לאָזט זיך פילען. אין איין פּיעסע האָט ער געהאַט עטליכע ראָלען און אין יעדער פון זיי האָט זיך אָפּגעדרוקט זיין אייגענאַרטיגער „איך".

„אָבער, — שרייבט ווייטער אב. קאהאַן, — דאָס זיינען דאָך געווען גאַנץ קליינע געלעגענהייטען. אין דיזער פּיעסע, „שווער צו זיין אַ איד", האָב איך אים צום ערשטען מאָל געזען אין א וויכ־טיגער ראָלע, מען קען זאָגאר זאגען, אז דאָס איז די וויכטיגסטע

ראָלע אין דער פּיעסע. דער אידישער באַלעבאָס, ביי וועמען דער גוי שטייט איין, האָט אַ סך מער צו ריידען ווי דער קריסט, אָבער זיין ראָלע איז אַ גאַנץ וואָכעדיגע, אין פאַרגלייך מיט דער ראָלע פון אי־וואַנאָוו.

„ווי זשע האָט דער יונגער וויזענפריינד דיזע וויכטיגע אויפ־גאַבע ערפילט? מיין מיינונג וועגען דעם קען איך נאָר אויסדריי־קען אין די פאָלגענדע ווערטער: מיט זיין שפּילען אין „שווער צו זיין אַ איד" האָט וויזענפריינד אריינגעשריבען זיין נאָמען אין דעם בוך פון אידישע טעאַטער־קינסטלער. זיין „איוואַנאָוו" שטעלט אים גלייך אַרויף אויף דער ליסט פון די טאַלאַנטפולסטע אַרטיס־טען, וואס דער אידישער טעאַטער האָט געשאַפען.

„צוויי זאַכען בלייבען אין דעם טעאַטער־באַזוכער'ס זכרון אזוי ווי איינגעקריצט מיט טיפע שטריכען. דאָס איז די פּיעסע און וויזענפריינד. עס וואָלט געווען שווער זיך פאָרצושטעלען די פּיעסע אָן דיזען יונגען קניסטלער.

„עס קומט ביי אים אַרויס אַ קריסטליכער סטודענט, מיט די פלייש און בלוט, מיט דעם פּנים, און מיט דער נשמה פון אַ גרויס־רוסישען ווארים־הארציגען יונגען מאַן. איך וואָלט געמוזט פאַר־נעמען אַ גאַנצען אַרטיקעל אָנצואווייזען אויף די פאַרשידענע איינ־צעלהייטען, אין וועלכע וויזענפריינד האָט אָפּגעשפּיגעלט דעם עכט־רוסישען כאַראַקטער, וועלכען שלום־עליכם האָט געהאַט אין זינען".

און אויסדריקענדיג דעם באַדויערן פאַר וואָס דער גרויסער אידי־שער שריפטשטעלער שלום־עליכם האָט ניט דערלעבט צו זען אויף דער בינע זיין מייסטערווערק „שווער צו זיין אַ איד", מיט דעם יונגען גרויסען קינסטלער מוני וויזענפריינד אין דער ראָל פון איוואַנאָוו, שרייבט אב. קאַהאַן ווייטער אזוי:

„וויזענפריינד איז אַ איד. נאָך מער, ער איז אויף זיין לעבענס־טאָג אין רוסלאַנד ניט געוועזן. ער איז אַן אַמעריקאַנער באָי, און דעם טיפּ האָט מען אים ערקלערט. אָבער ווען ער וואָלט ניט געהאַט די

קינסטלערישע נאטור און א גרויסע איינבילדונגס־קראפט, וואָלט מען מיט אים געקענט קנעלען הונדערט יאָר, און עס וואָלט ניט ארויסגעקומען קיין עכטער איוואנאָוו. עס קומט ארויס ניט נאָר דאָס געשטאַלט פון א „קאצאפּטשיק", ניט נאָר די שפּראך און די אוואיעס פון א קריסטליך־רוסישען סטודענט, נאָר זיין גאנצע פּסיכאָלאָגיע דריקט זיך אויס דורך דעם שפּילען פון דיזען אידיש־אמעריקאנישען „באָי".

„אין זיין ראָלע אלס איד רופט איוואנאָוו, נעבאך, ארויס א סך געלעכטער, אָבער ער אליין איז א טראגישע פיגור. ער איז טראגיש אין זיין פארליבטקייט, מיט זיין עכט גרויס־רוסישער ברייטקייט, און ער איז טראגיש מיט די יסורים, וואָס ער ליידט זעענדיג ווי מען ברענגט זיין רוסישען פאָלק צו שאנדע דורך די שווארץ־מאה'דיגע פארפאָלגונגען און בלבולים אויף אידען".

איך האָב יזך דאָ אָפּגעשטעלט לענגער אויף דער מיינונג, וואָס אב. קאהאן האָט אויסגעדריקט וועגען ווייזענפריינד'ן, ווייל קאהאן איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבען די ערשטע צייט געהאַט דעם איינדרוק, אז דער יונגער קינסטלער קען שפּילען גוט בלויז קליינע ראָלען, אָבער ניט קיין גרויסע. מיט זיין שפּילען די ראָל פון איוואנאָוו אין שלום־עליכם'ס „שווער צו זיין א איד", האָט מוני ווייזענפריינד געביטען קאהאן'ס מיינונג. דער קריטיקער האָט זיך איבערצייגט, אז דער יונגער שוישפּילער קען זיין ניט נאָר א פּערל אין א שנירעל, נאָר טאקע א גאנץ שנירעל פּערל.

און ב. גאָרין (אין „מאָרגען זשורנאל") האָט געשריבען:

„אויסגעצייכענט זיך מיט'ן שפּילען האָט זיך מער פון אלעמען מוני ווייזענפריינד. די געלעגענהייט, אויף וועלכער ער האָט די גאנצע צייט געוואַרט, האָט ער געפונען אין „שווער צו זיין א איד". ער האָט געשפּילט די ראָל פון איוואן איוואנאָוו און האָט ארויסגעבראכט א פּראכטפולען בילד פון דעם יונגען קריסט, וואָס מאטערט זיך צו זיין א איד. דער גרים, די האלטונג, דער גאנג, די שטענדיגע אנגסט, אז מען זאָל אין אים ניט דערקענען דעם קריסט, דער ארט

רעדען, — אַלץ, אַלץ האָט געוויזען, אַז ער קען אויפפּאַסען אַ ראָל, אריינלעבען זיך אין איר און דורכפירען איר מיט שכל און טאַלאַנט".

און אָנווייזענדיג אויף אַ פּעלער, וואָס דער שוישפּילער האָט — לויט זיין מיינונג — געמאַכט אין דער סצענע וואו ער ווייזט ארויס, אַז די אידישע מיידעל הויבט אים אָן געפעלען, גיט ב. גאָרין צו דערביי:

„דאָס איז אַ קליינינקייט, וואָס איך וואָלט גאָר ניט דערמאָנט, נאָר דאָס בילד פון איוואַן איוואַנאָוו איז ארויסגעקומען אַזוי גאַנץ און פול, אַז די מינדסטע פּגימה רייסט די אויגען".

איבעריגענס, איז ב. גאָרין געווען דער איינציגער, וואָס האָט געפונען אַ קליינעם חסרון אין ווייזענפריינד'ס איוואַנאָוו. אַלע אַנדערע קריטיקער האָבען אפילו די „מינדסטע פּגימה" ניט געזען. פאַר אַלע אַנדערע קריטיקער איז ווייזענפריינד'ס איוואַנאָוו געווען אַ קינסטלערישע איבעראַשונג.

„ווייזענפריינד אַלס דער „שייגעץ", — האָט סאַול ראַסקין געשריבען, — איז דער ערשטער ע כ ט ע ר „שייגעץ" אויף דער אידישער בינע. זיין גרים, זיין האַלטונג, זיינע זשעסטען, דערהויפּט זיין ריידען רוסיש אין דער צייט ווען ער פאַרשטייט ניט קיין וואָרט רוסיש, איז איינפאַך טאַלאַנטפול. אַ חוץ דעם איז ווייזענפריינד געבענשט מיט אַ נישט־דאַנקבאַרער פיגור און פּנים. זיין פיגור איז מאָגער און דין, זיין פּנים איז קנאָכיג, איינגעפאַלען און ווייט פון שיין, קומט אים דעריבער שטענדיג אוים צו פירען אַ ביטערן קאַמף געגען זיין אויסזען און ער איז דארום שטענדיג אָנגעוויזען אויף זיין ערפינדונגס־פעאיגקייט, ער איז דארום שטענדיג שעפּפעריש, שטענדיג ניי, איבעראַשענד. פון אַ חסרון איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסע מעלה. ער באַזיצט אויך איינגעבוירענע מעלות, למשל, ער לאָזט זיך ניט פאַרפירען פון אַ געלונגענעם מאָמענט, וואָס רופט ארויס בייפאַל, און מאַכט אים ניט נאָך בעסער דאָס נעכסטע מאָל. דארום איבערשפּילט ער קיינמאָל ניט".

דערביי דאַרף מען נאָך צוגעבען, אַז מיט זיין איוואַנאָוו האָט מוני ווייזענפריינד אָפּגעשאַפט אַן אונערטרעגליכען שאַבלאָן אויף דער

אידישער בינע. פריער איז געווען אן אויסגעדראָשענע פאָרמע פאר א „גוי" אויף דער אידישע בינע; ווען א אידישער אַקטיאָר האָט געשפּילט א „גוי", האָט ער „געהאַקט" רוסיש אויף וואָס די וועלט שטייט, אָדער גערעדט אזוי:

„כאָזאיקאַ — די באַלאַ־באָסטע, סקאַזאַלאַ — געזאָגט".

און מיט אזא האַמעטנעם טאָן, פּונקט ווי יעדער וואָרט וואָלט מיט האַמערס ארויסגעזעצט געוואָרען פון'ם מויל.

ווייזענפריינד אָבער האָט אין דער ראָל פון איוואַנאָוו דווקא גע־רעדט א גוטען אידיש. די גוי'אישקייט" פון דעם העלד האָט ער אונ־טערגעשטראָכען און ארויסגעבראַכט מיט קינסטלערישע מיטלען, אַפּשאַ־פּענדיג אינגאַנצען דעם ביליגען שאַבלאָן, וואָס איז פריער געווען אָנגע־נומען אויף דער אידישער בינע.

„מיט זיין אינטערפּרעטאַציע פון איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו אין שלום־עליכם'ס „שווער צו זיין א איד", — האָט געשריבען יחזקאל ראַבינאָוויטש, — האָט ה' מוני ווייזענפריינד באַוויזען, אז פאַר'ן אמת'ען קינסטלער איז ניטאָ אזא זאַך ווי „צו שווער"; אַלע טירען צו דער מענשליכער נשמה זיינען פאַר אים אָפען — אפילו ווען זי איז פאַר־שלאָסען הינטער די געהיימע שלעסער פון אן עכט רוסישער נאַטור. דער קינסטלער אָריענטירט זיך אומעטום — אפילו דאָרט, וואו עס איז נויטיג ספּעציעלע „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ".

און ווייטער, אין דעם זעלבען אַרטיקעל:

„אָט אזוי ווי ער האָט געשפּילט זיין ראָל, שפּילען גאָט געבענשטע אַרטיסטען".

אויך די טעאַטער־קריטיקער פון די ניט אידישע צייטונגען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף ווייזענפריינד'ס קינסטלערישען שפּילען אין שלום־עליכם'ס „שווער צו זיין א איד". און ווען מאָריס שוואַרץ'ס אידישער קונסט־טעאַטער האָט, אין 1924, געמאַכט א רייזע איבער אייראָפּע, האָט ווייזענפריינד'ס איוואַנאָוו געצויגען גרויס אויפמערקזאַמקייט, און

אַן ענגלישער טעאַטער־קריטיקער אין לאָנדאָן האָט זיך דאַרויף ספּעציעל אָפּגעשטעלט, און אַנאַליזירענדיג די ראָל האָט ער געשריבען:

„מוני ווייזענפריינד'ס איוואַנאָוו איז אַ הויכע מדרגה פון שוישפּיל־קונסט, אַבסאָלוט ריכטיג אין רוסישען אַריסטאָקראַטיזם". *)

איך האָב זיך דאָ לענגער אָפּגעשטעלט אויף די מיינונגען פון די טעאַטער־קריטיקער וועגען מוני ווייזענפריינד'ס איוואַנאָוו, ווייל אָט די ראָל איז געווען זיין ערשטער גרויסער טראַט אויף דער אידישער בינע. אָט די ראָל איז אפשר געווען די אַנטשיידענדע אין זיין קאַריערע; מיט אָט דער ראָל האָט ער אַלעמען געצוואונגען צו גלויבען אין דער־גרויסקייט פון זיין טאַלאַנט. דאַן איז שוין פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז דעם יונגען קינסטלער שטייט פאַר אַ גרויסע צוקונפט, און מען האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט דער פולער דרייסטקייט. „איך זאָג מיט דער פולער זיכערקייט, — האָט דאַן איינער פון די קריטיקער געשריבען אין אַן אַמעריקאַנער ענגלישער צייטונג, — אַז דער יונגער מוני ווייזענ־פריינד איז אַ קינסטלער ביז די שפּיץ פינגער און אַז עס שטייט אים פאַר אַ גרויסע צוקונפט אויף דער בינע. מיר וועלען נאָך פון דעם יונגען מאַן זייער אַ סך הערען. **)

אַלע זיינען אין דעם געווען זיכער. בלויז איינער האָט אין דעם געצווייפעלט. און דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי מוני ווייזענ־פריינד אליין — דער שטענדיגער צווייפלער. ער איז געווען זיכער, אַז „ס'איז נאָך אַלץ ניט דאָס", אַז ס'דאַרף זיין נאָך בעסער און נאָך בעסער, און ער האָט מיט התמדה געאַרבייט איבער זיך, און אַלץ געזוכט די געלעגענהייט צו שאַפען אין אַ ראָל „עפּעס אַזוינס", וואָס זאָל אַרויסרו־פען פרייד און באַגייסטערונג ניט נאָר ביי אַנדערע, נאָר ביי דעם שטרענגסטען קריטיקער — ביי זיך אַליין.

*) לאָנדאָנער „ספּאָרטסמען", 28טען אַפּריל, 1924. אונטערגעשריבען איז דער אַרטיקעל מיט די איניציאַלען ס. ה. ב. ס.

**) אונטערגעשריבען אויף דעם אַרטיקעל איז נאָרמאַן דזש. גינזבורג. לײדער האָב איך ניט געקענט פעסטשטעלען דעם נאָמען פון דער צייטונג, אויך ניט דעם דאַטום, ווייל אין דעם פּריוואַטען אַרכיוו, מיט וועלכען איך האָב זיך באַנוצט, איז געווען בלויז דער אויבענגעבראַכטער אויסצוג.

7

שווער צו זיין א גוטער אקטיאָר אויף דער אידישער בינע.

נאָך דעם גרויסען ערפאָלג אין „שווער צו זיין א איד" האָט מוני ווייזענפריינד, פונקט ווי אנדערע אקטיאָרען אין אזא פאַל, געהאַט א געלעגענהייט צו ווערען א „שטערן" אויף דער אידישער בינע אין אמע־ריקע, דאָס הייסט — ווערען די „אטרעקציע", דער הויפּט־שוישפּילער און — עס פארשטייט זיך — אויך דער דירעקטאָר פון א טעאַטער, און זען, אז די פּיעסען זאָלען „צוגעשניטען" ווערען פאַר אים און די ראָלען זאָלען „געשאַפען" ווערען אזוי, אז ער זאָל זיך ארויסזען מער־פון אלעמען.

און וואָלט ער ניט אָפּגעהיט זיין טאַלאַנט ווי אַן אָרענטליכער־קינסטלער היט אָפּ דעם אוצר, וואָס דער באַשעפער אליין האָט אים פארטרויט, וואָלט ער זיכער גענומען אין אכט די מאַטעריעלע ווינאָדעס וואָס ער האָט געקענט האָבען אלס „סטאַר", און דאַן וואָלט זיין קאַריערע אויף דער בינע אפשר גאָר אַן אנדער ריכטונג אָנגענומען.

האָט אָבער מוני ווייזענפריינד געהאַלטען פון דעם כלל, אז א יונגער שוישפּילער דאַרף אַלץ מער און מער ארבייטען איבער זיך, דאַרף אַלץ מער און מער וויסען, אַלץ מער און מער לערנען, און אז אפילו דאַן ווען ער האָט גאָר גרויסע אַמביציעס, דאַרף ער ניט געבען קיין צו האַסטיגען שפּרונג מיט אַמאָל, נאָר בעסער גיין פּאַמעלאַך און זיכער.

און אזוי איז ער געגאַנגען — פּאַמעלאַך און זיכער.

מענשען האָבען אים דאַן געפּרואווט איינריידען, אז ער זאָל מער ניט שפּילען קיין קליינע ראָלען, אז ער זאָל זיך שוין פּאַרמעסטען מיט די גאָר גרויסע; אז ער זאָל שפּילען די ראָל פון יאַנקעל שאַבשאָוויטש אין שלום אש'ס „גאָט פון נקמה" און ווייזען, אז ער שפּילט דאָס פּונקט

אזוי גוט ווי קעסלער האָט עס געשפּילט; אַז ער זאָל אויפטרעטען אין דער ראָל פון שאַילאָק אין שעקספּיר׳ס „דער סוחר פון װענעדיג״ אין װייזען, אַז ער שפּילט דאָס פּונקט אַזוי גוט ווי רודאָלף שילדקרויט. עס האָבען זיך שוין געפונען דראַמאַטורגען, וועלכע זיינען געווען גרייט צו שרייבען גרויסע ראָלען ספּעציעל פאַר אים. װייזענפריינד איז אָבער געװען פאַרזיכטיג; ער האָט זיך פון קיינעם ניט געלאָזט פאַרפירען, פּונקט ווי ער האָט זיך מיט קיינעם ניט געוואָלט פאַרמעסטען. ער האָט ווייטער געוואָלט שפּילען אין אַנסאַמבעל־פּיעסען און זיך אַלץ געטוליעט צום אידישען קונסט־טעאַטער, וואו ער איז, לכל הדעות, געווען דער ריכטיגער שוישפּילער אויף דער ריכטיגער בינע.

האָט זיך אָבער גראַד געמאַכט אַזוי, אַז דוקא נאָך דעם גרויסען ערפאָלג אין „שווער צו זיין אַ איד״, דוקא נאָכדעם ווי אַלע קריטיקער האָבען וועגען אים מיט אַזאַ באַגייסטערונג געשריבען, איז ער אין אידישען קונסט־טעאַטער ניט אַנגאַזשירט געוואָרען.

צי דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון פּראָפעסיאָנעלער אייפער־זוכט, ווי עס טרעפט געוויינליך אין די טעאַטער־קרייזען, ווען אַ יונגער שוישפּילער הויבט אָן ציען צופיל אויפמערקזאַמקייט, אָדער עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען געלט — דאָס איז איצטער ניט וויכטיג. וויכטיג איז נאָר צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז מוני װייזענפריינד איז ניט אַנגאַזשירט געוואָרען אין אידישען קונסט־טעאַטער דוקא נאָכדעם ווי ער האָט אין דעם סעזאָן פון 1920 געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג וואָס קיין אַנדער אידישער שוישפּילער האָט ניט געהאַט.

אין יענער צייט האָט זיך מוני װייזענפריינד אַנגאַזשירט אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, וואו מען האָט געשפּילט אָפּערעטען פון ניט קיין געהויבענעם שניט. די הויפּט־אַטראַקציע אין יענעם טעאַטער איז דאַמאָלט געווען מאַטילדאַ סאַן־קלעיר, וועמען מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון פּוילען מיט גרויס פּאָמפּ און וועלכע האָט שפּעטער דוקא ניט זייער שטאַרק אויסגענומען. די ערשטע פּיעסע — „די רוסישע פּרינצעסין״ — אין וועלכער זי איז אויפגעטראָטען, איז שנעל דורכגעפאַלען, און די

קריטיקער, וועלכע האבען וועגען דער נייער שוישפּילערין געשריבען מיט ניט ווייניג אנטוישונג, האבען צו איר געהאט גערעכטע טענות פאר וואס זי ערלויבט זיך צו זינגען עפּיס א װאולגאר לידעל „איך רייב" — און אין אזא אפּערעטע האט דער גרויסער קינסטלער מוני ווייזענפריינד געדאַרפט שפּילען נאכדעם ווי ער האט געוויזען די גרויס־קייט פון זיין טאלאנט אין שלום־עליכם'ס מייסטערווערק „שווער צו זיין א איד".

שווארץ'ן האט שוין דערנאך באנג געטאן פאר וואס ער האט זיך ניט געאיילט ווידער צו אנגאזשירען מוני'ן און ער האט געבעטען עדעל־שטיינ'ען, דעם מענעדזשער פון סעקאנד עוועניו טעאטער, אז ער זאל אים דעם יונגען שוישפּילער אפּלאזען צוריק. עס איז שוין אבער געווען פארפאלען, און מוני האט דעם סעזאן פון 1921-22 געשפּילט אין סעקאנד עוועניו טעאטער.

געשפּילט אין אפּערעטען. געטאנצט מיט'ן כאָר צום טאקט פון דער מוזיק וואס רומשינסקי האט געשריבען. עפּעס ווי דורך א כשוף איז ער מיט אמאל געווארען אן אפּערעטען־אקטיאר, און די וואס האבען אים דאמאלט געזען אין דער ראל פון עפּעס א באראן, וואס טראגט א פּאלערינע מיט אונטערשלאג פון רויטען זייד, האבען געמוזט צוגעבען, אז דער יונגער קינסטלער האט געוויזען, אז אויך אין אפּערעטען קען מען — אויב מען האט נאר טאלאנט — שאפען „עפּעס אזוינס", וואס אנדערע שאפען ניט...

בטבע א סענסיטיווער מענש, און דערצו נאך אזא, וואס איז שטענדיג מער אין זיך ווי אויסער זיך, האט מוני ווייזענ־פריינד קיינמאל ניט ליב געהאט די טעאטער־קאפע, וואו עס וועבט זיך פּאליטיק און עס שאפען זיך אינטריגעס. מיד פון דעם נע־ונד לעבען אויף דער וואדעוויל בינע, וואו ער האט אנגעהויבען שפּילען נאך דאן ווען ער איז געווען א קליין אינגעלע פון דרייצען יאר; מיד פון דעם עלענד און וואגלעניש, וואס ער האט דורכגעמאכט אלס א יתום אן א טאטען, האט ער געפילט ווי עס ביינקט זיך אים נאך א רואיג ווינקעלע,

וואו ער זאָל זיך קענען אָפּרוען, וואו ער זאָל קענען ריידען מיט א מענשען, וואָס איז אים נאָענט, וואו ער זאָל אין מאָמענטען פון שטילען אומעט קענען זיין מיט זיך אליין.

און אין יענער צייט האָט זיך מוני וויזענפריינד פארליבט אין

בעלאַ פינקעל.

דער יונגער אַקטריסע בעלאַ פינקעל, די טאָכטער פון דער סוברעטין עמאַ פינקעל, וועלכע האָט אין אירע יונגע יאָרען געשפּילט א גרויסע ראָלע אויף דער אידישער בינע אין אמעריקע. *)

דעם 8טען מאַי, 1921, האָט מוני וויזענפריינד חתונה געהאָט און געשאַפען פאַר זיך די היים, אין וועלכער ער, דער שטענדיגער נע

*) מער אויספירליך וועגען דער ראָל וואָס עמאַ פינקעל האָט אַמאָל געשפּילט אויף דער אידישער בינע זע מיין אַרטיקעל „עמאַ און סאַבינאַ — צוויי בלומען פון דער אידישער בינע”, „פאָרווערטס”, אָקטאָבער 12טען, 1924.

ונד'ניק, האָט זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט. אָבער פּונקט אין דער צייט, ווען ער האָט פאַר זיך געשאַפען אַ ווינקעל אין דער היים, האָט ער פאַרלאָרען זיין ווינקעל אין טעאַטער.

ארויס פון שוואַרץ'ס טרופּע, וואו מען האָט געשפּילט בעסערע פּיעסען און וואו אַ גוטער שוישפּילער מיט אַמביציע האָט געקענט האָבען געלעגענהייטען צו ווייזען זיין טאַלאַנט, האָט זיך מוני ווייזענ־פריינד אין דעם אָפּערעטען־טעאַטער געפילט ווי אַ פאַרלאָרענער. די ראָלען זיינען אים דאָרטען ניט געווען צום האַרצען. ער איז דאָרטען געווען ווי אַן איבעריגער און עס האָט אים אַלץ געצויגען צוריק צום קונסט־טעאַטער, ווייל ער האָט געפילט, אַז דאָרטען און נאָר דאָרטען איז פאַר אים דער ריכטיגער פּלאַץ.

איז אַזוי אַוועק אַ יאָר פון עגמת נפש, און ווען דער נייער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבען, איז שוין מוני ווייזענפריינד ווידער געווען צוריק אין אידישען קונסט־טעאַטער.

אין יענעם יאָר — אין 1922 — איז שוין דער אידישער קונסט־טעאַטער ניט געווען אין אורווינג־פּלעיס, נאָר אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדען, וואו עס איז פריער געווען דער שניצער־טעאַטער. שוואַרץ האָט דאַן, פּונקט ווי אין די שפּעטערדיגע יאָרען פון זיין קאַריערע, געשטרעבט רייכער צו מאַכען דעם רעפּערטואַר פון אידישען קונסט־טעאַטער מיט אוניווערסאַלע דראַמאַטישע ווערק פון דער בעסערער אייראָפּייאישער בינע. האָט ער איינגעלאַדען דעם רוסישען רעזשיסער וולאַדימיר וויסקאָווסקי, ער זאָל שטעלען גאָאָגאָל'ס בארימטע קאָמעדיע „רעוויזאָר", און אויף מוני'ס גורל איז אויסגעפאַלען צו שפּילען די ראָל פון כלעסטאַקאָוו'ס באַדינער — אָסיפּ.

האָט מוני געשאַפען אַ אָסיפּ, וואָס מען וועט קיינמאָל ניט פאַר־געסען.

דאָס איז געווען אַ מייסטערווערק פאַר זיך אַליין.

„וואָס אנבאַטרעפט מוני ווייזענפריינד אין דער ראָלע פון אָסיפּ, — האָט אַב. קאַהאַן דאַן געשריבען אין „פאָרווערטס", — איז ער געווען

אויסגעצייכענט. אין דער ערשטער סצענע, וואו ער ליגט און רעדט צו זיך אַליין, האָט ער ניט געקענט מאַכען דעם געווינשטען איינדרוק. צו רעדען צו זיך אַליין איז איבערהויפּט ניט קיין נאַטירליכער עסק. דערצו נאָך איז דער אַמעריקאַנער ערצויגענער ווייזענפריינד מיט דעם כאַראַקטער און מיט דעם רעדען פון אַזא חברה־מאַן ווי אָסיפּ, ניט באַקאַנט. ווייטער רעדט אָבער אָסיפּ ניט קיין סך, ער גייט אַרום; ער זאָגט אַ פּאָר ווערטער און מייסטענס שווייגט ער קלוג. און מיט זיין אַרומגיין, מיט זיינע פּאָר ווערטער און מיט זיין שווייגען, האָט ווייזענפריינד אויפגעמאָלען אַן אינטערעסאַנטען איינדרוקספולען בילד. מיר ליבען אים כמעט יעדען מאָל, ווען אונז קומט אוים צו רעדען וועגען זיין שפּילען. און דאָס טוען מיר איצט אויך פון גאַנצען האַרצען".

און דר. א. קאָראַלניק אין „טאָג" האָט געשריבען:

„און ווייזענפריינד! זיין אָסיפּ איז געווען — איך וואָלט שיער ניט געזאָגט — געניאַל. איך גלויב, אַז ווייזענפריינד און זאַץ זיינען איצט די גרעסטע אידישע קינסטלער. בלויז ווייזענפריינד האָט מער גליק מיט זיינע ראָלען, אָדער אפשר מער ווילען צו גרויסער קונסט. ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ אידישער אַקטיאָר און אַז ער הייסט מוני ווייזענפריינד, וואָלט איך געקענט שווערען, אַז איך זע פאַר זיך אַ קאַצאַפּ — אַ רוסישען פּויער, אַ יאַראָסלאַווער מוזשיק, מיט די איינגעבויגענע פּלייצעס, מיט די ביטערע אויגעלאַך, נאַאיוו און קלוג אויף זיין אופן. זיינע שטיוועל, זיין גאַנצער הילוך! אַ ראַספּוטין"

„ווייזענפריינד שפּילט אַ „פּעסטונג" פון אַ משרת אויף וועמען כלעסטאַקאָוו קען זייער אַ סך בויאַ, — האָט געשריבען ישראל דער יענקי אין „אידישען טאַגעבלאַט". — זיין פיגור העלפט אים פיל צו דער ערפאָלגרייכער דורכפירונג פון זיין ראָלע".

און ב. גאָרין האָט אין „מאָרגען זשורנאַל" געשריבען:

„מוני ווייזענפריינד האָט געשפּילט די ראָל פון אַ דינער, אַ גאַנץ

אומבאדייטענדע ראָל, נאָר ער האָט דערוויזען צו מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק און ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם פובליקום."

„אַ גרויסען קינסטלער האָבען מיר אין מוני ווייזענפריינד, — האָט געשריבען דער דיכטער און זשורנאַליסט י. קיסין. — ווי אַן אמת'ער



ווייזענפריינד אין דער ראָל פון „אָסיפּ"

טאַלאַנט, איז ער גלייך אריין אין זיין ראָל און האָט געגעבען אַזאַ אָסיפּ (כלעסטאַקאָוו'ס דינער), אַז איר וועט אים לאַנג ניט פאַרגעסען. אַן אַלטער מוזשיק, וואָס רעדט געציילטע ווערטער, מאַכט געציילטע פוילע

באוועגונגען, אָבער וואָס זעט אַלץ, וואָס ארום אים טוט זיך, כאַפּט באַלד ארום יעדע נייע סיטואַציע, ווי משונה'דיג זי זאָל ניט זיין, און פּאַסט זיך אויפ'ן אָרט צו צו איר. ווען דער „גאַראָדניטשי", למשל, שטעלט אוועק ביים טיר פאַר אָסיפּ'ן צוויי פּאָליציסטען פאַר אַן ערען־וואַך, דאַרפט איר זען ווי ער, דער איינגעהויקערטער אַלטער מוזשיק, גיט אַ קוק, „פאַרשטייט" און גייט מיט אַמאָל דורך האַלב טאַנצענדיג, ברייטלאַך, מעשה פּריץ!"*)

און מ. אָלגין, אין דער „פרייהייט", האָט געשריבען:

„מוני וויזענפריינד (אָסיפּ) האָט אפשר ניט געהאַט אַלע האַוואַיעס פון אַ רוסישען פּויער, אָבער ער האָט געשאַפען אַ אינטערעסאַנטע פיגור מיט אַ מאַסע קאָמישע שטריכען".

„וויזענפריינד'ס אָסיפּ, — האָט געשריבען דער טעאַטער־קריטי־קער פון דער ענגלישער צייטונג „איווינינג טראַנסקריפּט", אין באָס־טאָן, — איז אַ מערקווירדיגע כאַראַקטער־צייכענונג, וואָס וואָלט זיך זיכער געפּאַסט פאַר דער בינע פון אַ סטאַניסלאַווסקי".**)

גאָר שטאַרק באַגייסטערט פאַר מוני'ס אָסיפּ איז געווען דער רוסישער רעזשיסער וויסקאָווסקי. פאַר אים איז מוני'ס אויסטייטשונג פון דער ראָל געווען אַן איבעראַשונג. אפילו ביי די בעסטע רעפּעטי־ציעס האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז דר יונגער קינסטלער וועט זיין אַזוי גלענצענד אין זיין ראָל, און ריידענדיג וועגען דעם מיט אַ צייטונגסמאַן, האָט ער געזאָגט:

„ער (וויזענפריינד) איז, דאַכט זיך, דער איינציגער פון די מענער, וואָס האָט קיינמאָל רוסלאַנד ניט אָנגעקוקט, און דאָך פאַרשטייט ער אַזוי טיף די רוסישע פאָלקס־נשמה. זיין שולע איז פאָלשטענדיג די רוסישע, כאָטש נעם אים, פיר אים אוועק קיין מאָסקווע און לאָז אים דאָרט ארויף אויף דער בינע".

---

*) „וועקער", 1922, ניו יאָרק.

**) „איווינינג טראַנסקריפּט", באָסטאָן, 5טען יוני, 1922.

אַ סצענע פון שלום־עליכם׳ס „דאָס גרויסע געווינס״. — פון רעכטס צו לינקס: בערטאַ גערסטאַן (שטעהענדיג), חנה אפּעל, מוני וויזענפריינד, מאָריס שוואַרץ און מישאַ גערמאַן.

און מערקווירדיג! שטודירענדיג די ראָל פון אָסיפּ איז מוני וויי־זענפריינד געווען זייער אומרואיג. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער וועט ניט קענען אָנכאַפּען די נשמה פון דעם רוסישען מענשען, וועלכער איז פון אים אַזוי ווייט; אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אַז ער וועט אין דער ראָל זיין אַ פרעמדער, אַז ער וועט זיך אין איר פּלאָנטערן, איז ער דערפאַר שטענדיג ארומגעגאַנגען אַ ברוגז׳ער, געזאָגט, אַז ער וועט די ראָל אָוועק׳הרג׳ענען און דערמיט זיך אַליין דערקוילען.

„גיט מיר אַן אַנדער ראָל, — האָט ער זיך געבעטען. — זאָל זיין וועלכע ס׳ ניט איז ראָל אין דער פּיעסע, אַבי נאָר ניט אָסיפּ".

אפילו נאָכדעם ווי מען האָט שוין די פּיעסע געהאַט געשפּילט צוויי מאָל, איז מוני וויזענפריינד נאָך אַלץ ניט געווען זיכער צי ער איז אין דער ראָל גוט. ער איז אַלץ געווען אומרואיג. איז דער רעזשיסער וויסקאָווסקי איין מאָל, ביי דער דריטער פאָרשטעלונג, צוגעגאַנגען צי אים און מיט אַ גאַנץ ערנסטען טאָן געזאָגט:

„פאָלגט מיך, מוני, און לערענט זיך אויס רוסיש. דאַן וועל איך אייך רעקאָמענדירען אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער און טאַקע אין דער־ראָל פון אָסיפּ".

און ווען די מאָסקווער קינסטלער זיינען געקומען קיין ניו יאָרק און האָבען געזען איינינע פאָרשטעלונג אין אידישען קונסט טעאַטער, האָבען זיי די פאָרשטעלונגען שטאַרק געליבט; מוני׳ס אָסיפּ האָט ביי זיי ארויסגערופען גרויס באַגייסטערונג, און אין אַ פּריוואַטען געשפּרעך וואָס וואַסילי קאַטשאַלאָוו האָט מיט מיר געהאַט וועגען אידישען קונסט־טעאַטער, האָט ער געזאָגט, אַז אַזאַ שוישפּילער ווי מוני וויזענפריינד וואָלט אפילו ביי סטאַניסלאַווסקי׳ן אין דער טרופּע געווען איינער פון די גרעסטע.

מיט זיין אָסיפּ האָט מוני וויזענפריינד אָוועקגעשטעלט נאָך אַ סטאַטוע אין דער קונסט־גאַלעריע פון גלענצענד געשאַפענע טיפּען אויף דער אידישער בינע אין אַמעריקע. ער האָט זיך אין דער ראָל דער־הויבען צו גאָר אַ הויכער מדרגה פון קונסט. אָבער נאָך העכער האָט

ער זיך דערהויבען אין דער ראָלע פון דעם שניידער־אינגעל קאָפּעל אין שלום־עליכם'ס קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס", וואָס איז שפּעטער אויפגעפירט געוואָרען אין אידישען קונסט־טעאַטער.

שפּילען א קאָפּעל אזוי, אז מען זאָל זיך אויף דער בינע שטאַרק אַנזען — דאַרויף דאַרף מען זיין גאָר א גרויסער קינסטלער. וואָרים פּונקט ווי אין לעבען, אזוי אויך אויף דער בינע, איז קאָפּעל פון די מענשען, אויף וועלכע מען קוקט זיך זייער זעלטען אום; ער איז א גרויסער שלומיאל; צו וואָס ער נעמט זיך, גייט דאָס אים אַלץ מיט דער פּוטער אראָפּ; פאַרליבט ער זיך אין א מיידעל, שעמט ער זיך איר דאָס צו זאָגען, און ווען ער איז שוין גרייט זיך אָנצונעמען מיט מוט, ווייזט זיך ארויס, אז די מיידעל איז גאָר פאַרליבט אין אַן אַנדערען; ווען ס'טוט אים עפּיס וויי, שרייט ער ניט; ווען מען קריוודעט אים, פּראָטעסטירט ער ניט; ער שווייגט מער ווי ער רעדט; א נשמה האָט ער אַן עדעלע, א צאַרטע; פילט זיך טיף געטראָפען פון יעדער קליינינ־קייט, אָבער ער איז ביי זיך שטאַרק געפאַלען און ער קען זיך ניט איינ־רייסען מיט דער וועלט; ער איז פון די מענשען, אַז וועמען מ'דערמאָנט זיך בלויז דאַן ווען מען דאַרף אים האָבען, ער זאָל פאָלגען א גאַנג; ער איז פון די מענשען, וואָס ליידען און שווייגען און האַלטען זיך שטענדיג אַן א זייט, פּונקט ווי א שאָטען.

האָט מען געדאַרפט זען ווי אזוי מוני ווייזענפריינד האָט דעם דאָזיגען נעבעכדיגען, פאַרזעענעם מענשעל, געמאַכט וויכטיג אַלס א קינסטלעריש געשטאַלט אויף דער בינע!

„ווייזענפריינד האָט ניט קיין גרויסע ראָלע, — האָט אב. קאַהאַן געשריבען אין „פאָרווערטס". — אָבער ווי געוויינליך מיט דיזען מערק־ווירדיגען יונגען אקטיאָר, האָט ער אויף איר ארויפגעלייגט א זאָנדער־באַרען זיגעל, וועלכער האָט געצויגען אויפמערקזאַמקייט דורך דער גאַנצער פּיעסע, פיל מער אויפמערקזאַמקייט ווי פיל וויכטיגערע ראָלען. דאָס איז זיין פערזענליכקייט. די ספּעציעלע ווייזענפריינד פּערזענליכ־קייט, וועלכע איז מיט רעכט אזוי באַליבט. א באַזונדער חן ליגט אויף

אַלעס, צו וואָס ער רירט זיך צו. ער האָט געשפּילט דעם אומגליקליכען פון די צוויי פאַרליבטע. ער רעדט זייער ווייניג, ער רעדט אָן ווערטער. אָבער אין זיין שווייגען, אין זיינע שטילע האַוואַיעס ליגט אַ גאַנצע וועלט מיט טראַגעדיע, מיט חן, מיט ליבליכקייט. ער איז אימער גוט אין אַזעלכע ראָלען, און דאָס איז איינע פון זיינע אינטערעסאַנטסטע".

און ס. דינגאָל האָט געשריבען:

„דערפאַר האָב איך אַ סך צו זאָגען וועגען מוני ווייזענפריינד. מ'ווילט זיך דריקען די האַנט דעם דאָזיגען מוני'ן. אַזוי אויפּפאַסען אַ טיפּ און אַזוי שפּילען אים, איז ווערט די גאַנצע אַרבייט און מי, וואָס ער האָט אין אים אַריינגעלייגט. ער האָט אַפילו ניט פאַרגעסען די שניידערשע פּלייצע, וואָס מוז קומען דורך יאָרענלאַנג זיצען און הויבען שטענדיג די האַנט מיט דער נאָדעל. היינט זיין גאַנצער שפּילען! ער איז דער שווייגענדיגער קאַפּעל, און גערמאַן איז דער רעדענדיגער מאָטעל, פונדעסטוועגען האָט צו אונז מוני ווייזענפריינד גערעדט אַ סך מער מיט זיין שווייגען, ווי יענער מיט זיין שפּילען. ער האָט אונז געצוואונגען צו האַלטען אָן אויג אויף אים און ניט פאַרלירען אים פון זיך אויף אַ מינוט. ער האָט געשפּילט דעם ריכטיגען „עמך".

און אַן אַנדער קריטיקער, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבען א. ווילנער, האָט אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג אַזוי:

„און מוני ווייזענפריינד — דער וואָס שפּילט ניט זיין ראָלען, נאָר ער צייכענט, מאָלט אָדער קלעפּט זיי אויס, ווי אַ סקולפּטאָר זיינע סטאַטועס, דער, וואָס זיין מאַטעריאַל און אינסטרומענט איז זיין גאַנצער בויגעוודיגער, ריידעוודיגער קערפּער, נישט נאָר איינציגע טיילען זיינע — מוני ווייזענפריינד האָט דאָ מער ווי אַלע מאָל געשאַפען אַ יש מאַין, אַ הויפּט־ראָלע פון אַ נעבען־ראָלע, אַ קאַפּעל פון אַ „קאַפּעל אויך", — אַ גאַנצע און פאַרענדיגטע מענשלאַכע געשטאַלט, וואָס אַ פּסיכאָלאָג קען שרייבען וועגען איר אַן אינטערעסאַנטען טראַקטאַט, אַ דיכטער — אַ פּאָעמע, און אַ שניצער קען זי אויסשניצען, און עס וועט זיין אַ קונסטווערק. קאַפּעל דער שניידעריונג, וואָס ביי שלום־עליכם'ן

איז ער א „פינפטע ראָד צום וואָגען", איז דורך ווייזענפריינד'ן דורכ־געלויכטען געוואָרען און אויפגעהויבען אויף עפּעס א מין מדרגה, אויף וועלכער עס געפינט זיך א למד־וואָווניק, ווען אליהו הנביא קומט מיט אים לערנען תורה בייגאכט".

א ספּעציעלען אַרטיקעל וועגען מוני ווייזענפריינד'ס קאַפּעל האָט אָנגעשריבען א. גלאַנץ, אין „טאָג".

ריידענדיג באריכות וועגען דעם טיפּ קאַפּעל אין אַלגעמיין און אויך וועגען דעם ווי אזוי דער יונגער קינסטלער האָט קאַפּלען אויסגעטייטשט, זאָגט דער קריטיקער אזוי:

„דער דאָזיגער אַקטיאָר האָט זיך שוין ניט איין מאָל וואונדערבאַר אויסגעצייכענט אין פאַרשיידענע ראָלען. און דאָ איז אים אויסגע־קומען צו שפּילען א זייטיגע, א כמעט צופעליגע זאך. אָבער ווי „אויך קאַפּעל" לעבט ביי מוני ווייזענפריינד'ן! עס איז גענוג זיך צו דער־מאָנען בלויז אָן דער סצענע, וואו עס ווערט פאַרגעשטעלט ווי ביילקע קלייבט אויס מאַטלען, ניט קאַפּלען (ווי דען אַנדערש?), פאַר א חתן, און ווי קאַפּעל — ווייזענפריינד — דריקט אויס זיין ווייטאָג דערמיט, וואָס ער קערט זיך אום און פאַלט צו א שווערער, א צוטראַטענער צום פענסטער — און דאָס בילד פון אַלע „אויך קאַפּעלס" ווער לאַנג שטיין אין זכרון. זיי מיט זייער ניט געראָטען לעבען, מיט זייערע זעלטען־אויסגעדריקטע אָבער שטענדיג צושמעטערטע פאַרלאַנגען, מיט זייער רעזיגנירטקייט, מיט זייער צוגעבען, אַז זיי זיינען לא יוצלח'ס.

„אויך קאַפּעל" ביי שוואַרץ'ן אין טעאַטער, אין דער געשטאַלט פון מוני ווייזענפריינד רירט ביז'ן האַרצען, רירט אינטים, מיט א כמעט אייגענעם פערזענליכען שמערץ. אין לעבען קוקט מען זיך זעלטען אויף אים אַרום. אויף דער בינע האָט ווייזענפריינד פון אים געמאַכט א טראַגישע פיגור, וואָס מען קען זעלטען פאַרגעסען".

און א. פרומקין, אין אַן אַרטיקעל, וואָס ער האָט געשריבען ווען „דאָס גרויסע געווינס" איז געשפּילט געוואָרען אין פילאַדעלפיער אַרטש

סטריט־טעאַטער, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט ספּעציעל אויף מוני'ס קאַפּעל. ער האָט געשריבען:

„וויזענפריינד ברייננט ארוים די טראַגיק פון דעם אומגליקליכען, שלים־מזל'דיגען קאַפּעל מיט יעדען ריר, מיט יעדען בליק, מיט יעדער האַנט־באַוועגונג זיינער. אין אַט דער פאַרהעלטניסמעסיג קליינער, פּאַסיווער ראָלע צייגט וויזענפריינד ארוים זיין ריזיגען טאַלאַנט אין קיין קלענערער מאָס ווי אין די גרויסע ראָלען, אין וועלכע ער האָט זיך ביז אהער אויסגעצייכענט. *)

אויך די קריטיקער פון די ענגלישע צייטונגען אין ניו יאָרק האָבען זיך מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אָפּגעשטעלט אויף מוני'ס קאַפּעל און אונטערגעשטראָכען דעם פאַקט, אַז ער האָט געשאַפען גרויסעס אין אַ קליינער ראָל.

און דאָ דאַרף דערמאָנט ווערען דער פאַקט, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס וויזענפריינד האָט אויסגענומען ביי דעם שטרענגסטען קריטיקער — ביי זיך אַליין.

קנאַפּע הונדערט ראָלען האָט וויזענפריינד געשפּילט אין די יאָרען, וואָס ער איז געווען אויף דער אידישער בינע אין ניו יאָרק, און פון זיי אַלע איז די ליבסטע ראָל ביי אים — קאַפּעל.

און נאָך קאַפּלען קומט נאָך אַ ראָל, וואָס איז אין עצם אינגאַנצען אַנדערש, און דאָס איז — דער דיאַק קיריל קיריליטש אין י. ד. בערקאָוויטש'עס „מאָשקע חזיר". אַט די צוויי ראָלען זיינען מוני'ן פּערזענליך ליבער פון אַלע אַנדערע ראָלען, וואָס ער האָט געשאַפען, אוןביידע „העלדען" זיינען מענשען שטילע, וועלכע גייען זיך אין לעבען מיט אַ זייטיגען וועג, פּונקט ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט, אַז זיי זאָלען זיך נאָך, חלילה, ניט וואַרפען אין די אויגען צופיל.

אָבער וועגען דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידען שפּעטער.

---

*) „אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, מיטוואָך, דעם 23טען מאַי, 1923.

8

א קינסטלער א נע־ונדיניק.

נאָכ'ן גרויסען ערפאָלג אין גאָגאָל'ס „רעוויזאָר" און אין שלום־עליכם'ס „דאָס גרויסע געווינס", איז מוני ווייזענפריינד ווידער ניט אנגאזשירט געוואָרען אין אידישען קונסט־טעאטער, און אין דעם סעזאָן פון 1923-24 האָט ער געשפּילט אין אירווינג פּלעיס טעאטער מיט סעמיועל גאָלדענבורג.

פאר די מענשען, וועמען דער אידישער קונסט־טעאטער איז געווען נאָענט, איז דאָס געווען א גרויסע ענטוישונג. מען האָט זיך איינפאך ניט געקענט אויסמאָלען דעם אידישען קונסט־טעאטער אָן מוני ווייזענ־פריינד. און דר. א. מוקדוני האָט דאַן געשריבען:

„ווי וועט אויסזען שוואַרץ'ס טעאטער אָן מוני ווייזענפריינד? ווייזענפריינד איז געווען דער ריינער קינסטלערישער געוויסען פון דעם דאָזיגען טעאטער.

„א ציטערדיג קינד דאַרף נויטיג די צאַרטע, ווייכע הענט פון א מאַמען. דער ציטערדיגער קונסט טעאטער האָט געהאַט ווייזענפריינד'ס ווייכקייט און צאַרטקייט.

„דער קונסט טעאטער איז דאָך א ציטערדיג קינד.

„ביי יעדער פאָרשטעלונג פלעג איך פילען עפּעס א באהאַלטענעם שרעק: אָט ווערט דאָס קינד געשטרויכעלט, אָט פאַלט עס. איך האָב כסדר געוואַרט אויף ווייזענפריינד'ס ארויסטריט.

„זיכערער און רואיגער פלעג איך ווערען ווען דער דאָזיגער יונגער־קינסטלער פלעגט ארויס פון הינטער די קוליסען. ניטאָ דער שרעק, פאַרשוואונדען די מורא. דאָס ציטערדיגע קינד וועט ניט געשטרוי־כעלט ווערען און וועט זיך ניט שעדיגען.

„אַ קליינינקייט די ווייכע, צאַרטע האַנט פון אַ מאַמען!

„און עפּעס דוכט זיך מיר, אַז ווייזענפריינד איז געבליבען אָן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ.

„ער ווערט אַ נע ונד׳ניק, אַ קינסטלער אָן אַ היים, אָן אַ אַטעליע, וואו ער קען שאַפען.

„אַזוי יונג און שוין היימלאָז, שוין נע ונד״.*)

אַזוי האָבען געפילט די מענשען, וועלכע האָבען הויך געשעצט ווייזענפריינד׳ס טאַלאַנט און ביי וועמען ס׳איז געווען קלאָר, אַז מען דאַרף אים פונ׳ם קונסט־טעאַטער קיינמאָל ניט אַוועקלאָזען.

אָבער דער גאַנג פון אידישער טעאַטער פּאָליטיק האָט זיך געהאַט אַנדערע חשבונות.

דער אוירווינג פּלעיס טעאַטער, וואוהין ווייזענפריינד איז איבער־געגאַנגען שפּילען דעם סעזאָן פון 1923-24, איז אין יענער צייט גע־ווען — קען מען זאָגען — אַ בית הקברות פון פּיעסען. קיין קלאָר אַנגעצייכענטען וועג האָט דער טעאַטער ניט געהאַט; מען האָט דאָרט געבלאָנדזשעט אין דער פינסטער און זיך געוואָרפען פון ליטעראַטור צו שונד און פון שונד צו ליטעראַטור; יעדער אויפפירונג איז געווען אַ צופעליגע, שנעל געכאַפּטע און נאָך שנעלער איבערגעכאַפּטע; די לאַגע איז דאָרטען געווען אַזאַ, אַז אַ פּיעסע האָט מאַטעריעל גלייך געמוזט ברייננגען די גאולה, און אויב ניט, האָט מען זי גלייך אַרונטערגענומען און שוין אַרויפגעשטעלט אַן אַנדערע. האָט מען אָנגעהויבען מיט ה. סעקלער׳ס „יוסי פון יוקרת״ און זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן צו זאָלאָטאַ־רעווסקי׳ס אַ מעלאָדראַמע „די שפּין און די פליג״, און עס איז אַוועק אַ סדרה פון אויפפירונגען, וואָס האָבען זיך אין גרונד איינע מיט דער אַנדערער גאָר ניט אָנגעקערט.

אין די ערשטע צוויי דורכגעפאַלענע פּיעסען — סעקלער׳ס „יוסי פון יוקרת״ און זאָלאָטאַרעווסקי׳ס „די שפּין און די פליג״ — האָט מוני

---

*) „מאָרגען זשורנאַל״, 1923.

ווייזענפריינד געשאפען צוויי טיפען, וועלכע וועלען לאנג בלייבען אין דעם זכרון פון די, וואס האבען אים דאן אין די צוויי ראלען געזען.

ריידענדיג וועגען דעם דורכפאל פון די צוויי פיעסען האט הלל ראגאף געשריבען:

„דאך ווילען מיר זאגען, אז די, וואס האבען די צוויי פיעסען ניט געזען, האבען פארלארען א זעלטענעם קינסטלערישען גענוס. זיי האבען פארלארען די געלעגענהייט צו זען מוני ווייזענפריינד אין צוויי נייע ראלען. פון אלע, וואס מיר האבען בייגעוואוינט דעם סיזאן אויף דער אידישער בינע, וועלען אין אונזער מוח אם לייגנסטען פארבלייבען אט די צוויי טיפען, וואס ווייזענפריינד האט געשאפען".

און דא שטעלט זיך דער קריטיקער אפ אויספירליך אויף דעם אופן ווי אזוי דער קינסטלער האט די צוויי ראלען געשאפען:

„אין „הייליגען טיראן" (יוסי פון יוקרת), — שרייבט ער, — שפילט ער (ווייזענפריינד) די ראלע פון א נזיר, אן אלטען איד, וואס איז אפגעזונדערט פון דער וועלט, וואוינט אין א הייהל און גיט זיך אפ מיט העלפען ליידענדע און פארלאזענע. ער האט א קלוגע אויג און א גוטע הארץ, און ער פארדינט ליבע און רחמנות. דער טיפ איז ענליך צו לוקא אין גארקי'ס „נא דניע". ווייזענפריינד שפילט דעם טיפ אזוי קינסטלעריש, אז אין די עטליכע קורצע סצענען, וואו ער ערשיינט, ווערט ער אייך איינגעבאקען אין הארצען. איר פארגעסט, אז אן אקטיאר שפילט פאר אייך, איר געדיינקט בלויז דעם נזיר מיט זיין גוטע און קלוגע אויג, מיט זיין ווארימען שמייכעל, מיט זיין לאשטשענדע שטימע. דער נזיר אין „הייליגען טיראן" איז ניט וואס מען רופט א רעאליס־טישער טיפ. איר באגעגענט ניט קיין נזיר אין אלטעגליכען לעבען. ער איז ניבער א פארקערפערונג פון געדאנקען און געפילען. ווייזענ־פריינד בלאזט אבער אין אים אריין א נשמה דורך זיין שפילען, דורך זיין פארשטעלונגס־קראפט. ער מאכט אים פאר אן אמת לעבעדיגען מענשען. דער נזיר לעבט ניט דורך דער האנדלונג און דורך די רייד, וואס דער פארפאסער האט פאר אים אויפגעשריבען, נאר דורך דעם

גרים און דורך דער האלטונג, דורך וועלכע וויזענפריינד שפּילט אים אויס".

„אין „די שפּין און די פליג" איז ווייזענפריינד שוין אַ רעאַליס־טישער טיפּ, אַ איד, וועמען איר דערקענט אפילו ווען איר זאָלט אים קיינמאָל אין אייער לעבען ניט האָבען געזען. אין די ערשטע צוויי אקטען איז ער אַ חזן, און אין די לעצטע צוויי ווערט ער אַ פּעדלער. ווען ער איז אַ חזן, איז ער אַ חזן מיט די ביינער, אַ חזן מיט זיין בייכעל, מיט זיין באָרד, מיט זיין כאַלאַט, מיט זיינע הענט און די שפּיץ פינגער. און דערנאָך, ווען ער נעמט זיך צום פּעדלען, ווערט ער אַ פּעדלער אין זיין יעדען קער און ריר. עס פאַלט ביי אים אראָפּ די בייכעל, עס ווערט ביי אים פּעדלעריש צוקנייטשט דער ראָק און די וועסט. די הענט באַוועגען זיך גאָר אנדערש, די פיס שטייען אנדערש, די באָרד שאָקעלט זיך גאָר אנדערש. און אַלץ איז אזוי אמת, אזוי קינסטלעריש אמת, אזוי קינסטלעריש ריין, אָן די מינדסטע איבער־טרייבונג. ווייזענפריינד איז איינער פון אָט יענע זעלטענע אקטיאָרען, וואָס זיינען אינגאַנצען פריי פון טעאַטער האַוואיעס, טעאַטער שפּיצלאַך און טעאַטער טעכניק. אין יעדער נייער ראָלע, וואָס ער שפּילט, איז ער אַ נייער מענש. יעדעס מאָל, ווען ער טרעט ארויף אויף דער בינע אין אַ נייער ראָלע, וועט איר בשום אופן ניט דערקענען, אַז דאָס איז ווייזענפריינד. דאָס קען געזאָגט ווערען בלויז וועגען אקטיאָרען פון דעם העכסטען סאָרט". *)

אין דעם זעלבען סעזאָן האָט מען אין אירווינג פּלעיס טעאַטער אויפגעפירט ניקאָלאַי יעווריינאָוו'ס פּיעסע „די הויפּטזאַך" (איבערזעצט פון מ. אשעראָוויטש), און דאָ האָט מוני ווידער ארויסגעוויזען זיין טאַלאַנט אין שאַפען אַ טיפּ, וואָס האָט זיך שטאַרק ארייַנגעקריצט אין זכרון. ער האָט אין דער פּיעסע געשפּילט די ראָל פון דעם קאָמיקער, וואָס פאַרשטעלט זיך אין די וויטערדיגע אקטען פאַר אַ מיליטערישען דאָקטאָר, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגען פון פּראַקטיס, האָט ער אין דער

*) „פאָרווערטס", אָקטאָבער 5, 1923.

ראָל אריינגעטראָגען אזא חנ'עוודיגע שפּילעוודיגקייט און אזא סימפּאַ־טישען טראַגי־קאָמיזם, אז עס איז געווען א זעלטענער פארגעניגען אים צו זען.

ער האָט אין דער ראָל אויסגעארבייט אזעלכע דעטאַלען, אזעלכע קינסטלערישע שטריכען, אז ניט דער שרייבער און ניט דער רעזשיסער האָבען דאָס פריער געקענט זען. די געשטאַלט פון דעם דאָקטאָר־קאָמי־קער האָט זיך ביי אים אזוי צוזאַוואַקסען, אז מאָמענטענווייז האָט זיך געדוכט, אז ער האָט פאר זיך די גאַנצע בינע פארכאַפּט און אז די אַנדערע אַקטיאָרען פילען דאָס בחוש און זיי ראַנגלען זיך מיט אים, ער זאָל זיי אזוי פיל ניט פארשטעלען.

ער איז געווען מערקווירדיג אַקטיאָריש־כאַראַקטעריסטיש אינ'ם צווייטען אַקט, ווען מען מאַכט פּראָבע אין „קוואַ־וואַדיס"; מיט זיין גרים, מיט זיין האַלטונג און מיט זיין ריידען האָט ער געשאַפען א געשטאַלט פון א טיפּישען אַלטען קאָמיקער א שכור אין א פּראָווינציעלער טרופּע. און ער איז געווען זייער איינדרוקספול אינ'ם דריטען און פערטען אַקט, וואו ער איז שוין פארשטעלט אַלס אַן אַלטער מיליטע־רישער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך צוריקגעצויגען פון פּראַקטיק.

אין דעם מאָמענט ווען ער באַשליסט צו צושטערען די גאַנצע אילוזיע און אויסזאָגען דעם אמת דער בעל־הבית'טע פון די מעבעלירטע צימערען, אז אַלעס איז געווען ניט מער ווי א טעאַטער־שפּיל, האָט ער זיך דערהויבען צו גאָר א הויכער מדרגה פון קונסט.

„אז איך בין ניט קיין דאָקטאָר, איך בין גאָר א קאָמיקער!" — האָט ער, א פארצווייפעלטער, געשריגען. און אין אָט די עטליכע גע־ציילטע ווערטער האָט ער אריינגעלייגט אזוי פיל וויטאָג און אזוי פיל קונסט, אז אין דער זעלבער צייט וואָס ס'האָט געריסען ביים הארצען, קוקענדיג אויף אים, האָט מען אויך געלאַכט פון דער קאָמישער סיטואַציע, אין וועלכער ער האָט זיך אריינגעפּלאָנטערט.

היינט זיין שרעק ווען ער שטויסט זיך אָן אָן דעם סקעלעט, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט אויף דעם מאַסקאַראַד, און דעם ווילדען גע־

שריי, וואָס ער טוט דערביי! יעדער באַוועגונג זיינע איז געווען לויטער קונסט.

האָבען טאַקע אַ סך מענשען געמיינט, אַז די ראָל, וואָס מוני וויזענפריינד שפּילט אין יעוורעינאָוו׳ס פּיעסע, איז זייער אַ גרויסע, אויב ניט די גרעסטע אין דעם שטיק. האָט מען אָבער שפּעטער אויפגעפירט דיזעלבע פּיעסע אויף דער ענגלישער בינע, אין איינעם פון די גילד־טעאַטער׳ס און אַן אַנדער אַקטיאָר האָט געשפּילט דיזעלבע ראָל, האָט מען אים גאָר ניט אָנגעזען, און דאַן האָט מען זיך איבערצייגט, אַז ניט די ראָל איז געווען גרויס, נאָר וויזענפריינד האָט זי געמאַכט גרויס.

„די ראָלע פון דעם אַלטען שכור, דעם קאָמיקער, האָט געהאַט וויזענפריינד, — האָט אַב. קאַהאַן דאַן געשריבען. — עס איז אין גרונד ניט קיין וואָזשנע ראָלע. זי רופט אָבער אַרויס אַ סך שפּאַס, און וויזענפריינד, וועלכער שפּילט אימער גוט האָט דיזען מאָל קיין צו גרויסע אַרבייט ניט געהאַט״.*)

אַן אַנדער קריטיקער האָט געשריבען:

„מוני וויזענפריינד איז פּשוט באַגייסטערענד פון ערשטען אויפטריט ביז׳ן לעצטען״.**)

דערביי וועט אפשר זיין ניט איבעריג צו באַמערקען, אַז אין דער „הויפּטזאַך״ האָט אויך געשפּילט בעלאַ פינקעל, די פרוי פון מוני וויזענפריינד, און זי האָט געמאַכט זייער אַן אָנגענעמען איינדרוק און די קריטיקער האָבען זי געלויבט.

קיין איינע פון די פּיעסען, וואָס מען האָט אין יענעם סעזאָן אויפגעפירט אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער, האָט ניט געהאַט קיין מזל, האָט מען זיך דעריבער געמוזט וואַרפען אין אַלע זייטען און פּרואווען אַלע מאָל עפּעס אַנדערש. דערצו האָט מען זיך נאָך אין דער טרופּע, וואו מען האָט דאַן געשפּילט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, געהאַלטען אין

*) „פאָרווערטס״, דעצעמבער 10, 1923.
**) ליליפּוט, אַקטיאָרען אין לעבען, „פרייהייט״, דעצ. 3, 1923.

איין ארומרייסען, און דער שיקזאל פונ'ם טעאטער איז שטענדיג גע־האנגען אין דער לופטען. און ביי אזעלכע אומשטענדען איז פאר דעם סענסיטיווען מוני ווייזענפריינד, ס'פארשטייט זיך, געווען אונמעגליך צו שאפען אזוי ווי ער וואלט געוואלט. עס איז איינפאך געווען אונ־מעגליך זיך צו פארטיפען אין א ראָל און ערנסט ארבייטען איבער איר.

און פונדעסטוועגען האט ווייזענפריינד אין יענעם שווערען סעזאָן דאָך געשאפען איניגע זייער פיינע ראָלען, וועלכע האבען געצויגען א סך אויפמערקזאמקייט און נאָך מער ווי אלע מאָל אונטערגעשטראָכען דעם פאקט, אז שפּילען שלעכט קען ער ניט, און אז אפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדען וואקסט זיין טאלאנט אלץ גרעסער און גרעסער.

אין ז. ליבין'ס פּיעסע „שלעכט אָן געלט“, וואָס איז אין יענעם סעזאָן אויפגעפירט געוואָרען אין אירווינג פלעיס טעאטער, האט ווייזענ־פריינד געשפּילט די ראָל פון א דאָקטאָר, וואָס איז א מין מעפיסטאָ־פאָל, האט הלל ראָגאָף וועגען אים דאַן געשריבען אזוי:

„נאטירליך, שיין און קינסטלעריש שפּילט ווייזענפריינד די ראָלע פון דעם טייוועל־דאָקטאָר. די ראָלע איז ניט קיין וויכטיגע און זייער א קליינע. דאָך פירט ער איר דורך אויף אזא פיל ערנסט, אז ער לאָזט איבער א שטארקען איינדרוק אויף די צושויער. מען דערזעט אין אים אי דעם טייוועל, וועלכער זוכט דייוו'ס גליק צו פארניכטען, אי דעם געלערענטען דאָקטאָר, וועלכער ברייננגט אים א היילונג צו זיינע ליידען. אין די פארשיידענע מאָמענטען איז ער אן אנדער פערזענליכקייט, און איינער שטערט ניט דעם אנדערען“. *)

דעם סעזאָן פון 1924-25 איז שוין מוני ווייזענפריינד צוריק געווען ביי שווארץ'ן. אָט אזוי האט זיך עס אלץ געדרייט: א סעזאָן, אָדער אמהעכסטען צוויי סעזאָנען, אין קונסט־טעאטער, און דערנאָך ווידער אין גלות; א סעזאָן אין גלות און דערנאָך ווידער צוריק אין קונסט־טעאטער.

און אלע מאָל, ווען ווייזענפריינד איז געווען מיט'ן קונסט־טעאטער,

*) „פאָרווערטס“, נאָוועמבער 9, 1923. (שיקאַגער אויסגאַבע).

האָט ער דאָרט ארויסגעשיינט און אין יעדער נייער אויפפירונג האָט ער געשאַפען אַ נייעם טיפּ, וואָס איז געווען אַ קונסט ווערק פאַר זיך אליין.

אין יענעם סעזאָן — 1924-25 — איז דער צוזאַמענשטעל פון



אין דער ראָל פון קיריל קירילִיטש.

דער טרופּע אין קונסט־טעאַטער ווירקליך געווען אַזאַ געראָטענער, אַז מען האָט זיך געקענט פאַרמעסטען גרויס. חוץ שוואַרץ'ן און ווייזענ־פריינד'ן, איז אין דער טרופּע דאַמאָלט געווען די בארימטע דייטשיש־אידישע שוישפּילערין לאַה ראָזען, עם זיינען דאָרט אויך געווען: בן־צבי באַראַטאָוו, ה. מייזעל, איזידאָר קעשיר, וואָלף גאָלדפאַדען, לאַזאַר פריד, מאַרק שווייד, אברהם טייטעלבוים, יעקב מעסטעל, בינא אבראַמאָוויטש, חנה אַפּעל און בערטא געסטאָן—אַלץ אַזעלכע שוישפּילער, וועלכע האָבען זיך שטענדיג געוואָרימט אין דעם פייער פונ'ם אידישען קונסט־טעאַטער און געהאַט אַ באַציאונג צו דער אַרבייט, וואָס זיי טוען דאָרט.

האָט מען זיך טאַקע פאַרמאָסטען גרויס און אויפגעפירט אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען דעם אידישען קונסט־טעאַטער פאַרשאַפט אַ סך כבוד און רייך געמאַכט זיין רעפּערטואַר.

צווישען די פּיעסען, וואָס מען האָט אין יענעם סעזאָן אויפגעפירט אין שוואַרץ'ס טעאַטער איז געווען י. ד. בערקאָוויטש'עס דראַמע „מאַשקע חזיר", און אין איר האָט מוני ווייזענפריינד ווידער געפונען אַ געלעגענהייט צו שאַפען אַזאַ ראָל, וואָס זאָל שטאַרק אויסנעמען ניט נאָר ביי די קריטיקער, נאָר אויך ביי זיך אַליין.

דאָס איז געווען די ראָל פון דעם דיאַק קיריל קירילִיטש פּיאַטאַק, וועלכער זעט די געמיינהייט פון דער וועלט מיט אַזעלכע קלאָרע אויגען, אַז ער קען פאַר זיך קיין אַנדער טרייסט ניט געפינען ווי נאָר דאָס פלעשעל.

„מוני ווייזענפריינד, — האָט אַ טעאַטער־קריטיקער דאַן געשריבען, — שטייגט אין קיריל'ן נאָך אַמאָל ארויף צו אַ גרויסער קינסטלערישער מדרגה. ער דערהויבט זיך צו אַ שטיק מאָסקווין אין דעם מאָלען פון רוסישע ראָלען, וועלכע זיינען אים, אפּנים, זייער באַקאַנט". *)

מיט דער באַמערקונג, אַז רוסישע ראָלען זיינען דעם קינסטלער „אפּנים זייער באַקאַנט" האָט דער קריטיקער דאָ ניט געטראָפען. ווייזענפריינד'ן זיינען אַזעלכע רוסישע מענשען ווי קיריל קירילִיטש דוקא געווען אינגאַנצען אומבאַקאַנט; ער האָט זיי אין זיין לעבען קיינמאָל ניט געזען; ער האָט זיי געקענט בלויז פון דער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געלייענט. ער האָט זיי אָבער אָנגעכאַפּט אינטואיטיוו, מיט זיין קינסטלערישען חוש, פּונקט ווי ער האָט דאָס געטאָן שפּעטער אין ראָמאַן ראָלאַנ'ס פראַנצויזישער פּיעסע „וועלף".

אין אַן אַרטיקעל, וואָס שכנא עפּשטיין האָט אָנגעשריבען אין דער קאָמוניסטישער צייטונג „פריהייט" און ארונטערגעריסען די פּיעסע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם שפּילען.

„אויב דאָס שטיק, — שרייבט ער, — איז גאָר ניט ווערט, האָט

*) א. קריטשמאַר־יזרעאלי. „אידישע פיהרער" (באָסטאָנער אויסגאַבע), אָקט. 15, 1924.

שוין אָבער גאָר א גרויסען ווערט דאָס שפּילען פון דער קאָמפּאַניע. עס וואָלט געווען אַן עולה אויסצוטיילען דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, ווייל אַלע האָבען זיי געשפּילט זייער גוט. אמת אויסגעצייכענט האָבען זיך באַזונדער בן־צבי בּאַראַטאָוו אין דער ראָל פון „מאַשקע חזיר", מוני ווייזענפריינד אין דער ראָל פון דיאַקאָן פיאַטאַק, מארק שווייד אין דער ראָל פון אליאַשקע. נאָר אויך די איבעריגע אַקטיאָרען האָבען זיך גוט איינגעפּאַסט אין דעם גאַנצען אַנסאַמבעל."

אָבער כאָטש דער קריטיקער האָט דאָ ניט געוואָלט „אויסטיילען דעם אָדער יענעם אַקטיאָר", האָט ער זיך דאָך אָפּגעשטעלט באַזונדער אויף דעם שפּילען פון מוני ווייזענפריינד.

„ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, — זאָגט ער ווייטער אין דעם זעלבען אַרטיקעל, — פאַרדינט דאָך א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מוני ווייזענפריינד. ער באַשאַפט פון פּיאַטאַק'ן א טיפּ, וואָס האָט ניט וואָס אַראָפּצופּאַלען פאַר מאַסקווין'ען פון מאָסקווער קונסט טעאַטער. גרויס איז אויך בּאַראַטאָוו. אָבער פון זיין שפּילען ווייעט שוין צופיל די אַלטע רעאַליסטישע שול. עס באַקומט זיך א געוויסע איינאַרטיגקייט ביי אים. שטענדיג די זעלבע זשעסטען, אינטאָנאַציע; וואָס פאַר א ראָל ער זאָל ניט שפּילען, דערקענט מען אים גלייך. ביי ווייזענפריינד'ן איז דאָס אָבער ניט. ער איז אַזוי פריש, אַזוי ניי, אַזוי פאַרשיידענאַרטיג, אַז ס'איז ממש צו באַוואונדערען".

און דאָ וועט אפשר ניט זיין איבעריג צו מאַכען א קורצע באַמערקונג:

שרייבענדיג וועגען ווייזענפריינד'ן האָבען אים איניגע קריטיקער אָפטמאָל פאַרגליכען צו מאַסקווין'ען פון'ם מאָסקווער קונסט־טעאַטער. און אַזאַ פאַרגלייך איז ניט אינגאַנצען ריכטיג. מאַסקווין און ווייזענפריינד קענען פאַרגליכען ווערען בלויז אין דעם וואָס זיי זיינען ביידע גרויסע מייסטער אויסצואַרבייטען דעטאַלען אין א ראָל. אין עצם אָבער זנען זיי גרונד־פאַרשיידען איינער פון'ם אַנדערען. מאַסקווין שטרייכט שטענדיג מער אונטער די קאָמישע זייט פון דעם מענשען, וואָס ער שטעלט פאַר אויף דער בינע, אין דער צייט ווען ווייזענפריינד שטרייכט

אלע מאָל אונטער די טראַגישע זייט. מאָסקווין ברייננט ארויס דאָס טראַגישע דורך קאָמיזם, ווייזענפריינד ברייננט ארויס דאָס קאָמישע דורך דעם טראַגישען. איבער דעם וואָס ווייזענפריינד האָט אין איינינע ראָלען אויסערליך דערמאָנט איינינע געשטאַלטען וואָס מאָסקווין האָט אויף דער בינע געשאַפען, האָט מען אים אָפט צו יענעם קינסטלער פאַרגליכען. אין עצם אָבער זיינען זיי גרונד־פאַרשיידען איינער פונ׳ם אַנדערען. ביידע — גרויסע מייסטער, אָבער אין זייער שאַפען גייען זיי אויף פאַרשיידענע וועגען.

און איצט וועל איך זיך אומקערען צוריק צו דער ראָל, וואָס מוני ווייזענפריינד האָט געשפּילט אין י. ד. בערקאָוויטש׳עס „מאָשקע חזיר״. אַלטער עפּשטיין האָט געשריבען:

„דאָס שפּילען פון די מייסטע, וואָס נעמען אנטייל אין דער פּיעסע, איז ווי ס׳פּאַסט פאַר דעם קונסט־טעאַטער. אָט, למשל, איז מוני ווייזענ־פריינד וואונדערליך גוט אין דער ראָל פון דעם אַלטען דיאַקאָן. ער האָט זיך אין דער דאָזיגער ראָלע דערהויבען צו גאַר אַ הויכער מדרגה פון קינסטלערישען שאַפען. די גוטסקייט, די יסורים, דער סאַרקאַזם פון פּיאַטאַק׳ן איז ארויסגעבראַכט אזוי פאַרביג, אזוי רעליעף, אז איר פאַרגעסט, דאָס איר זיינט אין טעאַטער.*)

מער אויספירליך באַהאַנדעלט די ראָל פון קיריל קיריליטש פּיאַטאַק, וואָס מוני ווייזענפריינד האָט געשפּילט אין בערקאָוויטש׳עס „מאָשקע חזיר״, האָט ל. קעסנער. אנווייזענדיג דאַרויף וואָס קיריל קיריליטש איז פון דעם דראַמאַטורג געשילדערט געוואָרען אזוי, אז מען קען אים בשום אופן ניט אָננעמען אַלס אַן אויסגעהאַלטענעם טיפּ; אז מען ווייסט אין אָנפאַנג ניט צי ער איז אַ מלאך, אָדער אַ טייפעל, שרייבט ל. קעסנער:

„ווייזענפריינד, דער פיינער, פיל־און־עכט־פאַרביגער בינען־קינסטלער, האָט זיך געגעבען די ערליכסטע מי צו דערוואַרימען אונז פאַר דעם נייעם קיריל און אונז איבערצייגען, אז ער איז אַ מענש וואָס איז ווערט

*) „טאָג״, אָקטאָבער 7, 1924.

געליבט צו ווערען; ער האָט געשפּילט אויף אַלע סטרונעס פון אינזער הארץ, אויף אַלע קלאַווישען פון אונזער נערווען־סיסטעם. אָבער אַלעס וואָס ווייזענפריינד האָט אויסגעפירט איז, אַז מיר האָבען ליב געקראָגען ווייזענפריינד'ן, אָבער ניט דעם העלד, וואָס ער האָט פאַרגעשטעלט. מיר האָבען זיך באַגייסטערט פאַר ווייזענפריינד'ס קונסט, מימיק, ראַפינירטקייט, נואַנסירטקייט, וואונדערליכע געשטאַלטונגס קראַפט — אָבער ניט פאַר דעם רחמנות־אויסגוס פון דעם פון דער העלער הויט ארויסגעשפּרונגענעם מענשען־פריינד און אוהב ישראל קיריל קיריליטש פּיאַטאַק". *)

מער אייגגעהאַלטען אין זיין שרייבען וועגען ווייזענפריינד'ן אין דער ראָל פון קיריל קיריליטש פּיאַטאַק איז דאָס מאָל געווען אב. קאַהאַן, וועלכער האָט צו מוני'ן ארויסגעוויזען א באַזונדער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געשריבען:

„מוני ווייזענפריינד האָט געהאַט א גאַנץ אינטערעסאַנטע ראָלע און פיל וואָס צו טאָן. דאָס איז א ראָלע פון א שכור'ען גלח, א מין פילאָזאָפישער טרעמפּ. ער האָט פאַנטאַזיעס, אידייען, א שכור'ער אידעאַליסט פון א סאָרט, וואָס ערא‍ינערט אָן לוקא פון גאָרקי'ס „נאַ דניע". ער אידעאַליזירט די אידישע רעליגיע, ער נעמט איר ארויס פון חומש. ווייזענפריינד האָט א סך צו רעדען, א סך קלוגע ווערטער צו זאָגען. ער האָט די ראָלע אייגענטליך געשפּילט אויסגעצייכענט. עס איז אים אָבער אויסגעקומען צופיל צו זיין אויף דער בינע און צופיל צו רעדען. און דאָס איז דערגאַנגען ביז איינטאָניגקייט און לאַנגווייליגקייט.**)

שרייבען וועגען ווייזענפריינד'ן עפּיס אזוינס, וואָס איז ניט אינגאַנצען גוט פאַר אים — דאָס האָט אב. קאַהאַנ'ען אַלע מאָל פאַרשאַפט גרויס עגמת נפש. ער האָט ווייזענפריינד'ן דעם קינסטלער אזוי ליב געהאַט; ער האָט פון זיין טאַלאַנט אזוי שטאַרק געהאַלטען, אַז ער האָט וועגען אים גאָר קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט ניט געקענט זאָגען, און ווען

*) „טאָגעבלאַט", אָקטאָבער 10, 1924.
**) „פאָרווערטס", אָקטאָבער 10, 1924.

ער האָט דאָס אמאָל יאָ געטאָן, האָט אים אַליין ווי געטאָן דאָס האַרץ דאַרויף. וועגן קאהאַן'ס באַציאונג אַלס קריטיקער צו ווייזענפריינד'ן דעם שוישפּילער, האָט מען ווירקליך געקענט זאָגן דאָס זעלבע וואָס ניקאָלאַי עפראָס האָט געזאָגט וועגן דעם גרויסען רוסישען שוישפּילער פון'ם מאָסקווער קונסט-טעאַטער, וואַסילי קאַטשאַלאָוו: „ער איז גוט נים דערפאַר וואָס ער איז מיר ליב, נאָר ער איז מיר ליב דערפאַר וואָס ער איז גוט." און ווען מען האָט — אינ'ם סעזאָן פון 1922-23 — אין אידישען קונסט-טעאַטער אויפגעפירט אַ דראַמאַטיזירונג פון שלום אַש'ס ראָמאַן „מאָטקע גנב", מיט מוני ווייזענפריינד'ן אין דער הויפּט ראָל, האָט אַב. קאהאַן געשריבען:

„מוני ווייזענפריינד ערשיינט אין דער הויפּט ראָלע, ער איז סימ-פּאַטיש, ווי אימער. ער איז מיר אַזוי סימפּאַטיש, אַז עס פאַרשאַפט מיר שמערצען צו זיין געצוואונגען צו שרייבען די פאָלגענדע עטליכע ציילען:

„צום ערשטען מאָל זע איך אים אין אַ ראָלע, וואו ער איז אַבסאָלוט נים געראָטען. וועגן קעסלער'ן האָב איך דאָן געזאָגט, אַז ער איז פאַר דער ראָלע פון מאָטקע'ן צו אַלט, און עס פאָדערט זיך אַ פיל אינגערער מאַן. מר. ווייזענפריינד איז פאַר דער ראָל יונג גענוג; אָבער ליידער שפּילט ער נאָך שוואַכער ווי קעסלער האָט איר געשפּילט — פיל, פיל שוואַכער. נאָר אין די מאָמענטען, ווען ס'קומט אים נים אויס צו ריידען, איז ער געווען גוט."*)

מילדער צו ווייזענפריינד'ן אין דער ראָל פון „מאָטקע גנב" איז געווען דער קריטיקער ב. גאָרין. און ציענדיג אַ פאַרגלייך צווישען דעם פאַרשטאָרבענעם דוד קעסלער און דעם יונגען מוני ווייזענפריינד, האָט ער געזאָגט:

„מיט זיין אויסזען און מיט זיין יוגענט איז מוני ווייזענפריינד בעסער צוגעפּאַסט צו דער ראָל פון מאָטקע. און טאַקע, עס איז גענוג

*) „פאָרווערטס", אָקטאָבער, 1922.

צו זען אים אין דער דאָזיגער ראָל אין דעם צווייטען אקט, אז מיר זאָלען ניט צווייפלען, אז פאַר אונז שטייט מאַטקע. א געפיל פון ברוגז, כעס, ליבע און אייפערזוכט שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיין האַלטונג, און עפּעס קינדערישעס און אומבאַהאָלפענקייט איז אויסגעגאָסען אויף דעם, אין דאָס רופט גלייך ארויס ביים צושויער א ווארימען געפיל צו אים".

איינע פון די גרויסע דערגרייכונגען פונ'ם אידישען קונסט־טעאַטער אינ'ם סעזאָן פון 1924-25 איז, אָן צווייפעל, געווען די אויפפירונג פון ראָמען ראָלאַן'ס דראַמע „וועלף". מיט דער דאָזיגער אויפפירונג האָט דער אידישער קונסט־טעאַטער באַוויזען, אז ווען ער הערט אויף בלאָנ־דזשען אין דער פינסטער, ווען ער הערט אויף זיך אָנצוכאַפּען אַלע מאָל אָן אָן אַנדער „שולע", אָן אַן אַנדער ריכטונג, שטעלט ער זיך אוועק אויף א פעסטען און זיכערען באָדען און שטייגט ארויף צו א הויכער מדרגה פון קונסט.

אין דער פּיעסע, וואָס שפּיגעלט אָפּ איינע פון די אומרואיגסטע צייטען אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1792-93, האָבען זיך ניט באַטייליגט קיין פרויען, נאָר בלויז מענער, און דאָס אליין איז שוין געווען א געוואַגטקייט פון מאָריס שווארץ'ס זייט, ווייל שטעלען אין אַמעריקע א פּיעסע מיט א פּערסאָנאַזש, וואָס האָט ניט קיין איין פרוי, האָט מען געדאַרפט א סך ריזיקירען. האָט שווארץ צוטיילט די ראָלען צווישען די בעסטע, וואָס ער האָט דאַן געהאַט אין זיין טרופּע, און מען קען זאָגען, אז מיט דער אויסנאַם פון איינעם, אָדער צוויי, איז די פאַרטיילונג פון די ראָלען געווען זייער געלונגען. עס האָבען אין דער פּיעסע געשפּילט: מאָריס שווארץ, באַראַטאָוו, מוני וויזענפריינד, איזי־דאָר קעשיר, מאַרק שווייד, יעקב מעסטעל, אברהם טייטעלבוים, וואָלף גאָלדפאַדען, לאַזאַר פריד און נאָך א פּאָר אַנדערע, וועלכע האָבען זיך ניט זייער שטאַרק אָנגעזען.

מיט דעם מייסטערווערק, וואָס שילדערט אַן אינטערעסאַנטען קאַ־פּיטעל אין דער געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט ראָמען ראָלאַן א שליידער געטאָן דער וועלט אין פּנים אריין א

ביטערען אמת, וואָס טוט אַלעמען וויי, ווען מען פּאָרטראַכט זיך ערנסט וועגען דעם; ער האָט באַוויזען, אַז אין דער צייט פון אַ מהומה, אפילו דאַן ווען מען קעמפט פאַר אַ גרויסען אידעאַל, זיינען מענשען פונקט ווי ווילדע וועלף, וועלכע זיינען גרייט איינער דעם אַנדערען איינ־צושלינגען לעבעדיגערהייד; איינער געטרויט ניט דעם אַנדערען; קיינער גלויבט ניט דעם צווייטען; די לופט איז אָנגעפילט מיט חשד, מיט קנאה און שנאה, און אפילו די, וועלכע זיינען גרייט זייערע לעבענס אַוועקצוגעבען פאַר'ן אמת, דיינקען, אַז דער גאַנצער אמת איז ביי זיי און אַז די אַנדערע זיינען ניט אויפריכטיג, אָדער בלינד.

האָט מען די דאָזיגע פסיכאָלאָגיש טיפע שטריכען געדאַרפט ארויס־ברייננגען אין שפּילען ניט נאָר קינסטלעריש, נאָר אויך אינטעליגענט. און צום גליק איז גראָד אויסגעקומען אַזוי, אַז די אַקטיאָרען, וועלכע האָבען אין די „וועלף" געשפּילט, האָבען אויפגעפּאַסט און אויסגע־טייטשט זייערע ראָלען ניט נאָר קינסטלעריש, נאָר אויך אינטעליגענט.

אַזוי איז געווען באַראַטאָוו אין דער ראָל פון דעם מאַרשאַל קענעל; שוואַרץ — אין דער ראָל פון טעליע, וועלכער האַלט, אַז אפילו אין דער שטורמדיגסטער צייט פון אַ רעוואָלוציע דאַרף דער יושר זיין וויכטיגער ווי אַלץ אין דער וועלט; איזידאָר קעשיער — אין דער ראָל פון דעם געוועזענעם קצב ווערראַ, וועלכער איז געוואָרען דער פירער פון די סאַנ־קיולאָטען; לאַזאַר פריד — אין דער ראָל פון ווידאַלאָ; וואָלף גאָלד־פאַדען — אין דער ראָל פון ביוקע; אברהם טייטעלבוים — אין דער ראָל פון דעם געבאַפּטען שפּיאָן; מאַרק שווייד — אין דער ראָל פון זשאַן אַמאַבעל; יעקב מעסטעל — אין דער קליינער ראָל פון אַ סאָל־דאַט, און — אויף וועמען איך וועל זיך דאָ איצט מער אָפּשטעלען — מוני ווייזענפריינד אין דער ראָל פון דעם אַריסטאָקראַטישען קאָמאַנדיר דו'אַראָן.

אַ קליינע ראָל איז דאָס געווען, אָבער געשפּילט געוואָרען איז זי מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און אַזוי פיל אינטעליגענץ, אַז מען האָט אין איר געזען אַ סך, זייער אַ סך גרויסקייט.

וואָלט איך זיך דאָ געקענט אָפּשטעלען אויספירליך אויף די אַלע באַגייסטערטע מיינונגען, וואָס די קריטיקער האָבען אין יענער צייט אויסגעדריקט וועגען דער אויפפירונג אין אַלגעמיין און וועגען ווייזענ-

ווייזענפריינד אַלס דו'אַראָן אין ראָמעין ראָלאַן'ס „וועלף".

פריינד'ס שפילען באַזונדער. איך דענק אָבער, אַז דאָס איז איבעריג. און דערפאַר וועל איך דאָ בלויז איבערגעבען די מיינונג פון איין קריטיקער:

„די ראָלע פון דעם אריסטאָקראַטישען קאָמאַנדיר דו'אראַן, — האָט דאַן געשריבען מ. קאַטץ אין איינעם פון זיינע ארטיקלען וועגען דער אויפפירונג פון „וועלט" אין אידישען קונסט־טעאַטער, — שפּילט מוני ווייזענפריינד. ווער עס האָט אָט דעם יונגען באַזונדער טאַלאַנטירטען שוישפּילער ניט געזען אין דער דאָזיגער ראָלע, יענער האָט נאָך ניט קיין פולען באַגריף פון דער פילזייטיגער גייסטרייכקייט זיינער". *)

מ. קאַטץ, אליין אַ גרויסער פאַרערער פון ווייזענפריינד'ס טאַלאַנט, איז איינפאַך איבערראַשט געוואָרען פון דעם אופן ווי אזוי דער יונגער קינסטלער האָט זיך אריינגעלעבט אין דער ראָל פון דעם אריסטאָקראַ־טישען קאָמאַנדיר דו'אראַן, וועלכער איז איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע, און שרייבענדיג וועגען דעם, האָט ער זיך גע־וואונדערט:

„האָט ער (ווייזענפריינד) ווען געלעבט אין יענער צייט, אין יענער לופט פון אריסטאָקראַטיזם, אין יענער אדעליגער קלאַסישער מאַניר־ליכקייט? ער ברענגט יענע לופט אריין גלייך ווי ער גיט דעם ערשטען טראָט אויף דער בינע. וואָס פאַר אַן עלאַסטישע בויגונגען, וואָס פאַר אַ גראַציעזע באַנעמונג אין רעכטען זויזען און ברויזען פון קאַמף ארום אים און אין אים! וואָס פאַר אַ טיפע איינגעהאַלטענקייט אין זיך און וואָס פאַר אַ פאַראַכטונג צו דאָס ארומיגע מיט דעם אינערליכען פאַרגעפיל, אַז ער וועט דאָ פאַלען אַלס קרבן פון די אינטריגעס פון זיין ברודער, וועלכער איז אין דעם מאָנאַרכיסטישען לאַגער פון שונא, פון דעם מיסטרויען פון זיינע קאַמעראַדען און גענעראַל־שטאַב און פון דעם פּלעבעאישען, אָפּשטויסענדען, און אומגעלומפּערטען קצב ווערראַ! אַ קאָמפּליצירטע נשמה, וועלכע איז אזוי ענטוישט און דערצו נאָך פאַר־פּלאָנטערט אין אַ קאָמפּליקאַציע פון אומשטענדען, דאָך בראַוו אין קאַמף,

*) „די אידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), יאַנואַר 31, 1925.

אפשר טאַקע אויס ראַבע געגען זיין אייגענער אָפּשטאַמונג, אָדער אויס פּערזענליכע מאָטיווען.

„ניט פיעלע מינוטען איז ער אויף דער בינע, ווען איר זעט שוין דעם גאַנצען קאַמף וואָס ס'קומט פאָר אין זיין נשמה. אין דעם צווייטען אַקט, ווען מען כאַפּט דעם דייטשען שפּיאָן און מען געפינט ביי אים אַ בריף פון פּרייסישען לאַגער אדרעסירט צו דו'אַראָן, און אַלע שליידערען אויף אים די קלאַגע פון פאַררעט, הויפּטזעכליך דער ווילדער קצב, איז זיין געזיכט אַ פּסיכאָלאָגישע שטודיע. דער מאָמענט, אין וועלכען מען אַרעסטירט אים, מאַכט דער אויסדרוק פון זיין פּנים אַזאַ איינדרוק, וועלכען מען קען ניט פאַרגעסען. דאָס איז אַ מאָמענט פון עטליכע סעקונדען בלויז, אָבער איז ווערט דעם פּענזעל פון אַ גרויסען מאַלער. אַ לייכט־סאַרקאַסטישע גרימאַסע גיט אַ שפּיל אַרום מויל, דער בליק דריקט אויס שטאָלצען זעלבסט־באַוואוסטזיין, און די גאַנצע פיגור — סטאַאיציזם מיט טיפען עקעל — ניט צו דערנידעריגען זיך צו פאַרענטפערונג. אויב פאַרשפּילט דאָס לעבען, איז פאַרשפּילט! און דאָס אַלעס אין איין סעקונדע שטומענדען אויסדרוק, וואָס לאָזט איבער דעם טיפסטען איינדרוק.

„וואָס פאַר אַ גייסטרייכע פאַרטייטשונג פון אַ ראָלע!"*)

אין דעם זעלבען סעזאָן האָט זיך מוני וויזענפריינד אויך אויסגעצייכענט אין איינינע אַנדערע ראָלען; ער האָט געשאַפען זייער אַ כאַראַקטעריסטישען טיפּ פון אַ „פּאָבליסיטי אַגענט" אין חנא גאָטעספעלד'ס קאָמעדיע „ווען שטאַרבט ער?" ער האָט געגעבען אַ פיינעם טיפּ פון אַן אַמעריקאַנער באַי אין ב. גאָרין'ס פּיעסע „אין יעדען הויז"; ער האָט געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג אין די באַנייטע אויפפירונגען פון'ם טעאַטער, און — ווי שטענדיג — האָט ער, אפילו אין די אַלטע ראָלען, אַלץ צוגעגעבען עפּעס נייס, און יעדער אויפטריט זיינער האָט פאַרשאַפט אַ גרויסען קינסטלערישען פאַרגעניגען. און ווען דער סעזאָן האָט זיך

*) „די אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, יאַנ. 31, 1925.

געענדיגט, האָט זיך ווידער אַמאָל איבערגע׳חזר׳ט דאָס זעלבע וואָס פריער: ווייזענפריינד איז אין אידישען קונסט-טעאַטער ניט אַנגאַזשירט געוואָרען, און אין דעם סעזאָן פון 1925-26 האָט ער שוין גאַר געשפּילט אין מאַקס גאַבעל׳ס טעאַטער.

אין דער ראָל פון דוד לייזער אין „אַנאַטעמאַ".

פאַר ווייזענפריינד׳ן האָט גאַבעל׳ס טעאַטער זיכער ניט געקענט זיין קיין היים פאַר קינסטלערישען שאַפען. דער מין טעאַטער איז אים אין גייסט געווען אינגאַנצען פרעמד. ער האָט זיך ניט געפּאַסט פאַר די פּיעסען, וואָס מען פירט דאָרטען אויף און אויך ניט פאַר דעם שטייגער פון שפּילען, וואָס איז אין יענעם טעאַטער אָנגענומען.

און ווי האָט מען דאָס גאָר געקענט צונויפפּאָרען ?!

פון איין זייט — די באַנאַלע מעלאָדראַמע, וועלכע מוז דווקא אַלעס אַרויסשרייען פון זיך און גאָר ניט איבערלאָזען אין זיך און אויך ניט פאַר דער פאַנטאַזיע פון די צושויער, און פון דער אַנדערער זייט — אַ צוריקגעהאַלטענער, שטיל־ראַפינירטער, פיין־געשליפענער, צאַרטער קינסטלער, וואָס קען מיט איין שטריך אָנצינדען די פאַנטאַזיע פון די, וואָס פאָלגען אים נאָך.

פון איין זייט — אַן אויסגעטראָטענער וועג, וואָס איז אַזוי גלייך, אַז כאָטש נעם און פאַרבינד זיך די אויגען און לאָז זיך גיין אויף אים גלאַט אַזוי זיך, ווייל דו וועסט סיי ווי סיי אין ערגיץ ניט אָנקומען. און פון דער אַנדערער זייט — אַ וועג, וואָס פאַרקירעוועט זיך אַלע מאָל אין אַ זייט, און דווקא דאָן ווען מען ריכט זיך ניט דערויף, אָבער אַזאַ וועג, וואָס פאַרפירט ערגיץ און איבעראַשט אַלע מאָל דאָס אויג.

האָט טאַקע איינער פון די אידישע טעאַטער־קריטיקער — ל. קעסנער — דאָן געשריבען, אַז בעת ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען מוני ווייזענפריינד'ן שפּילען, צוזאַמען מיט דזשעני גאָלדשטיין, אין מאַקס גאַבעל'ס פּיעסע „וואָס וועלען מענשען זאָגען", האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ געפּעכט צווישען צוויי ווידערשפּרעכענדע ריכטונגען אין דער טעאַטער־קונסט; איין ריכטונג ליינט איין די וועלט און שניידט פּאַסען מיט אַזאַ שאַרפקייט, אַז עס גייט אַזש בלוט, און די צווייטע ריכטונג גייט זיך שטיל אין אייגענעם וועג, אָבער מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דער געטליכער גייסט ווייזט זיך ניט דורך דונערען און בליצען, נאָר דווקא אין דער שטילקייט...

אין גאַבעל'ס „וואָס וועלען מענשען זאָגען" האָט ווייזענפריינד געשפּילט אַן אַלטען טאַטען אַן אומגליקליכען, וואָס ווערט צובראָכען פון דעם וואָס זיין געליבטע טאָכטער ווערט פאַרפירט פון אַן אויסוואורף, וועלכער האָט שוין ניט איין מיידעל פאַרפירט — אַ ראָל, וואָס איז שוין טויזענט און איין מאָל געשפּילט געוואָרען לויט אַ געוויסען, באַנאַל־

אויסגעדראָשענעם שטייגער אויף דער אידישער און ניט אידישער בינע, אָבער מוני האָט די ראָל געשפּילט אַנדערש. ער האָט די באַנאַל־אויסגעדראָשענע פּראָזע ארונטערגעשלונגען אַזוי קונציג, אַז מען האָט זיך צו איר גאָר ניט צוגעהערט. דער אופן ווי אַזוי ווייזענפריינד האָט שוישפּילעריש אויסגעדריקט די ליידען פון אַזאַ אַלטען, אומגליקליכען און צוברָאָכענעם טאַטען, איז געוואָרען וויכטיגער פון די רייד וואָס דער פאַרפאַסער האָט אים אין מויל אריינגעלייגט.

געקומען צו דער הויפּט מענער־ראָל אין דער פּיעסע „וואָס וועלען מענשען זאָגען" איז ווייזענפריינד דורך אַ צופאַל, וואָס באַווייזט נאָך מער, אַז אין דער צייט ווען אונזערע טעאַטער־קריטיקער האָבען דעם יונגען טאַלאַנטפולען קינסטלער יאָ אָפּגעשעצט, האָבען אים אונזערע טעאַטער־דירעקטאָרען ניט אָפּגעשעצט, אָדער גלאַט געקוקט אויף אים מיט צופיל קנאה און ניט ווייניג מורא.

ווייזענפריינד האָט אין דער פּיעסע געזאָלט שפּילען אַן אַנדער ראָל. אָבער גראָד האָט מאַקס געביל געדאַרפט אוועקפאָרען קיין איירָאָפּאַ צוליב זיין געזונד און ער האָט די ראָל פון דעם אַלטען טאַטען איבער־געגעבען ווייזענפריינד'ן. ווייזענפריינד האָט אין דער ראָל שטאַרק אויסגענומען. די קריטיקער האָבען אים זייער שטאַרק געלויבט, און מער פון אַלעמען האָט אים דאַן געלויבט הלל ראָגאָף. אין אַן אַרטיקעל, וואָס ער האָט דאַן אָנגעשריבען וועגען צוויי פאַרשטעלונגען, איינע אין סעקאַנד עוועניו טעאַטער, וואו די דייטשע אַקטריסע דזשעני וואַליער האָט געשפּילט, און די צווייטע אין געביל'ס טעאַטער, האָט ער זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף דעם שפּילען פון מוני ווייזענפריינד און אויסגעפירט דעם געדאַנק, אַז אויך אין אַזעלכע ראָלען האָט מוני צו זיך קיין גלייכען ניט אויף דער אידישער בינע, אַז ער שפּילט אַזעלכע ראָלען ניט נאָר בעסער, נאָר אויך אַנדערש.

ווען געביל איז געקומען פון איירָאָפּע, האָט ער ביי ווייזענפריינד'ן אָפּגענומען די ראָל צוריק. אין אַן ערקלערונג, וואָס ער האָט דאַן גע־געבען וועגען דעם אין די צייטונגען, האָט ער געזאָגט, אַז מוני האָט די

ראָל טאָקע געשפּילט גוט, אָבער ער האָט זי אויסגעטייטשט ניט אַזוי ווי ער, דער פּראָפעסער, האָט זיך זי פאָרגעשטעלט.

וויזענפריינד האָט אויף דער ערקלערונג ניט געוואָלט ענטפערן.

„וועגן מיינער א ראָל, — האָט ער געזאָגט, — וויל איך מיט קיינעם קיין עפענטליכע דעבאַטעס ניט פאָרפירן".

א שווערע צייט איז פאַר וויזענפריינד'ן געווען דער סעזאָן פון 1925-26 אין גאַבעל'ס טעאַטער. פּשוט דערפאַר וואָס ס'איז אים דאָרטען אויסגעקומען צו שפּילען אַזעלכע פּיעסען און אַזעלכע ראָלען, אין וועלכע ער האָט זיך געפילט ווי א פרעמדער. וועגן גיין צוריק אין אידישען קונסט-טעאַטער האָט ער דעמאָלט, קענטיג, שוין ניט געטראַכט. וואָרים וואָס וועט דען זיין אויב ער וועט שוין גיין צוריק? וועט ער דאָרט ווידער אָפּשפּילען א סעזאָן און דערנאָך ווידער ארויספאַלען פון דאָרטען. גאָל אויפ'ן הארצען האָט זיך ביי אים שוין געהאַט אָנגעקליבען גענוג איבער דעם וואָס אַפילו נאָך די גרעסטע ערפאָלגען האָט זיך אים רק אויסגעוויזען, אַז „עס איז נאָך אַלץ נישט דאָס", דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די אַנדערע ענטוישונגען, וואָס זיינען אומפאַרמיידליך פאַר א גרויסען אַקטיאָר אין א קליין טעאַטער-וועלטעל. און ווען מען האָט אים פאַר דעם סעזאָן פון 1926-27 אָנגעבאָטען א קאָנטראַקט צו שפּילען אין נעשאָנאַל-טעאַטער, וואו מען האָט אויפגעפירט אָפּערעטען און מעלאָדראַמעס, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט און האָט דעם קאָנ־טראַקט אונטערגעשריבען.

אויפ'ן הארצען איז אים דאַן געווען שווער. גענייגט צו גריב־לענישען אין דער אייגענער נשמה און צו שאַרפען אַנאַליז אין די אומ־שטענדען, וואָס וועבען זיך אַרום אים, האָט ער פאַר זיך געזען א צו־קונפט, וואָס האָט אים ניט ווייניג געשראָקען און געפילט אַרום זיך אַן אַטמאָספערע, וואָס הויבט אָן שטיקען צופיל. וואָס וועט שפּעטער זיין? געקומען קיין ניו יאָרק מיט חלומות, און — וואָס איז פון זיי געוואָרען?! פאַר די עטליכע יאָר וואָס ער איז אין ניו יאָרק, האָט ער שוין געשפּילט אין די אַלע טעאַטערס, וואָס געפינען זיך אין צענטער, און אין קיין

איין טעאטער זיך ניט אָנגעוואָרימט, אין קיין איין טעאטער זיך ניט איינגעבירגערט. און וואָס וועט שפּעטער זיין?! שפּעטער וועט אודאי ווערען נאָך ענגער, נאָך דושנער, נאָך שווערער.

נאָענטע מענשען האָבען אים גערעטען, ער זאָל קויפען פּיעסען מיט גוטע ראָלען פאַר זיך, ער זאָל פּרואווען אַליין ווערען א דירעקטאָר, א בעל הבית פון א טעאטער און שפּילען דאָס וואָס ער וויל, דאָס וואָס ס'איז אים צום הארצען. אָבער ער האָט אַזא שווערע משא מורא געהאַט אויף זיך צו נעמען. ניט געקענט. עס איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז ער איז צו געשעפט־זאכען ניט פעאיג, און אַז אויב ער וועט זיך יאָ נעמען מישען אין געשעפט־זאכען, וועט דערפון אם מערסטען ליידען דער קינסטלער אין אים. און דעם קינסטלער אין זיך האָט ער אַליין קיינמאָל ניט געוואָלט ווי טאָן.

אָנגעהויבען דעם סעזאָן אין נעשאָנאַל טעאטער האָט מען מיט וויליאם סיגעל'ס א פּיעסע „דער גאָרטען פון ליבע". די הויפּט ראָל האָט געשפּילט סעמועל גאָלדענבורג. מוני ווייזענפריינד האָט אין דעם שטיק געהאַט א ראָל פון אַן אַלטען טאַטען.

אין יענער צייט איז מוני ווייזענפריינד געווען זייער פאַרצווייפעלט. אין זיין ריידען וועגען אידיש טעאטער האָט זיך געפילט יאוש, אין זיינע באַמערקונגען וועגען דער אַזוי גערופענער אידישער טעאטער־פּאָליטיק האָט זיך געפילט גאַל און פאַרביטערטקייט. די חלומות, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט, זיינען פאַרשוואונדען. ער איז געווען ענטוישט. עס איז אים געווען ענג. די אַטמאָספערע האָט אים געשטיקט.

און פּונקט אין יענער צייט האָט אים דער אַמעריקאַנער טעאטער־דירעקטאָר סעם העריס אָנגעבאָטען איבערצוגיין אויף דער ענגלישער בינע.

נייע חלומות, נייע האָפענונגען, און דער עיקר — נייע ברייטע מעגליכקייטען.

פאַרבונדען מיט א קאָנטראַקט צום נעשאָנאַל טעאטער, האָט מוני ניט געקענט אָננעמען דעם אָנבאָט פון דעם אַמעריקאַנער טעאטער־

דירעקטאָר, אָבער דער אַקטיאָר נאַטאַן גאָלדבערג, איינער פון די בעלי־בתים אין נעשאָנאַל טעאַטער, איז געווען גוט גענוג צו באַפרייען מוני׳ן פון דעם קאָנטראַקט און אויף אַזאַ׳ן אופן אים געבען די מעגליכקייט צו פּרוּאוּוען זיין מזל אויף דער ענגלישער בינע.

און מוני האָט געפּרואווט.

זיין ערשטער אויפטריט אויף דער ענגלישער בינע איז געווען אין „ווי אַמעריקאַנס" (מיר אַמעריקאַנער). ער האָט אין איר געשפּילט די הויפּט ראָל, און גלייך נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג זיינען אַלע קריטיקער פון די ענגלישע צייטונגען אין ניו יאָרק אַרוים מיט די גרעסטע לויב־געזאַנגען פאַר אים. נאָך מער אויסגענומען האָט ער אין דער צווייטער פּיעסע — „פאָור וואָלס" (פיר ווענט), אין וועלכער ער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פילאָזאָפּירענדען פאַרברעכער, וועלכער באַשליסט צו גיין אויף׳ן גלייכען וועג נאָכדעם ווי ער זיצט אָפּ אַ פּאָר יאָר אין געפענגעניש. די טעאַטער־קריטיקער פון די ענגלישע צייטונגען האָבען אים אָנגעהויבען לויבען נאָך מער, מען האָט אים אָנגעהויבען פאַרגלייכען צו די גאָר גרויסע אַקטיאָרען, מען האָט וועגען אים גענומען ריידען ווי וועגען איינעם פון די גרעסטע שוישפּילער, וואָס די אַמעריקאַנער בינע פאַרמאָגט.

איין קריטיקער האָט דאַן געשריבען, אַז מען זאָל ווייזענפריינד׳ן שטאַרק אָפּהיטען, מען זאָל אים געבען וואָס מער מעגליכקייטען צו ווייזען זיין גרויסען טאַלאַנט, מען זאָל אים שעצען וואָס מער און מען זאָל אים פון אויג ניט אָפּלאָזען, ווייל מען וועט אים נאָך אויסכאַפּען פון אונטער די הענט פאַר די פילמס, וועלכע זוכען אַלץ נייע און נייע טאַלאַנטען פון דער בינע. און די נבואה פון יענעם קריטיקער איז מקוים געוואָרען: אין 1928, פּונקט צען יאָר נאָכדעם ווי מוני ווייזענ־פריינד האָט אָנגעהויבען שפּילען אין ניו יאָרק, אין שוואַרץ׳ס אידישען קונסט־טעאַטער, האָט די פאָקס־פילם־סטודיאָ מיט אים געשלאָסען אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָר, און ער איז געוואָרען אַ פילם־אַקטיאָר.

טוט אודאי באַנג פאַר וואָס די אידישע בינע האָט פאַרלאָרען אַזאַ

באדייטענדען און טאַלאַנטפולען שוישפּילער ווי מוני ווייזענפריינד. עס איז אָבער אין דעם פאַראַן אַ ליכטיגע זייט אויך: דער יונגער קינסט־לער, וועלכער איז עכט אומעטום, האָט מיט זיין שפּילען אין די פילמס דערהויבען דעם פּרעסטיזש פון דעם אידישען שושפּילער, אויף וועלכען מען האָט דאָרט, אין יענע קרייזען, פריער געקוקט מיט ניט וויי ניג בטול און מיט נאָך מער חוזק. וואָרים מיט דער אויסנאַם פון רודאָלף שילדקרויט, וועלכער ווערט אין די פילמס, אגב, גאָר באַטראַכט אַלס אַ דייטשער אַקטיאָר, איז ביז איצטער אין די פילמס ניט געווען קיין איין גרויסער אידישער שוישפּילער. מוני ווייזענפריינד איז דאָרטען געווען דער ערשטער, עכטער, אידישער שוישפּילער. און וואו ער זאָל ניט זיין — אומעטום וועט ער בלייבען מוני ווייזענ־פריינד — דער אמת׳ער, אויפריכטיגער און איבערצייגענדער קינסטלער.

און עס זיינען געווען די צען יאָר אין ניו יאָרק, וואָס האָבען אַזוי בולט זיין עכטען טאַלאַנט אויסגעפורעמט.

עס זיינען געווען די צען יאָר אין ניו יאָרק, וואָס האָבען אים דער־פירט צו באַרימטקייט און צו גרויסע מעגליכקייטען.

נעמען־אָנצייגער

נעמען־אָנצייגער.

א.

אַבראַמאָוויטש, בינאַ. 176, 229.
אָגוליאַ, מימיאַ. 17.
אַדלער, יעקב פּ. 7, 24, 31, 35, 47, 76, 77, 79, 86, 87, 112, 138.
אויסלענדער. 37, 67.
אוספּענסקי, גלעב. 98.
אָלגין, מ. 214.
אַלעקסאַנדער, דער צווייטער. 60.
אַלעקסאַנדער, דער דריטער. 68.
אַנדרעיעוו, לעאָניד. 150.
אַפּעל, חנה. 27, 199, 229.
אָרלעניעוו, פּיאָטר. 17, 147.
אַש, שלום. 107, 113, 126, 139, 207, 233.
אָשעראָוויטש, מ. 224.

ב.

באַראַטאָוו, פּאָול. (בן־צבי). 229, 230, 235.
בוכבינדער, י. 39.
בורלאַק, אנדרעי. 67.
בימקאָ, פּ. 198.
בלאַנק, לעאָן. 10, 22, 23, 50, 72, 78, 99, 136.
בן־עמי, יעקב. 94.
בעלינסקי, וו. ג. 148.
בעני, (קעסלער׳ס גאַרדעראָבער). 10, 111.
בערנאַרד, סאַראַ. 17.
בערקאָוויטש, י. ד. 220, 229, 231.
בראָדי, יוסף. 138.

ג.

גאָגאָל, ניקאָלאַי. 43, 150, 211, 221.
גאָטעספעלד, חנא. 238, 240.
גאָלדבערג, נאַטאַן. 244.
גאָלדסמיט, יחיאל. 8.
גאָלדענבורג, סעמועל. 221, 243.
גאָלדפאַדען, אַברהם. 36, 37, 38, 42, 55, 61, 62, 64, 67.
גאָלדפאַדען, וואָלף. 229, 235, 236.
גאָלדפאַדען, יודעל. 61.
גאָלדשטיין, זשעני. 240.
גאָרדין, יעקב. 32, 63, 86, 87, 88, 99, 117, 120, 126, 136, 163, 177, 178.
גאָרין, ב. 35, 47, 77, 112, 113, 164, 203, 204, 212, 234, 238.
גאָרקי מאַקסים. 98, 104, 108, 223, 232.
גילראָד, לואיס. 186, 187.
גינזבורג, נאָרמאַן דזש. 206.
גלאַנץ, א. 219.
געביל, מאַקס. 160, 239, 240, 241, 244.
געלער, מ. 58.
גערמאַן, מישא. 199, 215, 218.
גערסטאָן, בערטאַ. 199, 215, 229.
גראַדנער, ישראל. 35, 38.
גראָסמאַן, אוירווינג. 168.

ד.

דאָסטאָיעווסקי, פּיאָדאָר. 98.
דובינסקי, יודעל. 10.

דובנאָוו, שמעון. 68.
דינגאָל, ס. 218.
דראָזדאָוויטש. 76.

ה.

האָלצהענדלער, ישראל. 75.
הורוויץ, משה איש הלוי („פּראָפּע־סאָר"). 22, 164.
היימאַן, לואיס. 80.
הירשביין, פּרץ. 94.
הערים, סעם. 243.

וו.

וואַליער, זשעני. 197, 241.
וואָרלאַמאָוו, קאָנסטאַנטין. 147.
וויזענפריינד, מוני. 7, 8, 9, 18, 145, 146, 147, 148, 149, 150, 151, 152, 147, 148, 149, 150, 151, 152, 153, 155, 156, 158, 160, 161, 162, 165, 166, 167, 168, 169, 170, 171, 172, 174, 175, 176, 177, 178, 179, 180, 181, 182, 183, 184, 185, 186, 187, 188, 189, 190, 191, 192, 193, 194, 195, 196, 197, 198, 199, 200, 201, 202, 203, 204, 205, 206, 207, 208, 209, 210, 211, 212, 213, 214, 215, 216, 217, 218, 19־, 220, 221, 222, 223, 224, 226, 227, 228, 229, 230, 231, 232, 233, 234, 235, 236, 237, 238, 239, 240, 241, 242, 243, 244, 245.
וויזענפריינד, סאַלטשע. 163, 164.
וויזענפריינד, פּוליפּ. 162, 163, 172, 173, 174, 176, 180.
ווינבלאַט, סאַבינאַ. 210.
ווילנער, א. 218.
ווילענסקי, מערי. 90.
וויסקאָווסקי, וולאַדימיר. 211, 214, 216.
ווישנעווסקי, אַלעקסאַנדער, 119, 120

ז.

זאַלאַטאַרעווסקי, יצחק. 136, 222.
זאַק, לודוויג. 160, 212.
זילבערצווייג, זלמן. 10, 37, 163.

ט.

טאַאיראָוו, אַל. 41.
טאָלסטאָי, אַלעקסעי. 120.
טאָלסטאָי, לעוו. 98.
טאָמאַשעווסקי, באָריס. 79, 87, 112, 113.
טאָמאַשעווסקי, בעסי. 79.
טוכבאַנד. 183.
טייטעלבוים, אברהם. 30, 229, 235, 236.
טעליאַקאָווסקי. 25, 26.
טריימלער, טשאַרלס. 163.

י.

יאַנג, קלאַראַ. 10.
יאוועליר, קלמן. 22.
יוזשין־זומבאַטאָוו. 120.
יעווריעאינאָוו, ניקאָלאַי. 150, 224, 226.
יענקי, ישראל (י. פרידמאַן). 34, 85, 86, 196, 212.

ל.

לאַטיינער, יוסף. 164.
לאַנדוי, זישאַ. 197.
לאַנפעלד, סעם. 182, 183.
ליבין, ז. 99, 100, 108, 109, 227.
ליבערעסקאַ, יצחק. 37, 38.
ליליפוט (קרעטשמאַר). 226.
ליפּצין, קעני. 35.
לעאָנידאָוו, לעאָניד. 147.

מ.

מאָגולעסקאָ, זיגמונד. 17, 35, 55, 69, 71, 73, 75, 76, 77, 176.
מאַטשאַלאָוו. 148.
מאַנדעלקערן. 75,76.

מאַסקווין, איוואַן. 147, 151, 229, 230, 231.
מאַריסאָן, מאָריטץ. 17.
מוקדוני, א. דר. 221.
מייזעל, היימאַן. 229.
מעסטעל, יעקב. 229, 235, 236.

נ.

נאַדאַלסקי, לייב. 10, 58, 59, 61, 62.
נאַדאַלסקי, סאָניא. 10, 28, 29, 61, 62.
ניקאָלאַי, דער ערשטער. 36, 178.
נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ. 120, 151.

ס.

סאַן־קלעיר, מאַטילדאַ. 208.
סואוואָרין, אַלעקסעי. 65, 66, 147.
סטאַניסלאַווסקי, קאָנסטאַנטין. 30, 96, 147, 214, 216.
סיגעל, וויליאַם. 243.
סעקלער, ה. 222.

ע.

עדעלשטיין, יוסף. 184, 209.
עלמאַן, מישאַ. 167.
ענטין, יואל. 195, 196.
עפּשטיין, שכנא. 230.
עפּשטיין, אַלטער. 198, 231.
עפראָס, ניקאָלאַי. 151, 233.

פּ.

פּאַנאַיעוואַ, אַוודאָטיאַ. (גאָלאָוואַטשאָוואַ). 148.
פּאַסטערנאַק, וויליאַם. 10.
פּינסקי, דוד. 88, 117, 126.
פּיקאָן, מאָלי. 185.
פּרץ י. ל. 195.

פֿ.

פֿינקעל, א. 37.
פֿינקעל, בעלאַ. 210, 226.
פֿינקעל, מ. 69, 75, 76.
פֿינקעל, עמאַ. 210.
פֿישקינד, אברהם. 10, 65, 66.
פֿרומקין, א. 219.
פֿריד, לאַזאַר. 10, 95, 132, 229, 235, 236.

צ.

צוקערמאַן, לייזער. 65.

ק.

קאַברין, לעאָן. 33, 34, 39, 101, 115, 133, 134.
קאַהאַן, אב. 54, 109, 201, 202, 203, 211, 217, 226, 232, 233.
קאַזעלסקי־איוואַנאָוו. 17, 67.
קאַטץ, מ. 237.
קאַטשאַלאָוו, וואַסילי. 147, 148, 216, 233.
קאַליך, יעקב. 10, 94, 185, 186.
קאַמיסאַרזשעווסקאַיאַ. 17.
קאַראַטיגין, וו. א. 148.
קאַראַלניק, א. דר. 212.
קאַראַלענקאָ, וולאַדימיר. 104.
קיסין, י. 213.
קעסטין, סעמועל. 10, 95.
קעסלער, דוד. 7, 8, 9, 13, 14, 15, 16, 17, 19, 20, 21, 22, 24, 25, 26, 29, 30, 31, 32, 33, 34, 35, 40, 42, 43, 46, 48, 49, 50, 52, 53, 54, 55, 56, 57, 58, 59, 60, 61, 62, 63, 69, 70, 71, 72, 73, 74, 75, 77, 78, 79, 80, 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95, 96, 97, 98, 99, 100, 101, 103, 108, 109, 110, 111, 112, 113, 114, 115, 116, 117, 119, 121, 123, 124, 125, 126, 128, 129, 130, 131, 132, 133, 134, 136, 137, 138, 139, 160, 176, 184, 185, 208, 233, 234
קעסנער, ל. 232, 240.

קעשיר, איזידאָר (יצחק). 10, 129, 229, 235.
קריטשמאַר־יזרעאלי. 229.

ר.

ראַבינאָוויטש, יחזקאל. 205.
ראַגאָף, הלל. 194, 223, 227, 241.
ראָזען, לאה. 229.
ראָזענגאַרטען. 76.
ראָזענפעלד, מאָרים. 87.
ראַים, זשעני. 61.
ראָמעין־ראָלאָן. 230, 234, 235.
ראַסקין, סאול. 204.
רומשינסקי, יוסף. 209.

ש.

שאַליאַפּין, פיאָדאָר. 25.
שאַצקי, יעקב, דר. 9.

שוואַרץ, מאָרים. 8, 31, 32, 160, 185, 187, 188, 189, 190, 195, 197, 199, 200, 205, 209, 211, 215, 219, 221, 227, 228, 234, 235.
שווייד, מאַרק. 229, 230, 235, 236.
שווערובאָוויטש (קאַטשאַלאָוו). 148.
שטשעפּקין, מיכאאיל. 43, 44, 45, 67.
שיינגאָלד, אַבאַ. 54, 55, 56.
שייקעוויטש (שמר). 110, 164.
שילדקרויט, רודאָלף. 17, 208, 245.
שנייער, סעמועל. 31.
שניצער, הענריעטאַ. 94.
שניצער, לואיס. 94.
שלום־עליכם. 150, 190, 193, 199, 200, 201, 202, 203, 205, 209, 217, 218, 221.
שעקספּיר, וויליאַם. 163, 208.

בילדער־אָנצייגער

בילדער אין בוך.

זייט	
דוד קעסלער, אַלס שלמה'קע שאַרלאַטאַן	3
קעסלער'ס מוטער	49
סואוואָרין'ס בריף צו פּישקינד'ן	66
דוד קעסלער, שפּאַצירענדיג אין גאַס	71
זיגמונד מאָגולעסקאָ	76
דוד קעסלער, אַלס יאַנקעל שאַבשאַוויטש	114
דוד קעסלער, אַלס יאַנקעל דער שמיד	116
דוד קעסלער, אַלס הערשעלע דובראָוונער	118
דוד קעסלער, אין די יונגע יאָרען	121
מוני ווייזענפריינד	143
מוני ווייזענפריינד, אין דער ראָלע פון דזשעימס דאַיק	152
סאַלטשע ווייזענפריינד	164
פיליפּ ווייזענפריינד	173
מוני ווייזענפריינד (אין די ערשטע יאָרען אין ניו יאָרק)	188
אַ סצענע אין „שווער צו זיין אַ איד"	199
בעלאַ פינקעל	210
מוני ווייזענפריינד, אין דער ראָלע פון אָסיפּ	213
אַ סצענע אין „דאָס גרויסע געווינס"	215
מוני ווייזענפריינד, אין דער ראָל פון קיריל קיריליטש	228
מוני ווייזענפריינד אין „וועלף"	236
מוני ווייזענפריינד, אין דער ראָל פון דוד לייזער	239